STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08642

40 YOR HISTADRUT, 1920-1960

Alexander Manor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלכסנדר מנור

40 יאר הסתדרות

1960 - 1920

צווייטע אויפלאגע

פון העברעיש: משה ערעם

פארלאג י. ל. פרץ ישראל
1960

אלכסנדר מנור / 40 יאָר הסתדרות
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

ALEXANDER MANOR
FORTY YEARS OF THE HISTADRUT

Publishing House I. L. Peretz
31 *Allenby Str., Tel-Aviv, Israel*

די בילדער זענען פון דער צענטראלע פאר קולטור און דערציִונג
ביי דער הסתדרות

©

נדפס בישראל
Printed in Israel, 1960

דפוס „אורלי", יסוד־המעלה 27, ת"א, טל. 32062

ספעציעלע אויפלאגע פארן
הסתדרות־קאמפיין אין אמעריקע

מיט פאָלגנדיקע צוגאָב־מאַטעריאַלן:

באַגריסונג פון ישראל-פּרעזידענט יצחק בן-צבי
אַ וואָרט צו יידן אין אַמעריקע און קאַנאַדע

אַרטיקלען פון:

1. בן־גוריון (פּרעמיער פון דער ישראל־רעגירונג)
2. פּנחס לבון (גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות)
3. משה שרת
4. יוסף שלאָסבערג
5. בצלאל שערמאַן
6. וואָלטער רוטער
7. ה. לאַנג
8. א. העמלין

אינהאַלט

אַריינפיר 11
ערשטער קאַפּיטל: הסתדרות — אירע קוואַלן און געשיכטע . . . 13
צווייטער קאַפּיטל: די קאָנפערענצן פון הסתדרות 37

ערשטע קאָנפערענץ — גרינדונגס־פאַרזאַמלונג 39
צווייטע קאָנפערענץ 44
דריטע קאָנפערענץ 48
פערטע קאָנפערענץ 52
פינפטע קאָנפערענץ 60
זעקסטע קאָנפערענץ 62
זיבעטע קאָנפערענץ 66
אַכטע קאָנפערענץ 70
ניינטע קאָנפערענץ 75

דריטער קאַפּיטל: פּרינציפּן און ווערטן 81
די צילן פון הסתדרות 83
די אידעישע און גייסטיקע וואָרצלען 85
פרייהייט פון דיסקוסיע און איינהייט פון טאַט 86
דער גורל־בונד 88
יסודות, וואָס זענען געקניפּט און געבונדן 90

פערטער קאַפּיטל: די פּראָפעסיאָנעלע נעץ און קעגנזייטיקע הילף . . . 93
א. די נעץ פון פּראָפעסיאָנעלער פאַראייניקונג
עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען . . . 95

דער מהות פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג 104
וועג־צייכנס 112
אַרבעטס־געזעצגעבונג 114
די אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג 118
דער צענטראַלער פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע — אַ מוסטער פון אַ לאַנד־פאַראיין 106
אַ נוסח פון אַרבעטס־אָפּמאַך 108
פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די לוין־אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט 126
דער אונטערשיד צווישן דעם בוי פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד 114
דער אַרבעטער־ראַט 115
די פּראָדוציר־ראַטן און דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין 117
דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און דער אַראַבישער אַרבעטער . . . 119
דער אָפּמאַך מיט „הפועל המזרחי“ 120
דער רעליגיעזער אַרבעטער אין הסתדרות 120
די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק און אירע דערגרייכונגען. 121

די פאַרזיכערונגס־פאָנדן

פאַרזיכערונגס־פאָנד פון די בוי־אַרבעטער און אין די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן 123
„מבטחים“ 141
די צענטראַלע פענסיע־קאַסע פון די אָנגעשטעלטע 143
די פענסיע־קאַסע פון די הסתדרות־אָנגעשטעלטע 143
די הסתדרות פון דער אַרבעטער־ און לערן־יוגנט 127
„הבונים — די פאַראייניקטע באַוועגונג“. 129

ב. די נעץ פאַר קעגנזייטיקער הילף

קופת חולים (די קראַנקן־קאַסע) 131
קעגנזייטיקע הילף און סאָציאַלע פאַרזיכערונג 136
די אַנשטאַלטן פאַר סאָציאַלער הילף 136
די אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג 143

פינפטער קאַפּיטל: דער צוזאַמענפלעכט פון ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער שליחות . . 147

א. די ארבעטער־ווירטשאַפט

די ווירטשאַפטלעכע שליחות און איר טרייבקראַפט 149
„חברת עובדים" — די אַרבעטער־געזעלשאַפט 151
די אַרבעטער־ווירטשאַפט אויפן לאַנד 154
די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע 154
הקיבוץ המאוחד — דער פאַראייניקטער קיבוץ; 156
הקיבוץ הארצי „השומר הצעיר" — דער לאַנד־קיבוץ „השומר הצעיר" 165
איחוד הקבוצות והקיבוצים — די פאַראייניקונג פון די קבוצות און קיבוצים 169
מושבי עובדים — אַרבעטער־קאָלאָניעס 173
מושב שיתופי — דער קאָלעקטיווער מושב 176
„העובד הציוני" אין דער לאַנדווירטשאַפט 181
די לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַראייניקונג — „ניר־שיתופי" 183
„יכין־חק"ל" 184
„המשביר המרכזי" — די צענטראַלע פאַר איינקויף און פאַרקויף . 184
„תנובה" — דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו 187

אינדוסטריע, אַנטוויקלונגס־אונטערנעמונגען און באַנק־וועזן

„סולל בונה" 191
רעאָרגאַניזאַציע אין דער סטרוקטור פון „סולל־בונה" 194
געמישטע אונטערנעמונגען און געזעלשאַפטן 195

אַסעקוראַציע

„הסנה" — פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט 196

באַנק־וועזן

בנק הפועלים — אַרבעטער־באַנק 197
געהילפס־געזעלשאַפטן פון בנק־הפועלים 197
אמפל 198

די קאָאָפּעראַציע און אירע אָפּצווייגן

די פּראָדוציר־ און באַדינונגס־קאָאָפּעראַציע 200
די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע 206
די וווינונגס־קאָאָפּעראַציע ביי דער הסתדרות 207
דער וועג צו ווירטשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע 212
אויספירן און סך־הכלען. 215

ב. די הסתדרות אַלס פּאָליטישע קראַפט

צוזאַמענאַרבעט פון הסתדרות מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מדינה־אַנשטאַלטן 217
די לויפנדיקע פּאָליטישע טעטיקייט פון הסתדרות. 220

זעקסטער קאַפּיטל: די תורה פון מעשים

. . . . 223

די פאַרבינדונג צווישן דעם מאַטעריעלן און גייסטיק־קולטורעלן שאַפן

קולטור און דערציונג 225
דערציונג און פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג 226
אויסבילדונג פון אַ הסתדרות־אַקטיוו 227
בילדונג פאַר דערוואַקסענע 228
קולטור־אַנשטאַלטן 238
אויפקלערונגס־אַרבעט: מינדלעך און שריפטלעך 240
קונסט־אַנשטאַלטן 241
פיזישע קולטור 244
סך־הכלען (די טאַט און די אידעע) 245

די הסתדרות און דער הסתדרות־קאַמפּיין

אַ וואָרט צו יידן אין אמעריקע און קאַנאַדע 251
יצחק בן־צבי — באַגריסונג 253
דוד בן־גוריון — די ראָל און אויפגאַבן פון דער הסתדרות . . . 256
אַ געשפּרעך מיט פּנחס לבון 258
מ. שרת — אַ יוניאָן וואָס בויט אַ לאַנד 266
יוסף שלאָסבערג — רינגען אין דער יידישער גאָלדענער קייט . . . 275
בצלאל שערמאַן — בריק צווישן דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג און ישראל 281
וואָלטער רוטער — הסתדרות און ישראל — אונדזער אַלעמענס שטאָלץ 287
ה. לאַנג — גרינדער און בויער פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין . 292
א. העמלין — דער בייטראַג פון היגע יוניאָנס צו מדינת ישראל . . . 305
רשימה פון די בילדער . . . . 309—310
ביבליאָגראַפיע 311

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז
די צוקונפט פון אָט דעם לאַנד און די גאַנצע
צוקונפט פון אונדזער שטאַם ליגט ביי אייך
אין די הענט.

אַלבערט איינשטיין

אויפן צווייטן הסתדרות־צוזאַמענפאָר
(„פנקס״ — כ״ה שבט, תרפג׳)

אַריינפיר

דאָס מאַטעריאַל, וואָס איז ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דער הס־תדרות נעמט אַרום בעיקר פּרטים, איינצלנע פאַקטן, באַשרייבונגען פון די הסתד־רות־אינסטיטוציעס, אָפּגעזונדערטע פאַר זיך, אָבער נישט דעם גאַנצן געוועב, וואָס בינדט צונויף די הלכה — די טעאָריע — מיט דעם טאַט. שטריכן און ליניעס אָנגעוואָרפן דאָ און דאָרט, גיבן נישט קיין אויסשעפּנדיקן באַגריף וועגן דער הסתדרות.

ס׳איז נאָך עד היום נישטאָ קיין בוך וועגן הסתדרות, וואָס זאָל אַרויסברענגען דאָס הסתדרותישע ווערק נישט בלויז פון פּראַקטישן אָדער היסטאָרישן אַספּעקט, און נישט דווקא ווי אַ כראָנאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון די הסתדרות־אַנשטאַלטן, נאָר זאָל אונדז געבן דאָס פולע בילד פון הסתדרות — איר געשיכטלעכן גאַנג אויפן אידעישן פּאָן. אמת, די ערשטע, וועלכע האָבן געלייגט די גרונט־שטיינער פון הסתדרות האָבן נישט אָפּגעגעבן זיך מיט טעאָריע, נאָר מיט דעם פּראַקטישן אויפטו און די אידעאָלאָגיע איז טאַקע געקומען שפּעטער מיט דער פּראַקטיק; אָבער מיר היינט טאָרן נישט פאַרזען דעם ענגן צוזאַמענבונד פון דער טעאָריע און פּראַקטיק אין דער הסתדרות, — ווי אַזוי די אידעאָלאָגיע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט און האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין שויס פון דער הסתדרות.

די כוונה פון דעם בוך, וואָס מיר טראָגן דאָ צו דעם לייענער, איז, בכן, נישט געבן אַ באַשרייבונג פון די הסתדרות־אינסטיטוציעס, נאָר פאָרשטעלן דעם עצם־וועזן פון הסתדרות, הן היסטאָריש, הן אידעיש; ווייזן, ווי וויט מעגלעך, דעם גאַנצן בנין פון הסתדרות, ווו די פאַרשידענע צווייגן און אַקטיוויטעטן פאַסן זיך אַריין ווי ציגל און בילדן איין גאַנצקייט. דעריבער זענען מיר אויסן נישט דעם אָדער יענעם פרט, נאָר די טעאָריע און די טאַט פון הסתדרות, ווי אַ שלימות. דער אידעישער רוקנביין, וואָס בינדט דעם אינהאַלט פון בוך, אַנטפּלעקט די קאָנסטרוקציע פון הסתדרות, ווי אַ האַרמאָנישע פאַרבינדונג פון פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט און אַרבעטער־ווירטשאַפט, ווו אַלץ איז געבויט אין איין ריכטונג — שאַפן די יידישע אַרבעטס־געזעלשאַפט — אָן עקספּלאָאַטירער און עקספּלאָאַטירטע.

ע ר ש ט ע ר   ק א פ י ט ל

הסתדרות - אירע קוואלן און געשיכטע

א

„אונדזער היינטיקע אַרבעטער־הסתדרות איז נישט די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער אין ארץ־ישראל. אויסער די „בילויים", וועלכע זענען געקומען, אין עצם לכתחילה, כמעט ווי אַן אַרבעטער־פאַראייניקונג, איז דער ערשטער פּרווו פון אויפשטעלן אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל געמאַכט געוואָרן נאָך אין יאָר תרמ"ז (1887)" *.

די הסתדרות ציט איר יניקה פון די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, וואָס זענען אויפגעקומען נאָך פאַר איר און זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם געקרוינטן עטאַפּ פון זייערע באַמיונגען, דערפאַרונגען, פון זייער אידעישן און אָרגאַניזאטאָרישן געראַנגל. כדי צו באַנעמען די טיפע באַדייטונג און דעם וועזן פון הסתדרות, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף די וואָרצלען און קוואַלן, וואָס האָבן געשפייזט די הסתדרות, און פאַרצייכענען הן די פריערדיקע אָרגאניזאציע־פּרוון, הן די אידעישע ירושה, וואָס עס האָבן איר איבערגעלאָזן די ערשטע אַרבעטס־אָרגאניזאציעס. לויט דער מיינונג פון ב. כצנלסון איז דער ערשטער אויפשפּראָץ פון אַן ארבעטער־אָרגאַני־זאַציע פארבונדן מיט דער „בילו"־באַוועגונג. הייסט עס, אז מען קאָן באַטראכטן די בילו־באַוועגונג ווי דאָס וויגעלע פון דעם ערשטן אַרבעטער־פאראיין.

די „בילויים" האָבן זיך צעטיילט אויף 2 גרופּן: איין טייל האָט געגרינדעט גדרה און דער צווייטער טייל האָט פאַרלייגט דעם ערשטן ארבעטער־פאַראיין אין לאַנד מיטן נאָמען „שיבת החרש והמסגר" („דער צוריקקער פון האַנטווערק און שלאָסער"). די מיטגלידער פון דעם פאַראיין האָבן געוווינט צוזאַמען, געפירט אַ בשותפותדיקע ווירטשאַפט און בשותפות פּראָדוצירט סטאָלערײ־ און טאָקערײ־ אַרטיקלען. דער צענטראַלער געדאנק פון פאַראיין איז געווען צוזאַמענשליסן פּראָ־

---

* ב. כצנלסון, כתבים, באַנד וו, ז. 116.

פּעסיאָנעלע אַרבעט מיט קאָלאָניזאַציע ביז צום אויפשטעלן אַן „אינדוסטריעלע קאָלאָניע”, ד. ה. פאַרבינדן אינדוסטרי מיט ערד־אַרבעט. אין אָט דעם צונויפגוס פון „חרושת־המעשה” — אינדוסטרי־אויפטו מיט לאַנדווירטשאַפט האָבן זיי געזען דעם צענטראַלן שליאַך פאַרן גאַנג פון דעם אַרבעטס־מענטש אין לאַנד.

צוויי יאָר האָט עקזיסטירט אָט דער פאַראיין אין ירושלים און דערנאָך איז ער זיך צעפאַלן.

אַנדערע גייען נאָך ווייטער און האַלטן אפילו, אז אָט דער פאַראיין איז פאַקטיש געווען דער ערשטער „פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־פאַראיין” אין פולן זין פון וואָרט: „די בילויים” האָבן פריער געאַרבעט אין מקוה־ישראל און ווען ס'האָט שוין געהאלטן ביי זיי שמאָל מיט חיונה איז זיי געקומען צו הילף מיכאל פינעס, וועלכער האָט געוואָלט זיי אויסלייזן און אַוועקשטעלן אויף די פיס דורך צוויי אויסוועגן: איינער — שאַפן אַ זעלבשטענדיקע קאָלאָניע פון „חובבי ציון” און דער צווייטער — אויפשטעלן אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (דער קורסיוו איז מיינער — א. מ.) פאַר די, וועלכע זענען נישט אַוועק אויף לאַנד־אַרבעט און פאַרבליבן אַרבעטער און האַנטווערקער, צי אַלס לוין־אַרבעטער, צי דורך אַרבעט ביי זיך. אָט דער פאַראיין האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „שיבת החרש והמסגר” (שה”ו) און איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך מיכאל פינעס.” קומט אויס, אַז „שיבת החרש והמסגר” איז געווען דער ערשטער „פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין” אין לאַנד. ס'וועט אָבער זיין אַ טעות אויב מיר וועלן אָננעמען אָט דעם פאַראיין פאַר אַווירקלעכן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. א פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, אין ריכטיקן זין פון דעם באַגריף, מיינט קודם־כל אָט וואָס: אַן אַרבעטער־פאַראיין, וואָס קעמפט פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטער, וועלכע זענען שוין באַשעפטיקט, געפינען זיך אין דעם פּראָדוציר־פּראָצעס און זענען פאַרוואָרצלט אין דער אַרבעט. אָבער אין דער תקופה פון דער ערשטער עליה זענען נאָך בכלל כמעט ווי נישט געווען קיין סטאַבילע אַרבעטס־פּלעצער און דער קלאַסן־קאַמף איז אָנגעגאַנגען פאַר דער מעגלעכקייט ערשט אַריינצודרינגען אין דעם שטח פון פּראָדוציר־באַציונגען („כיבוש עבודה” — דעראָבערן די אַרבעט). היות עס זענען נאָך נישט געווען קיין אַרבעטער, פאַרוואָרצלטע אין די פאַרשידענע אַרבעטס־צווייגן, איז ממילא נאָך נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר א פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. מוז מען דעריבער באַטראַכטן

דעם ערשטן אַרבעטער־פּאַראיין נישט ווי א פּראָפעסיאָנעלן, נאָר בלויז ווי אַן אָרגאַ־ניזירטן פּרווו, נישט גראָד אויפן פּראָפעסיאָנעלן יסוד.

ב

אַ פיל מער ערנסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געווען די, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן אין 1887 יאָר אין ראשון־לציון, דורך נייע עולים, און וואָס האָט געהייסן „אגודת פועלים" — פּאַרבאַנד פון אַרבעטער. איינער פון אירע גרינדער איז געווען מיכאל האַלפּערן. די אָרגאַניזאַציע האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין פריינדלעכער באַציונג מצד דעם ישוב אין יענע צייטן. די אַדמיניסטראַציע פונעם באַראָן האָט זי פאַרפאָלגט און אפילו אליעזר בן יהודה איז אַרויס קעגן איר און אַלאַרמירט קעגן דעם פרייהייטס־געדאַנק, וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעהויבן. ער האָט געהאַלטן, אַז מענטשן, וועלכע האָבן אין זינען די פרייהייט, וועלן נישט אויפבויען דאָס לאַנד, נאָר ברענגען צו א חורבן („הצבי", תרמ"ז, נומער 14). מען האָט אויך חושד געווען די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, אַז זיי זענען געכאַפּט אויף מאַרקסיזם.

וואָס איז געווען די פּלאַטפאָרם פון „אגודת־פועלים"?:

א. קעגנזייטיקע הילף, ב. קאָמונע־לעבן, ג. מטפל זיין זיך מיט די נייע עולים און אויסלערנען זיי אַרבעט. „מקרב זיין די נייע עולים, וועלכע קומען טאָג־טעג־לעך, אויסבילדן זיי און אויסלערנען די אַרבעט אין ווייגאָרטן און פּלאַנצונגען", ד. זאָרגן וועגן אָנגעמען און פאַרטיילן אַרבעט. און דאָך האָבן זיי געזען דעם עיקר אין אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און זיך אפילו געשטעלט דעם ציל צו באַזעצן זיך אין חורן. פון דעם זיינגט אַרויס אַז הן די אָרגאַניזאַציע „שיבת החרש והמסגר", הן „אגודת־פועלים", האָבן געשטרעבט אויפצושטעלן אַן אַרבעטער־ווירטשאַפט, ווי אַן עיקר־מיטל צו פאַרטיידיקן און פאַרזיכערן דעם אַרבעטער־אינטערעס און דעם אויפבוי פון לאַנד. אויך די הסתדרות האָט אָנגעהאַלטן בלויז צוויי יאָר און זיך דערנאָך אויפגעלייזט אונטערן דרוק פון דער פיינדלעכער באַציונג מצד דעם ישוב, ווו עס האָט געהערשט די אַדמיניסטראַציע פון באַראָן און צוליב דעם שווערן מצב מיט אַרבעט.

ג

דער אויפשוווּנג פון דער עליה אין די יאָרן 1890—1891, וואָס האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון חדרה און רחובות, האָט אַרויסגעבראַכט אויך די ארבעטער־אָרגאַניזאַציע אין רחובות מיטן נאָמען „אגודת אחים" (ברודער־פאַראיין), אָדער ווי זי האָט אַנדערש געהייסן „די אָרגאַניזאַציע פון די צענדליקער". אין רחובות האָבן זיך דאַן קאָנצענטרירט הונדערטער ארבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט טאָג־טעגלעך ביים צוגרייטן דעם באָדן און די פּלאַנצונגען.

די אָרגאַניזאַציע איז געווען געבויט אויף קבוצות, אויף גרופּן פון 10 מענטשן און היות זי האָט זיך באַשעפטיקט אויך מיט שמירה און שוץ און דורכגעפירט מיליטערישע איבונגען — האָט זי געטראָגן אַ קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער. אָט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט, בכן, געדינט אויך ווי אַ שוץ־וואַנט פאַר רחובות קעגן די אַראַבישע איבערפאַלן.

אָבער די אמתע לייזונג פאַר דעם אַרבעטער האָט אויך די אָרגאַניזאַציע „אגודת אחים" געזען נישט אין לוין־אַרבעט דווקא (ביי פּלאַנצן און וועכטעריי), נאָר קודם־כל אין קאָלאָניזאַציע. די שטרעבונג איז געווען — אָפּשפּאָרן געלט, איינשאַפן זיך באָדן און אויפשטעלן אַן ארבעטער־ישוב.

אַנדערע ווייזן נאָך אָן אויף אַ צווייטער ארבעטער־אָרגאַניזאַציע פון יענער תקופה, וואָס האָט זיך גערופן „לאַנד און אַרבעט". זי איז אַנטשטאַנען לויט דער איניציאַטיוו פון מאיר דיזנגאָף, וועלכער איז געקומען פון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

קוקט מען זיך אָבער צו אַ ביסל נענטער צו אָט דער אָרגאַניזאַציע ווערט קלאָר, אַז נישט אַרבעטער האָבן זי געשאַפן; דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו „שאַפן פּראָסט־פּשוט יידישע פּויערים אין ארץ־ישראל, דאָס הייסט אויפשטעלן אַ נייעם דור, א דור, וואָס באַארבעט מיט די איי־גענע הענט דעם באָדן", אַזוי ווי ס'האָט עס פאָרמולירט מאיר דיזנגאָף. דאָס זעלבע ווערט בפירוש געזאָגט אין „ספר התקנות לחברת הארץ והעבודה" (1892) — „דאָס סטאַטוט־בוך פון דער געזעלשאַפט „לאַנד און ארבעט": „אַז די געזעלשאַפט שטעלט זיך די אויפגאַבע נישט צולאָזן, אַז דער באָדן אין ארץ־ישראל זאָל אַריינפאַלן אין

די הענט פון א קליינער צאָל פאַרמעגלעכע, וועלכע ארבעטן נישט אַליין, ווייל דורך דעם וועט מען דאָס לאַנד נישט באַזעצן. איז די איינציקע לייזונג: קליינע נחלות פאַר די מאַסן". אָט די תקנות זענען טאַקע פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער צו מעשׂים איז מען נישט געקומען און קיין שום אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז נישט געשאַפן געוואָרן אויפן יסוד פון אָט דעם פריער־דערמאָנטן פּלאַן" *.

ד

די לעצטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון דער ערשטער עליה־תקופה איז געווען די „אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון די ערד־אַרבעטער", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1901, נאָכדעם ווי די קאָלאָניעס פון באַראָן ראָטשילד זענען אַריבער אונטערן פּאַטראָנאַט פון יק"א, געשאַפן דורכן באַראָן הירש און וואָס האָט געבראַכט צו מאַסן־אָפּזאָגן פון דער אַרבעט.

צוליב דער שווערער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן, האָט מען באַשלאָסן „דורכ־פירן אַ פּינקטלעכע רעגיסטראַציע פון אַלע יידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, כדי צו וויסן גענוי זייער צאָל און פאַראייניקן זיי אין איין אָרגאַניזאַציע, אונטער דער אָנפירונג פון אַן „אַלגעמיינעם אַרבעטער־ועד", וווּ עס זאָלן זיין פאַרטראָטן אַלע קאָלאָניעס, יעדע דורך איין פאָרשטייער, אויסגעקליבן אויף דער פאַרזאַמלונג פון די ארבעטער". די ציילונג האָט געוויזן, אַז ס'זענען דאָ איבער 500 אַרבעטער.

נאָך דער רעגיסטראַציע איז געגרינדעט געוואָרן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „הסתדרות פועלים עובדי אדמה". אָבער דער נייער אָרגאַניזאַציע איז נישט געלונגען צו פאַרמיידן דאָס אָפּזאָגן ארבעטער אין די קאָלאָניעס פונעם באַראָן, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען און השתדלותן. זי האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פיינדלעכער וואַנט פון דעם באַראָנס אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט בעסער

---

* ס'איז צו באַדויערן, וואָס אין באַנד II פון ב. כצנלסונס שריפטן — די סטענאָגראַפישע פאַרצייכענונגען פון זיינע סעמינאַר־לעקציעס, איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין ריכטיקע אויס־בעסערונג און מען האָט נישט קאָרעגירט דעם פאָלגנדן זאַץ „די צווייטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן „לאַנד און אַרבעט" אָרגאַניזירט דורך דיזנגאָפן."

געוואָלט באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער, כדי צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון דער ווירטשאַפט. אויך די וואַנדונגען פון די אַרבעטער וועגן אַריבערפירן זיי צו לאַנד־ווירטשאַפט זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אַט די אַלע סיבות האָבן געבראַכט צו דעם פונאַנדערפאַל פון יענער הסתדרות, אַנדערע האָבן אויך פאַרלאָזט דאָס לאַנד. מען קאָן, בכן, סומירן: אין דער תקופה פון דער ערשטער עליה האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די ערשטע שפּראָצן פון אַרבעטער־אָרגאַניזירונג און ס׳זענען אויפגעקומען 4 אַרבעטער־פאַראיינען:

א. שיבת החרש והמסגר, ב. אגודת פועלים, ג. אגודת אחים, ד. הסתדרות הפועלים.

אָבער ביי דער גאַנצער ביטערער דערפאַרונג, וואָס איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יידישן אַרבעטער אין דער תקופה פון דער ערשטער עליה, בעת ער האָט געשטעלט די ערשטע פיינלעכע טריט אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע, איז איינס טיף איינגעקריצט געוואָרן אין זיין באַוווסטזיין, אַז בלויז אויף לוין־אַרבעט, אַזוי ווי עס איז אָנגענומען אין אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונגען, קאָן דער יידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל נישט בויען זיין לעבנס־וועג. כדי צו פאַרוואָרצלען זיך אין לאַנד און זיכערן זיך אַ קיום מוז אויסגעפורעמט ווערן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפט. אָט די שטרעבונג גייט דורך ווי אַ צענטראַלער געדאַנק, ווי אַ ריכט־שנור אין אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון יענער תקופה. אָט די היסטאָרישע און אידעישע דערפאַרונג פון דער ערשטער געוואַגטער אַרבעטער־עליה איז געוואָרן דער גרונטשטיין אין דעם בנין פון דער היינטיקער הסתדרות — הסתדרות העובדים הכללית.

ה

די אַרבעטער־פאַראייניקונגען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער תקופה פון דער צווייטער עליה האָבן פאַרטיפט אָט די אידעישע ירושה, אויסגעברייטערט זי און פאַרפולקאָמט און געבראַכט זי ווי אַ היסטאָרישן אָנזאָג, אַז דער וועג צו שיצן דעם אַרבעטער־אינטערעס ליגט אויף דער ליניע פון צונויפשמעלצן פּראָ־פעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג מיט אויפשטעלן די אַרבעטער־ווירטשאַפט.

גלייך ביים אָנהייב פון דער צווייטער עליה האָט זיך אָנגעהויבן די פונדאַ־מענטאַלע דיסקוסיע וועגן דעם וועג און דער שליחות פון דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד.

יוסף ויתקין, וועלכער האָט עולה געווען אין יאָר 1898 און איז געווען פון די גרינדער פון „הפועל הצעיר", האָט ממשיך געווען געטריי די ליניע, וואָס ס'האָבן אָנגעצייכנט די פריערדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ער האָט געזען אין דער קאָלאָניזאַציע, אין אויסבויען אַן אַרבעטער־ווירטשאַפט, דעם וועג ווי צו פאַרוואָרצלען דעם יידישן אַרבעטער און אויפשטעלן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

שוין אין זיין ערשטן באַרימטן אויפרוף: „מען דאַרף עולה זיין" (1905), האָט ער זיך נישט באַגנוגנט מיט בלויז אַפּעלירן צו קומען אין לאַנד, נאָר אויך אָנגע־צייכנט אַ גענויעם פּלאַן ווי איינצופונדעווען דעם יידישן אַרבעטער:

„מיר ווילן נישט גרינדן קיין קאָלאָניע, כדי עס זאָל צוקומען נאָך אַ קאָ־לאָניע אין ארץ־ישראל און מיר רעדן נישט אויפן יסוד פון איבערגעטריבענע האָפענונגען און זעלבסט־אָפּנאַרעריי. ניין און נאָך אַמאָל ניין! מיר ווילן פאַרלייגן נייע קאָלאָניעס, וואָס זאָלן צעשטערן אַלע פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגן אונדזער פאָלק בכלל און פון די איינוווינער אין לאַנד וועגן דעם היינטיקן ישוב און וועגן די מעגלעכקייטן ביי די היינטיקע באַדינגונגען".

דאָס הייסט, אַז ויתקין האָט פאָרגעלייגט גאָר אַן אַנדערן וועג פון קאָלאָני־זאַציע — גאַנץ פאַרשידן פון דעם, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט און געפלעגט געוואָרן דורך דעם באַראָן:

„מיר ווילן, אַז אָט די נייע קאָלאָניעס זאָלן געגרינדעט ווערן נישט דורך אַ פּריוואַטן מענטש (געמיינט דעם באַראָן — א. מ.) און נישט דורך דער געזעל־שאַפט, נאָר דורך די קאָלאָניזירטע אַליין".

מיט אַנדערע ווערטער: די פאָרם פון דער ווירטשאַפט דאַרף באַשטימען דער יידישער אַרבעטער אַליין און נישט ווער עס איז פאַר זיינעטוועגן, אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו זיינע באַדערפענישן און באַגערן. אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע מיט די מיטלען פון אַרבעטער און נישט אָנגעבונדן דעם אַרבעטער פון דרויסן.

אויף דער קאָנפערענץ פון „הפועל הצעיר", אין סיון תרס"ח (1908), האָט ויתקין איבערגעחזרט זיין געדאַנק און גערופן דעם יידישן אַרבעטער אָפּשפּאָרן פון זיין ביסן ברויט, פון זיין לוין־אַרבעט און אויפשטעלן אַן אייגענע ווירטשאַפט אויפן לאנד. עס מוזן געמאַכט ווערן אַלע באַמיונגען, כדי צו דערמעגלעכן דעם ארבעטער „ער זאָל במשך 4 יאָר אָפּשפּאָרן אַ גענוגנדיקע סומע, כדי איינצושאַפן זיך דעם אינוועטאַר פון אַ געוויינלעכן פויער".

„הפועל הצעיר" דאַרף גיין דעראָבערן אַרבעט דורך דעראָבערן זיך באָדן אויף צו באַזעצן זיך. דאָס מיינט: ער דאַרף זאָרגן, אַז אַרבעטער, וועלכע זענען מסוגל צו באַזעצן זיך און ווילן זיך באַזעצן, זאָלן קאָנען דערגרייכן זייער ציל נאָכדעם ווי זיי וועלן אַ געוויסע צייט אַרבעטן אין די קאָלאָניעס ווי לוין־אַרבעטער. נאָר אַזוי אַרום וועלן זיך מערן אַרבעטער אין די קאָלאָניעס".

אָט דער רוף פון ויתקין אויף דער קאָנפערענץ פון „הפועל הצעיר" האָט אָנגעטראָפן אויף אַ נעגאַטיווער שטעלונג מצד יוסף אהרונוביץ, וועלכער האָט נעגירט דעם ענין פון קאָלאָניזירן זיך, אונטערשטרייכנדיק, אַז אַן ארבעטער־פּאַרטיי ווי „הפועל הצעיר" האַלט נאָר פון לוין־ארבעט. ער האָט געטענהט, אַז אַ יידישע ווירטשאַפט וועט אויפקומען נאָר דאַן ווען עס וועט אויפקומען פריער אַ יידישער לוין־אַרבעטער. דאָס הייסט: דעראָבערן ארבעט איז וויכטיקער ווי דע־ראָבערן באָדן, און לוין־אַרבעט איז בילכער ווי קאָלאָניזאַציע און אַרבעטער־ווירט־שאַפט. יוסף אהרונוביץ האָט אַפּעלירט צו פאַרגרעסערן די צאָל יידישע לוין־אַרבע־טער, ווייל „אויב די ארבעטער וועלן זיין נישט־יידן, וועט דער גאַנצער בנין שטיין אויף אַ ווולקאַן און יעדער ווינט־בלאָז וועט אים איבערקערן און מאכן צונישט".

אָבער ווי קאָן מען פאַרבייטן פרעמדע הענט מיט יידישע הענט?

„דריי וויכטיקע פאַקטאָרן מאַכן מעגלעך, אין אַ געוויסער מאָס, אַזאַ אומבייט, און דאָס בתנאי, אַז דער ארבעטער בלייבט אַן ארבעטער: דער ערשטער, וויכטי־קסטער פאַקטאָר איז דער פּחד פון דעם קאָלאָניסט פאַרן פרעמדן ארבעטער. ביז אַהער האָבן אלע דיבורים אונדזערע צום קאָלאָניסט וועגן אָט דער סכנה געקליב־גען ווי אַ בייזע נבואה, אָבער לעצטנס האָבן פּאַסירט א ריי פאַלן, וואָס צווינגען דעם קאָלאָניסט צו פאַרטראַכטן זיך און אויפנעמען אונדזער וואָרענונג. די צווי־

אַנדערע פאַקטאָרן קומען מצד דעם אַרבעטער: א נעגאַטיווער און אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר. דער נעגאַטיווער באַשטייט אין דעם, וואָס אַן אַרבעטער אין א קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט קאָן נישט קומען אויפן געדאַנק, ער זאָל אַמאָל דערגיין צו א מדרגה פון אַן אייגנטימער און דעריבער האָט ער בלויז אין זינען, ווי אײַנצוּפונדעווען זיך אַלס ארבעטער. דער פּאָזיטיווער פאַקטאָר באַשטייט אין דעם, אַז וואָס מער די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט אנטוויקלט זיך, אַלץ מער מעגלעכקייטן שאַפט זי פאַרן ארבעטער, ער זאָל קאָנען האָבן אַ קיום".

„און אויב דער אידעאַליסטישער אַרבעטער... וועט איינזען די נאַציאָנאַלע פּרוכט פון זיין אַרבעט און די אויסזיכט צו זיכערן זיך א קיום, וועלן בלי ספק אָפּפאַלן די שטערונגען, ווי אַ שטייגער די שוועריקייטן פון אַריינפּאַסן זיך פאַר זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג... אַזוי וועלן אַדורך עטלעכע יאָר. דער יידישער ארבעטער וועלכער וועט אַרבעטן מיט קלאָרן באַוווּסטזיין כדי צו דערגרייכן זיין געהויבענעם ציל וועט אַלץ מער זיך פאַרוואָרצלען. די ווירקלעכקייט וועט ביסלעכווייז עפענען די אויגן דעם קאָלאָניסט און וועט אים צווינגען צו באַנעמען די סכנה, וואָס דראָט אים און זיין גאַנצן בנין מצד דעם פרעמדן אַרבעטער. אָט דאָס איז דער איינציקער און נאַטירלעכער וועג צו דעראָבערן די אַרבעט און קיין אַנדער וועג איז נישטאָ...".

ליידער האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אין אָט דער גורלדיקער דיסקוסיע די מיינונג פון יוסף אהרונוביץ קעגן ויתקינען.

אָבער נישט נאָר „הפועל הצעיר", אויך „פועלי ציון", די קעגנערישע פּאַרטיי, האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם געדאַנק פון קאָלאָניזירן זיך און בויען אַן אַרבעטער־ווירטשאַפט — צוליב דעם זעלבן חשש, אַז עס וועט נישט אויפקומען קיין יידישער אַרבעטער־קלאַס, אויב דער ארבעטער וועט זיך פאַרקערעווען אויפן וועג פון קאָלאָניזאַציע. דער גאַנצער ענין ווערט פאַרשטענדלעך, אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז דער סאָציאַליזם פלעגט זען אין אויפשטעלן אַן ארבעטער־ווירטשאַפט אין שויס פון קאַפּיטאַליזם — א סאָציאַליסטישע אוטאָפּיע, און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך באַצויגן אַבסאָלוט נעגאַטיוו צו די פּרוון אויסצובויען קאָמונעס אין פאַרשידענע לענדער, און געשטעמפּלט זיי ווי אַן אַנטי־סאָציאַליסטישן אויפטו.

די ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט האָט אָבער באַלד אָפּגעפרעגט אָט די טעאָריע,

וואָס איז צו אונדז פאַרטראָגן געוואָרן פון אויסלאַנד. אין יאָר 1907 איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו צו פאַראייניקן אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבע־טער, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי, אין איין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין „החורש" („דער אַקערער"), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין סעדזשערא.

אין דעם זעלבן יאָר, 1907, האָבן אַרבעטער געמאַכט אויך אַ פּרווו אָנצופירן מיט אַ ווירטשאַפט אויף זייער אייגענער אחריות. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער „קאָלעקטיוו אין סעדזשערא", אַן אַרבעטער־פאַראיין אויף אויסצופירן די אַר־בעט אין דער קאָלאָניע פון סעדזשערא. דער קאָלעקטיוו אין אָט דער פערמע פון יק"א, האָט געציילט 18 חברים און חברות. ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דעם קאָלעקטיוו און לייטער פון דער קאָלאָניע, דער אַגראָנאָם קראַוזע. לויטן אָפּמאַך האָט דער קאָלעקטיוו באַקומען דעם גאַנצן נייטיקן אינוווענטאַר און דער קאָלעקטיוו האָט זיך מתחייב געווען איבערגעבן דער אָנפירונג פון דער קאָלאָניע אַ פינפט־חלק פון דער גערעטעניש. די אַרבעט האָט דער קאָלעקטיוו געפירט זעלבשטענדיק, אויף זיין אחריות. די אַרבעטער האָבן פאַרמאָגט אַ געמיינזאַמע קיך, געגעסן און געוווינט צוזאַמען. צוערשט האָט מען געהאַט קנאַפּ צוטרוי צום קאָלעקטיוו און נישט אַלע אַרבעטער אין סעדזשערא זענען צוגעשטאַנען צו אים, וויל זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז דער אויפטו וועט געלינגען. דער קאָלעקטיוו וועט פאַרזונקען ווערן אין דעפיציטן און די אַרבעטער — אין חובות.

„דער קאָלעקטיוו אין סעדזשערא האָט אָנגעהאַלטן אַנדערהאַלבן יאָר. מיר האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט אָן אַ דעפיציט. מיר האָבן אָפּגעגעבן דאָס „פינפטל", אויסגעצאָלט די אַוואַנסן און געוויזן, אַז קאָלעקטיווע ווירטשאַפטס־אַרבעט קאָן מצליח זיין". *

אַלס רעזולטאַט פון דעם ערשטן פּרווו האָבן די אַרבעטער פאַרלאַנגט מען זאָל איבערגעבן אין זייער רשות אויך די אַרבעט אין דער כנרת־פערמע, אויף זייער אייגענער אחריות.

און דאַן איז געקומען ווי אַ המשך צום עקספּערימענט פון „קאָלעקטיוו" אין

* דברי פועלות, זאַמלבוך. אויסגאַבע פון מועצת הפועלות, ת"א, תר"ץ, ז. 6—7. מניה שוחט „הקולקטיב".

סעדזשערא דער צווייטער היסטאָרישער עקספּערימענט, „דער צווייטער עקספּע־רימענט, וואָס האָט באַשטימט דעם אָנהייב פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע — דער אויפטו פון אום־ג׳וני (היינטיקע דגניה). די ערשטע, וועלכע האָבן אויפגע־שטעלט אָט די קבוצה האָבן נישט געהאַט אין זינען צו קאָלאָניזירן זיך. עס איז געווען אַ פּרווו צו געבן אַ תשובה אויף דער גרויסער פראַגע: צי איז מעגלעך אַ קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אויף דער אחריות פון די, וועלכע באַזעצן זיך, אָן דער הילף פון דער אַדמיניסטראַציע?" *.

עס הייסט: דער יידישער אַרבעטער האָט פריער פּרובירט אָנפירן אַליין, זעלב־שטענדיק אַ ווירטשאַפט און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט דערוויזן, אַז ער איז מסוגל דערצו, איז ער אַרויף אויפן וועג פון אויסבויען אַן ארבעטער־ווירטשאַפט מיט אייגענע כוחות.

אין אויפשטעלן אום־ג׳וני האָבן זיך באַטייליקט אַלע ארבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס. די קבוצה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון חברים פון „פועלי ציון", „הפועל הצעיר", „החורש", „השומר" א.א.וו. די פאָרשטייער פון קאָלעקטיוו (א. שוחט און י. ברץ) האָבן געחתמעט אַ קאָנטראַקט מיט דער געזעלשאַפט „הכשרת הישוב" — דעם אייגנטימער פון באָדן — אויף אַ תקופה פון דעצעמבער 1909 ביז סוף סעפּטעמבער 1910. לויטן אָפּמאַך האָבן די ארבעטער זיך פאַרפליכטעט צו אַרבעטן אַלס לוין־אַרבעטער ביי „הכשרת הישוב" אין דער ווירטשאַפט פון אום־ג׳וכי און אויספירן די דירעקטיוון פון דער דירעקציע. אָבער אויסער דעם אַרבעטס־לוין אין דער גרייס פון 45 פראַנק א חודש, האָט דער אָפּמאַך פאַרזיכערט דעם קאָלעקטיוו אַ העלפט פון דעם ריינעם ריווח אין דער ווירטשאַפט, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרטיילט ווערן צווישן די ארבעטער. אויב איינער פאַרלאָזט די ארבעט אין 1־טן יאָר באַקומט ער זיין טייל לויט דער צייט וואָס ער האָט געאַרבעט. דער יידישער אַרבעטער האָט טאַקע באַוויזן, אז ער קען באַלעבאַטעווען, אויף זיין אייגע־נער אַחריות. דאָס יאָר האָט מען פאַרענדיקט מיט אַ הכנסה פון 4000 פראַנק.

נאָך אָט דעם געלונגענעם פּרווו, האָט אַ גרופּע אַרבעטער פון חדרה (די

* ב. כצנלסון — כתבים (שריפטן), באַנד 11, ז. 162.

חדרה׳ער קאָמונע) אויך באַקומען אַ שטח באָדן אויף אַ לענגערער תקופה. אַט אַזוי איז דער קאָלעקטיוו פון אום־ג׳וני פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועגדפונקט אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. דערמיט איז פאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער זעלבשטענדיקער ארבעטער־קאָלאָניזאַציע. אדאנק אָט דער געלונ־גענער איינפירונג, האָט דאָס ארץ־ישראל־ביוראָ אונטער דער לייטונג פון ד״ר א. רופין ווייטער פאָרגעזעצט און איבערגעגעבן נייע אַרבעטער־גרופּן צו באַאַר־בעטן באָדנס, אין מרחביה (1911), אין כנרת (1913), אין גן שמואל (1913). דאָס איז געוואָרן דער אָנהייב פון דער קבוצה־באַוועגונג.

אויף דער קאָנפערענץ פון די ארבעטער אין גליל, וואָס איז פאָרגעקומען אין אום־ג׳וני, אין יאָר 1911, איז געגרינדעט געוואָרן די „הסתדרות פועלי הגליל״ און ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן דער „ועד פועלי הגליל״. אין דעם זעלביקן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ אין עין גנים די „הסתדרות פועלי יהודה״. אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון „הסתדרות פועלי יהודה״ איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ קראַנקן־קאַסע (קופת חולים). אויף דער דריטער קאָנפערענץ פון פועלי יהודה האָט שוין דער געדאַנק פון ויתקינען געשלאָגן טיפע וואָרצלען און איז געקומען צום אויסדרוק ביי ב. כצנלסון. אין די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ ווערט געזאָגט: „די דריטע קאָנפערענץ פון „פועלי יהודה״ זעט אין דער גרינדונג פון אַרבעטער־ישובים, אין פאַרשידענע פאָרמען, איינעם פון די וועגן, וואָס פירן צום אויסלייזן דעם באָדן און נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן דורך דער יידישער אַרבעט״.

„דער באָדן פון אן ארבעטער־ישוב דארף פארבלייבן דאָס אייגנטום פון פאָלק, וואָס קאָן נישט פאַרקויפט ווערן, נאָר בלויז איבערגעגעבן ווערן אין אייביקער אַרענדע״. ס׳האָט געזיגט, הייסט עס, דער פּרינציפּ, אַז דער וועג פונעם יידישן אַרבעטער פירט צו דער צונויפשמעלצונג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אַרבעטער־ווירטשאַפט אָדער, אויף דער שפּראַך פון יענע צייטן: דעם דראַנג צו דעראָבערן די אַרבעט האָבן באַהאַנט מיטן דראנג צו קאָלאָניזאַציע.

אין יאָר 1915 איז געגרינדעט געוואָרן די לאַנדווירטשאַפטלעכע הסתדרות פון, די אַרבעטער אין שומרון.

ביים סוף פונעם קריג איז פאָרגעקומען אין פתח־תקוה, אין יאָר 1919, צום

ערשטן מאָל, די אַלגעמיינע לאַנד־קאָנפערענץ פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטער. עס האָבן זיך באַטייליקט אין איר 28 דעלעגאַטן אומפּאַרטייאישע, 13 פּועלי ציון־דעלעגאַטן און 11 דעלעגאַטן פון הפּועל הצעיר. (אין די וואַלן האָבן זיך באַטייליקט 1500 חברים). אָט די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן מיט אַ מערהייט שטימען — אויסער הפּועל הצעיר — אָנצושליסן זיך אין דער אַלגעמיינער פאַר־אייניקונג פון די ארץ־ישראל־אַרבעטער.

נאָך אָט דער קאָנפערענץ איז פאַרגעקומען די אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון די ארץ־ישראל־אַרבעטער (אָן הפּועל הצעיר) און דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַראייניקונג פון די ארץ־ישראל־אַרבעטער „אחדות העבודה".

דער בוי פון אחדות העבודה איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ פאַרבאַנד פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס נעמט אַרום דעם שטח פון פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, קאָלאָניזאַציע און פּאָליטישע אַרבעט א.א.וו.

אַן ענלעכן אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי האָט אויסגעפורעמט אויך הפּועל הצעיר. אַזוי אַרום האָבן ביידע פּאַרטייען געשאַפן פּאַראַלעלע אינסטיטוציעס אויף אַלע געביטן, וואָס האָט אַרויסגערופן אומאויפהערלעכע מחלוקות און קעגנזייטיקן קריג.

דער ערשטער, וועלכער האָט געוואָרפן דעם רוף אָפּצושטעלן דעם ברידער־קריג איז געווען יוסף טרומפּעלדאָר, וועלכער איז אָנגעקומען אין לאַנד, שוין דאָס צווייטע מאָל, אין יאָר 1919.

אין יאָר תר"ף האָט יוסף טרומפּעלדאָר פאַרעפנטלעכט אין קונטרס י"ט (ח' טבת) אין „הפּועל הצעיר" אַ רוף צו ביידע פּאַרטייען: „אחדות העבודה" און „הפּועל הצעיר". אין דער הקדמה צום אויפרוף שטרייכט יוסף טרומפּעלדאָר אונ־טער, אַז די שעה דרינגט, אַז דאָס רוסישע יידנטום ווערט אויסגעריסן פון די פּלעצער. עס שטייט מאַסנווייז מיט די פּעק אויף די אַקסלען און וואַרט מען זאָל עפענען די טויערן פון לאַנד. ווען די טויערן זיין אָפן, וועט זיך געבן אַ לאָז אַ שטראָם פון מאַסן, וואָס זענען גרייט צו אַלע קרבנות, ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן. לויט זיין מיינונג איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט צוגעגרייט און נישט פעיק דורכצופירן אָט די היסטאָרישע שליחות. זי פאַרמאָגט נישט קיין שום פּלאַן, וואָס זאָל באַלויכטן און דערמוטיקן.

און ס׳האָט, באמת, געשלאָגן דאַן די גרויסע שעה. דאָס זענען געווען די טעג גלייך נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין סאַן־רעמאָ, טעג, וואָס האָבן געקאָנט אָנפילן מיט שטאָלץ יעדעס יידישע האַרץ און וועקן צו מעשים. אָבער די דעמאָלטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געלעגן אין די הענט פון דעם יידישן יוסטן „בעל־הבית״, דער, וועלכער האָט געטראָגן די אחריות פאַר דער אימפּאָטענץ אירער — האָט אַנטוישט. דער פּריוואַטער יידישער קאַפּיטאַל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און דאָס פאָלק האָט זיך נישט אַ הויב געטאָן. אָט וואָס מען האָט געשריבן אין יענער צייט:

„די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דערגאַנגען צו אַ קריזיס: דאָרט איז מען פאַרטאָן אין קליינלעכער פּערזענלעכער קריגערײַ״. „אויף די גאַסן און וועגן דרייען זיך אַרום הונגעריקע אַרבעטער... די גרויסע האָפענונגען ווערן צערונען; זעלבסטמאָרד ברעכט אויס אין אונדזער לאַגער... אַרום אונדז בושעווען ספּעקולאַציע, פּערזענלעכע אַמביציעס, און פאַרשטאָפּטע הערצער, וואָס מען טרעפט נישט אַזוינס״*. „מיר שטייען פאַר אַן אייזערנער וואַנט. יאָרן־לאַנגע פּראַצע און אַן אַ שיעור קרבנות — אַלץ קאָן אַוועקגיין מיטן ווינט. מיר ווערן דערשטיקט און קיין אויסוועג זעט מען נישט״...** און יידן קלאַפּן אין די טויערן פון לאַנד, דורך וועגן און אומוועגן מיט די פּעקלעך אויף די אַקסלען, לויטן אויסדרוק פון יוסף טרומפּעלדאָר. זיי וואַרטן אויף אַ סיגנאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דערקלערן אַ קאַמף פאַר עפענען די טויערן, וואָס זאָל מאָביליזירן יידישן קאַפּיטאַל, פּראָקלאַמירן אַ „נאַציאָנאַלע הלוואה״ א. אַ. וו.״

אָבער דער סיגנאַל איז נישט געקומען. דער „בעל־הבית״ האָט אַנטוישט אויפן גאַנצן פראָנט און נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע פעיקייט עפּעס אויפצוטאָן.

און פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ געשפּאָלטענע ארבעטער־באַוועגונג: „אחדות העבודה״ האָט אויפגעשטעלט אירע באַזונדערע אינסטיטוציעס, אַן אַרבעטס־בערזע, אַ קראַנקן־קאַסע א.א.וו. דאָס זעלבע — „הפועל הצעיר״. קיין

* ילקוט אחדות העבודה. ערשטער באַנד. ת״א, תרפ״ט, ז׳ 76.

** דאָרט, ז׳ 74.

געמיינזאַמע אינסטיטוציעס זענען נישט געווען און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אויסטראָגן די פולע אחריות, גראָד אין אַ צייט, ווען אַלע האָבן געפילט, אַזוי ווי עס האָט אַרויסגעשריגן אין זיין אויפרוף יוסף טרומפעלדאָר, אַז „די נאָענטסטע חדשים און יאָרן וועלן דעצידירן דעם גורל פון פאָלק ישראל און ארץ־ישראל: זיין אָדער אויפגעלייזט ווערן".

טרומפעלדאָר האָט שוין דאַן איינגעזען, אַז דער איינציקער כוח, וואָס קאָן ביישטיין דעם בראָך, וואָס קאָן אויפהייבן די לאַסט, וואָס קאָן ווייזן אַ וועג און פאַרווירקלעכן — איז די ארבעטער־באַוועגונג אַלס פאַראייניקטער און קאָנסאָלי־דירטער כוח. דעריבער האָט ער אין זיין רוף פאָרגעלייגט צונויפרופן אַן אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפערענץ.

ער האָט פאָרגעשלאָגן: די פאַרטייען בלייבן ווייטער עקזיסטירן; די אַרבעטער וויילן אויס דעלעגאַטן לויטן פּראָפּאָרציאָנעלן וואַל־סיסטעם, צו שאַפן אַ בשות־פותדיקן ראַט (מועצה). די ליסטעס קאָנען דערלאַנגען הן די פאַרטייען, הן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דער ראַט וועט זיין אַן אומפאַרטייאישער און וועט שאַפן געמיינזאַמע אינסטיטוציעס. א. אַן ארבעטס־בערזע; ב. אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ; ג. אַ קראַנקן־קאַסע; ד. אימיגראַנטן־היימען; ה. קיכן; ו. אָוונט־קורסן; ז. לייַ־קאַסעס.

דער ראַט וועט העלפן אויפשטעלן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער ראַט וועט האָבן דאָס רעכט אָנצונעמען און אויספירן פארשידענע אַרבעטן, מיט דער הסכמה פון די פאַרטייען אין ראַט. פאַראלעל צום ראַט וועלן געשאַפן ווערן אומ־פאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס וועלן שפּעטער זיך פאַראייניקן אין א פארבאנד פון אומפאַרטייאישע פאַראיינען און שטיין אין קאָנטאַקט מיטן ראַט.

אָט דאָס איז געווען אין אַלגעמיינע שטריכן די גאַנצע קאָנצעפּציע. טרומ־פעלדאָר האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די פאַרטיי־קאָמיטעטן מוזן קומען פריער צו אַן אַבסאָלוטן הסכם צווישן זיך און ערשט דאַן קאָן מען צונויפרופן די קאָנפערענץ.

דער אויפרוף האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. „אחדות העבודה" האָט זיך גלייך געווענדט מיט אַ בריוו צו „הפועל הצעיר", געגעבן איר הסכמה צום פאָרשלאַג פון טרומפעלדאָרן און דערקלערט איר גרייטקייט דורכצופירן אים אין לעבן.

„הפּועל הצעיר" האָט זיך אויך דערקלערט גרייט בתנאי, אַז אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען זאָלן צוערשט דערקלערט ווערן אַלס אומפּאַרטייאישע.

אַזוי איז געקומען צו אונטערהאַנדלונגען צווישןביידע פּאַרטייען וועגן אַ בשותפותדיקער אקציע. י"ח תמוז תר"ף איז פאָרגעקומען די געמיינזאַמע זיצונג פון ביידע פּאַרטייאישע פאָרשטייערשאַפטן, און דאָרט האָט מען איינגעשטימט: עס זאָל צונויפגערופן ווערן אַן אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפערענץ אויף איינשטעלן אַ בשותפותדיקע אַרבעט און שאַפן די נייטיקע אינסטיטוציעס דערצו.

אויף אָט דער געמיינזאַמער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרלייגן דער אַל־געמיינער קאָנפערענץ זי זאָל באַהאַנדלען ווי אַזוי איינצושטעלן אַ געמיינזאַמע אַרבעט אויף פאָלגנדיקע געביטן: קראַנקן־קאַסע, איינקויף־צענטראַלע (המשביר), עליה־ביוראָ, אַרבעטס־אַמט און אַרבעטס־בערזע, אַן אינסטיטוציע פאַר קולטור און פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג, אַ יורידישע קאָנסולטאַציע, אַן אַרבעטער־באַנק. די פראַגע, צי זאָל די בשותפותדיקע אַרבעט געפירט ווערן דורך אויפשטעלן גע־מיינזאַמע אינסטיטוציעס אָדער דורך אָרגאַניזירן דעם פאַרבאַנד פון די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען — האָט מען איבערגעלאָזט צו דער אַנטשיידונג פון דער קאָנפערענץ.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פראַגע וועגן אויפלייזן די פּאַרטייען זאָל נישט געבראַכט ווערן אויפן סדר היום פון דער קאָנפערענץ.

דער רוף פון טרומפּעלדאָרן האָט אַזוי אַרום געבראַכט צו אַ פאַרשטענדיקונג פון די פּאַרטייען, און דער רעזולטאַט איז געווען: אין יאָר 1920 איז געגרינדעט געוואָרן די אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — די הייַנטיקע הסתדרות העובדים הכללית.

דער וווּקס פון הסתדרות

יאָר	צאָל פון די הסתדרות־מיטגלידער
1920	4.433
1926	22.500
1932	33.875
1941	118.500
1947	169.443
1949	190.000
1955	515.000
1957	578.130
1958	639.507
1959	676.511



פאַראייניקטער אָנשטרענג



אום ג׳וני — דגניה ביי איר אַנטשטייונג

טרומפעלדאָרס קבר אין תל־חי



די געצעלטן פון „גדוד־העבודה א. נ. פון י. טרומפעלדאָר" ביים קוואַל חרוד

צוויי טער קאפיטל

די קאנפערענצן פון הסתדרות

די ערשטע קאָנפערענץ — די גרינדונגס־קאָנפערענץ

כ״ג—כ״ח כסלו תרפ״א — 4—9 דעצעמבער 1920

אין די וואַלן צו דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 4433 חברים, וועלכע האָבן אויסגעוויילט 87 דעלעגאַטן. אחדות העבודה — 38 דעלעגאַטן; הפועל הצעיר — 27; די ליסטע פון די נייע עולים (החלוץ, צעירי ציון און השומר הצעיר) — 16; די ליסטע פון מ.פ.ס.ע.* — 6 דעלעגאַטן.

אויף דער ערשטער קאָנפערענץ האָבן זיך געלאָזט פילן די געבורט־ווייען פון דער נייער שאַפונג אין דער יידישער וועלט. פאַר דער אויפגעקומענער הסתדרות איז געשטאַנען אַן אויפגאַבע: זיין אַן ארבעטער־אָרגאַניזאַציע ווי אַלע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט. אָדער האָבן אַן אייגענעם, באַזונדערן פּרצוף. און ס'איז טאַקע פּאַקטיש אויפגעקומען אַ הסתדרות, וואָס זעט אויס גאָר אַנדערש, ווי די אַנדערע, פּונקט ווי דאָס יידישע פאָלק איז אַנדערש פון די אַנדערע פעלקער.

בשעת יעדע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט האַלט פאַר איר צענט־ראַלער זאָרג די קלאַסן־באַפרייונג און אויסלייזונג, האָט די הסתדרות, לכתחילה, גלייך ביי איר אויפקום זיך געשטעלט, זיך געמוזט שטעלן, אין די קאָנקרעטע ספּעציפישע באַדינגונגען פון ארץ־ישראל, אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: אַ נאַציאָנאַלע און אַ קלאַסן־סאָציאַלע. די פּראָגראַמאַטישע רעדע פון שמואל יבנאלי האָט טאַקע אַנגעצייכנט אָט דעם וועג. די קאָנפערענץ האָט פּראָקלאַמירט דעם באַנקראָט פון דער ציוניסטישער אַנפירונג, וואָס ליגט אין די הענט פון דעם בירגערטום און געבראַכט די בשורה וועגן דעם אויפקום פון אַ נייעם כוח אויף דער ציוניסטישער

---

* מפלגת פועלים סוציאליסטים עברים — אַ קאָמוניסטישע גרופּע, וואָס איז נאָך געווען אַ צייט פאַרבונדן מיטן וועלט־פאַרבאַנד פון לינקע פועלי־ציון און האָט זיך שפּעטער ליקווידירט, געוואָרן אַ טייל פון פּ. ק. פּ. (די פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי).

אַרענע: די אַרבעטער־הסתדרות. „מיר האָבן געוואָרט עס זאָל זיך ווייזן אַ כוח, וואָס איז מסוגל צו ברענגען די לייזונג. אָבער ס׳איז שוין צייט מיר זאָלן וויסן, אַז אויסער אונדז איז נישטאָ קיין אויסלייזער און נישטאָ קיין גואל". און אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט עס נישט געטאָן, איז די הסתדרות מחויב די אַרבעט צו טאָן און נעמען אויף זיך די לאַסט פון דער נאַציאָנאַלער גאולה. „די מיסיע פון דעם יידישן אַרבעטער און פון אונדזער גאַנצן דור איז, נישט ממשיך זיין דעם היינטיקן קיום, נאָר ראַטעווען דאָס פאָלק". „ווער קאָן־זשע נעמען אויף זיך די לאַסט? דער יידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל". „וועט דער יידישער אַרבע־טער נישט אויפטרעטן היינט־צו־טאָג מיט זיין אמתער געשטאַלט און נישט דער־וועקן אין פאָלק גלויבן און בטחון אין זיין אייגענעם כוח — האָבן מיר פאַרראַטן אונדזער שליחות".

„נישט בלויז אַ בשותפותדיקע קראַנקן־קאַסע דאַרפן מיר שאַפן, נאָר ווערן דער שעפערישער כוח אינעם ציוניזם, אַ כוח, וואָס מאָנט און שטויסט דאָס פאָלק אויפצובויען דאָס לאַנד".

די ווירקלעכקייט האָט געוויזן, אַז דאָס איז נישט געווען סתם אַן איינרעדעניש; ס׳איז געוואָרן אַן אידעאַל, וואָס האָט באַקומען בלוט און פלייש. אַדאַנק דער הס־תדרות האָט דער יידישער אַרבעטער אויסגעפירט די שליחות.

דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער דעמאָלטדיקער אָנפירונג איז נישט גע־וואָרפן געוואָרן אומזיסט, אומברחמנותדיק. עס האָבן געגרעדט די פאַקטן. אַנשטאָט צו פירן דאָס פאָלק אין אזא גורל־שעה, האָט די ציוניסטישע אָנפירונג זיך נאָכ־געשלעפּט. אַנשטאָט צו מאָביליזירן דאָס פאָלק פאַר עליה און בנין הארץ, האָט זי גאָר אַריינגעבראַכט שוואַכקייט און גורם געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל שטיין פון דער ווייטנס. „דאָס פאָלק מיינט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אים אין לאַנד, ווייל די פירער רעדן אָפּ פון עולה זיין. מוזן מיר אויפדעקן דעם סוד פאַרן פאָלק, אַז מען קאָן אויסלייזן די יידן פון פוילן און רומעניע און באַזעצן זיי אין לאַנד. מיר זענען אַלע איבערצייגט, אַז נאָך איידער מיר וועלן באַקומען גרויע האָר וועלן זיי זיין דאָ מיט אונדז, ווי עכטע ארץ־ישראל־בירגער. און אַזוי וועט עס זיין".

די ערשטע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות האָט, בכן, פאָרמולירט קלאָר: זי זאָרגט גלייכצייטיק פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג, ווייל ס׳איז

געקניפּט און געבונדן; די גאולה פונעם יידישן ארבעטער גייט האַנט ביי האַנט מיט דער גאולה פונעם פאָלק. דער יידישער אַרבעטער איז באַרופן צו פאַרווירק־לעכן די אויסלייזונג פונעם יידישן פאָלק.

און נאָך עפּעס איז ווערט צו פאַרצייכענען. די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות איז פאָרגעקומען באַלד נאָך דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, יולי 1920. עס איז געווען אַ ציוניסטישע קאָנפערענץ פון פולער אַנטוישונג, „פון באַנקראָט”, ווי עס האָט זי באַצייכנט אברהם האַרצפעלד. קיין ארץ־ישראל איז אָנגעקומען די דעלעגאַציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (יוליוס סימאָן, נחמיה דע־לימא און ראָבערט סאָלד — דער פאָרשטייער פון די אַמעריקאַנער ציו־ניסטן), וואָס האָט געזאָלט באַשטימען די ריכטליניע פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין לאַנד. איז געקומען האַרצפעלד, אַן אויפגערעגטער ביז גאָר, און גע־מאָלדן דער קאָנפערענץ פון הסתדרות, אַז דער איינציקער אויפטו פון דער דעלע־גאַציע איז געווען — אַרויסצוגעבן אַ גזרה מען זאָל ליקווידירן 8—10 ישובים. ער האָט דערציילט: „מיר האָבן געהאַט אַ זיצונג מיט דער דעלעגאַציע אַלס פאָר־שטייער פון דער הסתדרות חקלאית (לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציע) און פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ פון „הפועל הצעיר”, און אויפגעקלערט איר די חשיבות פון יעדן ישוב. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די גזרה איז נישט בטול געוואָרן האָבן מיר געוואָרנט שריפטלעך: „זייט וויסן, אַז אייער באַשלוס וועט נישט האָבן קיין האַפט און קיין קראַפט. די אַרבעטערשאפט וועט אירע ארבעטס־פּאָזיציעס נישט אויפגעבן און וועט זיי באַשיצן. דער ארבעט־סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן און מיר וועלן נישט דערלויבן, מען זאָל אונדז שיקאַ־נירן”. און נישט נאָר דאָס — „היי־יאָר האָט מען צוגעגרייט אַנדערהאַלבן מיליאָן ביימלעך צו פאַרפלאַנצן. מען האָט זיך געגרייט באארבעטן די בערג און באַוואַלדן דאָס לאַנד. ס'איז אַן ארבעט, וואָס האָט דערמעגלעכט די נייע עולים אַריינפּאַסן זיך אין אַ פּראָדוקטיווער ארבעט און אויסלערנען זיך דאָס פאַך. און איצטער זע־נען הונדערטער טויזנטער ביימלעך פארמשפּט צום אומקום”.

האַרצפעלד האָט געקאָכט און געליאַרעמט און געשטעמפּלט די ציוניסטישע אָנפירונג, וואָס לא די וואָס זי טוט גאָרנישט, ווערט זי נאָך אַ שטער צו דער אַנט־וויקלונג פון לאַנד. איז דעריבער דאָ איין אויספיר: אריינשפּריצן פריש בלוט אין

דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ס'איז נייטיק אַ נייער כוח אויף אָנצופירן זי און אַרויסרייסן זי פון איר פּאַרגליווערטקייט. „נאָך יאָרן פון סטאַגנאַציע קאָן מען איצט אויסלייזן נייע באַדנס. וואַרפט מען עס אָפּ מיט כלערליי תירוצים. ווען מיר שטיין מיט פאַרלייגטע הענט און שווייגן? מען מוז נעמען דעם גורל אין אונדזערע הענט".

די הסתדרות איז אַזוי אַרום אויפגעפאָדערט געוואָרן צו ווערן דער אינסטרו־מענט פאַר רעטונגס־אַרבעט און גאולה. אמת, דער אינערלעכער געראַנגל אויף דער קאָנפערענץ צווישן די גרינדער פון הסתדרות איז נישט געווען קיין לייכטער: „הפועל הצעיר", למשל, האָט פאַרלאַנגט, אַז קולטור־אַרבעט, פּאָליטישע ארבעט און די פראַגע פון זעלבשוץ (הגנה) זאָלן נישט אַריין אין דער קאָמפּעטענץ פון הסתדרות. און גראָד האָט די פראַגע פון זעלבשוץ אַרויסגערופן אַ הייסן וויכוח. אליהו גאָלאָמב האָט געטענהט, אַז מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן קיין זעלבּ־שוץ אָן דעם יידישן אַרבעטער, און די הסתדרות מוז איינשליסן דעם פונקט אין אירע קאָמפּעטענצן, פונקט ווי די פראַגע פון לערנען עברית קאָן מען נישט אַרויס־רייסן פון די הסתדרות־יסודות. דער יידישער אַרבעטער האָט אויסגעפורעמט די לעגיאָנען, פאַרטיידיקט תל חי, און „זעלבשוץ" איז אַן אומבאַדינגטער תנאי אין אונדזערע באַדינגונגען. קיין אנדערע, אויסער אונדז, די הסתדרות, וועט נישט אויסטראָגן אָט די לאַסט. איז טאַקע צום סוף באַשלאָסן געוואָרן, אַז די הסתדרות נעמט אַריין אין קרייז פון איר אַרבעט אויך „אָרגאַניזאַציע, שמירה און זעלבשוץ".

13 אויפגאַבן האָט די קאָנפערענץ אָנגעצייכנט פאַר דער הסתדרות. און כאַראַקטעריסטיש: גראָד די ווירטשאַפטלעכע אַרבעט איז אַרויסגעהויבן געוואָרן בראש, אַלס ערשטער פונקט, בשעת די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט דערשיינט אויפן דריטן פּלאַץ.

און אָט זענען די 13 פונקטן, וואָס די קאָנפערענץ האָט געלייגט ווי אַ יסוד אין דער אַרבעט פון הסתדרות.

1. אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן און אַרבעטס־צווייגן אין שטאָט און דאָרף, אַרבעטס־לעגיאָנען און קבוצות פאַר לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטרי;

2. אָננעמען אַרבעטן און איינאָרדענען ביי דער אַרבעט;

3. אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען, וואָס זאָלן אַרומנעמען אַלע פאַכן — אויפן יסוד פון אומפּאַרטייאישקייט;

4. אויסבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און הייבן די אַרבעטס־פּראָדוק־טיווקייט.

5. דערציִען צו אַרבעט און פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג;

6. קאָאָפּעראַטיווע ליפערונג פון פּראָדוקטן און סחורות;

7. קעגנזייטיקע הילף (קראַנקן־קאַסע, פאַרזיכערונג, הלוואות א.א.וו.);

8. אָרגאַניזירן די שמירה און זעלבשוץ;

9. אויפנעמען עולים און איינאָרדענען זיי אויף אַרבעט;

10. אָרגאַניזירן די אַרבעטס־עליה אין אויסלאַנד;

11. אויסלערנען די אַרבעטער עברית;

12. שאַפן אנשטאַלטן פאַר קולטור־ארבעט, זאָרגן פאַר פאַך־ און לאַנדווירט־שאַפטלעכע בילדונג, אָרגאַניזירן ביבליאָטעקן און וויסנשאַפטלעכע פּראַקטישע קורסן, אַרויסגעבן פאַך־ליטעראַטור;

13. אַרויסגעבן אַ פּראָפעסיאָנעלן אָרגאַן און אַ ביולעטין פון הסתדרות.

דאָס זענען די ערשטע שפּראָצונגען, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַזוי פאַרצווייגט אין דער אַרבעט פון הסתדרות. פון אָט די ערשטע קאָנטורן האָט זיך אויסגעפוֹרעמט די געשטאַלט און די קאָנסטיטוציע פון הסתדרות. צוויי גרונט־יסודות זענען אָבער געווען און פאַרבליבן ביז היינט: פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און זעלבשטענ־דיקע ווירטשאַפטלעכע אַרבעט.

די צווייטע קאָנפערענץ

כ״ח שבט—ד׳ אדר תרפ״ג — 7—20 יאַנואַר 1923

אין די וואַלן צו דער צווייטער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 6581 פּערזאָן, וואָס האָבן אויסגעוויילט 130 דעלעגאַטן: אחדות העבודה — 69; הפועל הצעיר — 36; גדוד עבודה (דער אַרבעטס־לעגיאָן) — 6; השומר הצעיר — 4; די גרופּע „אירגון" — 4; אייזנבאַנער — 3; „אַרבעטער־ליסטע" חיפה — 3; „אַרבעטער־פראַקציע" — 3; „פאַראייניקטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען" ירושלים — 2.

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ איז שוין די הסתדרות דערשינען מיטן פולן באַוווסטזיין פון איר כוח און חשיבות. בן צבי, וועלכער האָט געעפנט די קאָנפע־רענץ האָט קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז די פּלאַנצונג פון דער ערשטער קאָנפערענץ איז געראָטן. „שוין היינט־צו־טאָג זענען געוועגדט צו אונדז נישט בלויז די אויגן פון אַלע ארבעטער אין לאַנד, ווייל מיר זענען נישט בלויז אַן אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע, נאָר מער פון דעם. דער יידישער ארבעטער מאַכט אויס טאַקע איין פערטל פון ישוב, אָבער זיין וואָג איז פיל חשובער פון זיין צאָל. דער יידישער אַרבעטער איז אָרגאַניזירט אין הסתדרות און ביי דער אַרבעט, און דערפאַר איז זיין ראָל וואָגיקער פון די נישט־אָרגאַניזירטע דריי פערטל פון ישוב. מיר זענען שוין היינט מסוגל צו זיין דער הויפט־כוח אין לאַנד".

הגם די צווייטע קאָנפערענץ האָט זיך אָפּגעגעבן בעיקר מיט די אָרגאַניזאַציאָ־נעלע פּראָבלעמען פון דער הסתדרות — איר בוי, קאָנסטיטוציע און אַנדערע פראָ־זאישע פראַגן — האָט אָבער די קאָנפערענץ גאַנץ גוט פארשטאַנען, אז דערמיט זוכט זי א לייזונג אויך פאר די גורל־פראַגן פונעם גאַנצן פאָלק. דאָס האָט בולט אונטערגעשטראָכן י. בן־צבי אין זיין דערעפענונגס־רעדע, אַז „נישט מיט דיפּלאָמאַטיע אין אויסלאַנד לייזט מען דאָס פּראָבלעם פון פאָלק. דאָ, ווו מיר רעדן וועגן קאָנ־קרעטע ענינים, ווערט געלייזט דאָס פּראָבלעם". און נישט נאָר אין בן צביס רעדע

האָט זיך געפילט דער פליגל־רויש פון דער געשיכטע. אויך אין דעם אויפטריט פון דעם געהויבענעם גאַסט אויף דער קאָנפערענץ — פון אַלבערט איינשטיין, וועלכער האָט מיט זיין געניאַלער אינטואיציע דערקענט, אַז דאָ איז פאַרפלאַנצט געוואָרן דער פאַרצווייגטער בוים פונעם מאָרגן: „איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די צוקונפט פון לאַנד און פון אונדזער גאַנצן שטאַם ליגט ביי אייך אין האַנט". און ווי מיר זעען, איז די נבואה מקוים געוואָרן.

בן גוריון, דער סעקרעטאַר פון הסתדרות דאַן, האָט אין זיין באַריכט טאַקע זיך פאַררופן אויף אַלבערט איינשטיינס כאַראַקטעריסטיק פון דער הסתדרות, ווי אַן אויסטערלישע און וווּנדערלעכע שאַפונג. בן גוריון האָט פאַרגליכן די פראַגע: „וואָס איז אַזוינס די הסתדרות?" צו דער פראַגע: „וואָס איז אַזוינס דאָס האַרץ?". ווען מען זאָגט, אַז די הסתדרות איז אַ פאַרבאַנד פון פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז עס פונקט ווי מען זאָל זאָגן: „דאָס האַרץ איז אַ פליישיקער מוסקול, רויט באַפּאַרבט, עס וועגט כך וכך און זעט אויס אַזוי און אַזוי". אַזאַ תשובה זאָגט גאָרנישט וועגן דער פיזיאָלאָגישער פונקציע פון האַרץ און וועגן זיין דעצידירנ־דיקער ראָל אין קערפּער און לעבן פון מענטש. נישט צופעליק האָט בן גוריון געבראַכט אָט דעם פאַרגלייך, ווייל ער האָט געזען די הסתדרות ווי דאָס האַרץ אין דער גאולה־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. ווי די צענטראַלע בלוט־אַרטעריע פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אויפקום. „צענדליקער דורות פון גאולה־בענקשאַפט, פון פיינלעכן וואַרטן אויף משיחס צייטן, פון דאָרשט נאָך לעבן און שאַפונג דערוועקן זיך אין אונדזער באַוועגונג. אַ באַוועגונג וואָס איר אָנהייב האָט זיך גענומען פון דער עליה און איר שלוס־אַקאָרד — די אַרבעט אין לאַנד — וועט קאָן פאַרויסזען איר גרויסקייט און חשיבות?".

איצט ווייסן מיר שוין וואָס איז אויסגעוואַקסן פונעם הסתדרות־בוים: די מעכטיקע אַרבעטער־קערפּערשאַפט, וואָס האָט אויסגעטראָגן דעם געדאַנק פון אַ יידישער מדינה און פאַרווירקלעכט אים אין לעבן.

די צווייטע קאָנפערענץ האָט זיך, נאַטירלעך, אָפּגעשטעלט בעיקר אויף די צוויי הויפּט־געביטן פון דער הסתדרות: די פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און די זעלבשטענדיקע ווירטשאַפטלעכע ארבעט.

עס האָבן ביז דאַן שוין פונקציאָנירט פאַרשידענע פראָפעסיאָנעלע פאָרמאַ־

ציעס: די פאַראייניקונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, די אייזנבאַנער, דרוק־אַרבעטער, מעטאַליסטן א.א.וו. די צווייטע קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג דאַרף אומעטום געבויט ווערן אויפן אינדוסטריעלן פּרינציפּ, ד. ה., נישט דאָס פאַך באַשטימט די אָנגעהעריקייט צום פאַראיין, נאָר דער אינדוסטריעלער צווייג. די קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן, אַז יעדע פּראָ־פעסיאָנעלע פאָרמאַציע פירט זיך אויטאָנאָם, אָבער אין איינקלאַנג מיט דער אַלגע־מיינער קאָנסטיטוציע און די תקנות פון דער הסתדרות און אירע אָרגאַנען. יעדער הסתדרות־מיטגליד מוז געהערן צו דעם אָדער יענעם פאַראיין, אַנטשפּרעכנדיק זיין פאַך און אַרבעטס־פּלאַץ. א חבר קאָן דעריבער נישט זיין קיין מיטגליד אין צוויי פאַראיינען. קיין שום פאַראיין האָט נישט קיין רעכט אָפּצוזאָגן זיך אויפנעמען מיטגלידער, אָן דער הסכמה פון לאָקאַלן ארבעטער־ראַט. וואָס שייך שטרייקן, מוז דער פאַראיין באקומען די הסכמה און באַשטעטיקונג פון סעקרעטאַריאַט פונעם אַרבעטער־ראַט.

די קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן אָנצושליסן זיך אין דעם אַמסטערדאמער פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל.

בנוגע דער ווירטשאַפטס־אַרבעט האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן שאַפן די „חברת עובדים" — די אַרבעטער־געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אַרומנעמען אַלס העכסטע אינסטאַנץ אַלע ווירטשאַפטלעכע הסתדרות־אינסטיטוציעס. אויסארבעטן די תקנות פון „חברת עובדים" האָט מען איבערגעגעבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

די צווייטע קאָנפערענץ האָט אויך פעסטגעשטעלט די יסודות פון דער אַל־געמיינער הסתדרות־סטרוקטור: איר קאָנסטיטוציע, אירע אָנפירנדיקע אָרגאַנען. די קאָנפערענץ האָט אויך באַשטימט, אַז די וואַלן צו די געזעצגעבערישע אָרגאַ־נען פון הסתדרות זענען פּראָפּאָרציאָנעלע.

פון איין קאָנפערענץ ביז צו דער צווייטער ווערט די קאָמפּעטענץ איבערגע־טראָגן צו דעם לאַנדראַט פון הסתדרות און צום ועד הפועל (דעם אויספיר־קאָמיטעט).

אויף די ערטער ווערט די הסתדרות רעפּרעזענטירט דורך מועצת הפועלים (אַרבעטער־ראַט) אָדער דורך אַ לאָקאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. אין דער קאָמפּע־טענץ פון ארבעטער־ראַט גייט אַריין די אויפזיכט איבער אַלע לאָקאַלע אנשטאַלטן

פון הסתדרות: די קאָאָפּעראַטיוון, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייִנען, די קראַנקן־קאַסע, די קולטור־אַרבעט, סאָציאַלע פארזאָרגונג, אָננעמען ארבעט אויף קאָנטראַקט און אויספירן די ארבעט.

עס איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הסתדרותישער געריכט, וואָס באַטראַכט און דערליידיקט סכסוכים, טענות און אָנקלאַגעס פון הסתדרות־מיטגלידער צווישן זיך.

ענדערן די קאָנסטיטוציע פון הסתדרות קאָן די קאָנפערענץ מיט צוויי דריטל שטימען.

די צווייטע קאָנפערענץ האָט אויפגעשטעלט די קאָנסטרוקציע פון הסתדרות.

די דריטע קאָנפערענץ

ב׳—כ׳ תמוז תרפ״ז — 5—22 יולי 1927

אין די וואַלן צו דער 3־טער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 17036 חברים, וועלכע האָבן אויסגעוויילט 201 דעלעגאַטן: אחדות העבודה — 108; הפועל הצעיר — 54; פועלי ציון — 14; די קיבוצישע רשימה — 8; די לינקע אָפּאָזיציע — 4; דער לינקער בלאָק — 4; אומפּאַרטייאישע — 3; רעוויזיאָניסטן — 2.

די דריטע קאָנפערענץ איז זיך צונויפגעקומען אין אַ תקופה פון אַ שווערן קריזיס און גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט. די ציוניסטישע אָנפירונג האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן פאַר אומפעיק צו באַהערשן די לאַגע. „די קאָנפערענץ״, האָט געזאָגט בן גוריון, „איז אויסגעפאַלן אין דער שוואַרצסטער שעה פאַר דעם יידישן אַרבעטער... טויזנטער יוגנטלעכע זענען אָנגעקומען אין לאַנד און געפונען אַ ציוניסטיש ווערק אָן מעשים, אָן קאָלאָניזאַציע און אָן אַרבעט. ווען נישט סולל בונה וואָלטן מיר צוזאַמענגעבראָכן נאָך פון אָנהייב אָן, און ווער ווייסט צי מיר וואָלטן דערמיט נישט געמאַכט אַ תל פון אונדזערע פּאָליטישע דעראָבערונגען״.

אויף דער פּיינלעכער פראַגע, פאַרוואָס קומט אויס דעם אַרבעטער צו טראָגן די גאַנצע לאַסט פון ליידן, האָט שפּרינצאַק געגעבן זיין תשובה: „ווייל דער אַרבעטער האָט גענומען אויף זיך אויסצוטראָגן די גאַנצע אַרבעט פון אָנהייב אָן, בשעת אַנדערע האָבן נישט אַרויסגעוויזן נישט קיין ווילן און נישט קיין אָפּפערוויליקייט צו שטעלן אין רשות פון דער פאַרווירקלעכונג זייערע מעגלעכקייטן און זייערע רעסורסן״.

דער דורכפאַל פון דער ציוניסטישער אָנפירונג האָט נישט געמאַכט אָפּהענטיק די הסתדרות. בן גוריון האָט אויפגעפאָדערט די הסתדרות צו פאַרדאָפּלען אָנשטרענגונג, פאַר נייער שאַפונג און קאָלאָניזאַציע. שפּרינצאַק האָט גערופן די הסתדרות נעמען אויף זיך אַ צוגאָב־לאַסט: מאָביליזירן דאָס גאַנצע פאָלק און

דערוועקן די הערצער, וויבאַלד די ציוניסטישע אָנפירונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפעיק.

אויך ח. נ. ביאַליק, וועלכער האָט באַגריסט די קאָנפערענץ, האָט קלאָר אונ־טערגעשטראָכן: „אין אָט דער האַרבער שעה מוזט איר זען זיך ווי די איינציקע פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אונדזער אויפקום אין לאַנד. דאָס איז די פּרווו־שעה פאַרן הייפל אַרויסצווייזן אַזאַ קראַפט, אַז אָט דער איינציקער אבר זאָל קאָנען אויספירן די פונקציעס פונעם גאַנצן פאַראַליזשירטן קערפּער". שוין דאַן, אין יאָר 1927, האָט ביאַליק אויף דער הסתדרות־קאָנפערענץ דערקלערט ממש נביאיש, אַז „דאָס יידנ־טום אין גלות גייט באַרג־אַראָפּ און קייקלט זיך צום גיהנום. ווינציקע וועלן זיך ראַטעווען — די, וועלכע וועלן קומען אַהער און פאַרגרעסערן די מחנה".

די דריטע קאָנפערענץ איז געווען די, וואָס האָט אָנגעהויבן צעטרייבן די וואָלקנס. אמת, זי האָט נישט געקאָנט גלייך ליקווידירן דעם קריזיס, אָבער מיטן פאַרפעסטיקן די הסתדרות האָט זי אויסגעהאַמערט דעם אינסטרומענט, וואָס איז געווען מסוגל צו פאָרסירן און פאַרזיכערן די גאולה. אין די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ איז געגעבן געוואָרן אַ שאַרפער און קלאָרער אַנאַליז פונעם קריזיס אין לאַנד און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט נישט געוווסט ווי זיך מטפל צו זיין מיט דער נייער עליה און פאַרוואָרצלען זי אויפן באָדן; וואָס האָט נישט געגעבן קיין הילף צו אַנטוויקלען האַנטווערקעריי און אינדוסטריעלע קאָאָפּע־ראַציע, נישט געשאַפן קיין קרעדיט־אַנשטאַלטן צוהילף דעם פּראָדוקטיוון קאַפּי־טאַל אין דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. נישט אינסטרואירט די עולים ווי איבערצוגיין צו פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג אָנשטאָט וואַרפן זיך אויף לופט־פּרנסות און ספּעקולאַציע.

די קאָנפערענץ האָט ספּעציעל אַכט געלייגט אויף דער ראָל פון דער פּראָדו־ציר־קאָאָפּעראַציע און טאַקע גלייך באַשלאָסן אויפשטעלן אַ צענטראַלע פאַר דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע. אַ ספּעציעלער פאָנד דערצו איז געשאַפן געוואָרן ביי דער אַרבעטער־באַנק. און זאָל דאָ טאַקע פאַרצייכנט ווערן, אַז יאָרן־לאַנג איז די הסתד־רותישע אינדוסטרי געווען קאָנצענטרירט אין דער צענטראַלע פון די קאָאָפּע־ראַטיוון.

די דריטע קאָנפערענץ האָט אויפגעטאָן נאָך אַ וויכטיקע זאך: איינגעגלידערט די ארבעטער־יוגנט ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון הסתדרות.

אויפן פּאָליטישן פראָנט

אויף דער דריטער קאָנפערענץ האָט די הסתדרות, צום ערשטן מאָל, אָנגענו־מען אַ שטעלונג צום ראַטנפאַרבאַנד: פּאָזיטיוו צו דער רעוואָלוציע — צו דעם רעוואָלוציאָנערן פונדאַמענט פון ראַטנפאַרבאַנד — און קריטיש צום פּאָליטישן רעזשים — דעם בנין, וואָס האָט איינגעראַמט די רעוואָלוציע.

די קאָנפערענץ האָט עס געבראַכט צום אויסדרוק אין איר דעטאַליזירטער רע־זאָלוציע וואָס לייענט זיך אַזוי: צום צענטן יאָרטאָג פון אָקטאָבער שיקט די קאָנ־פערענץ איר באַגריסונג צו די פעלקער פון רוסלאַנד אין זייער געראַנגל. די קאָנ־פערענץ דריקט אויס איר ווונטש, אַז רוסלאַנד זאָל מיט דער הילף פון די אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט, ביישטיין אַלע פּרוּוון פון רעסטאַווראַציע, צי זיי קומען פון רוסלאַנד, צי פון דרויסן. די קאָנפערענץ דריקט אויס איר האָפענונג אַז די שווערע ליידן וואָס זענען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון די פעלקער אין רוסלאַנד אין זייער העראָישן אָנשטרענג צו פאַרזיכערן פאַר זיך די פרייהייט, וועלן נישט גיין לאיבוד, און די רעוואָלוציע וועט ברענגען צו אַ סטאַביליזאַציע פון אַ רעזשים אויף סאָ־ציאַליסטישע יסודות, וואָס וועט דינען ווי אַ פעסטע און געטרייע באַזע פאַר די רוסישע אַרבעטער און פעלקער.

דורכגעדרונגען מיטן גלויבן אין דער רעוואָלוציע און אירע דערהויבענע אידעאַלן, פּראָטעסטירט שאַרף די קאָנפערענץ קעגן דעם רעזשים פון אונטער־דריקונג און רייניקונגען,, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך די הערשנדיקע פּאַרטיי אפילו נאָך היינט־צו־טאָג, 10 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע. די קאָנפערענץ פאַרלאַנגט אָפּצו־שטעלן די פּאָליטישע אונטערדריקונגען, מבטל מאַכן די טויט־אורטיילן אויף פּאָליטישע קעגנער, באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע קעמפן פאַר סאָציאַלער באַפרייונג.

די קאָנפערענץ שיקט איר ברודער־גרוס צו די אַלע, וועלכע קעמפן אין

רוסלאַנד פאַרן פרייהייט־אידעאַל און אין דער ערשטער ריי — צו די, וועלכע קעמפן אין די רייען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג אין א״י.

די קאָנפערענץ סאָלידאַריזירט זיך פולשטענדיק מיט די פאָנען־טרעגער פון ציוניזם און פון דער העברעיִשער קולטור, וועלכע ווערן פאַרפאָלגט אין רוסלאַנד און רופט זיי צו שטיין פעסט אין דעם געראַנגל, וואָס איז פאַרבונדן מיט די האָפענונגען פון יידישן פאָלק און זיין כבוד״.

און זאָל דאָ צום סוף געזאָגט ווערן: די דריטע קאָנפערענץ איז געווען ווי אַן עקזאַמען פאַר דער הסתדרות וואָס איז אַזוי שווער געטראָפן געוואָרן פון דעם קריזיס אין לאַנד. זי האָט באַוויזן, אַז גובר זיין דעם קריזיס קאָן מען דורך פאַר־דאָפּלטער שאַפונגס־אַרבעט אין שפאַנונג, אָנשטאָט אַראָפּלאָזן די הענט און לאָזן זיך פירן פון יאוש. די הסתדרות האָט פאַרפולקאָמט איר אָרגאַניזאַטאָרישע כלים, אויפגעשטעלט אַ צענטראַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע, באַשטימט אַ סיסטעם פון לויין־טאַריפן און אויסגעבילדעט אַ צענטראַלן שטאַב פאר חברת עובדים.

די דריטע קאָנפערענץ האָט פארוואנדלט די הסתדרות אין א שוץ־דאַמבע, וואָס האָט געצוימט די קריזיס־כוואַליעס, ווען זיי האָבן באַדראָט נישט נאָר די הסתדרות, נאָר די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג.

די פערטע קאָנפערענץ

די ערשטע סעסיע: ט״ז—כ״ב שבט תרצ״ג — 12—8 פעברואַר 1933
די צווייטע סעסיע: כ״ב—כ״ו טבת תרצ״ד — 13—8 יאַנואַר 1934

אין די וואַלן צו דער 4־טער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 22341 חברים, וועלכע האָבן אויסגעווילט 201 דעלעגאַטן: מפא״י — 165; השומר הצעיר — 16; אַלגעמיינע ציוניסטישע יוגנט — 1; תימנער ליסטע — 2; פועלי ציון — 16; רעליגיעזע סאָציאַליסטן — 1.

פונקט ווי די דריטע קאָנפערענץ איז זיך צונויפגעקומען אין טעג פון קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט, אַזוי איז זיך צונויפגעקומען די 4־טע קאָנפערענץ אין אַ תקופה פון ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג און גרויסן עליה־שטראָם, אין אַ תקופה, ווען די הסתדרות איז געוואָרן נישט נאָר אַן ערנסטער פאַקטאָר אין ישוב, נאָר אויך אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וווהין זי האָט אַריינגעפירט אין דער עקזעקוטיווע 4 חברים: אליעזר קאַפּלאַן ז״ל, בן גוריון, מ. שרת און ב. לאָקער (די איבעריקע 5 עקזעקוטיווע מיטגלידער זענען געווען: ז. בראָדעצקי, יעקאָבסאָן, י. גרינבוים, ל. ליפסקי און מ. רופין).

די 4־טע קאָנפערענץ איז זיך אַלזאָ צונויפגעקומען אין א צייט, ווען דער יידישער אַרבעטער איז שוין געוואָרן דער רוקנביין פון ציוניזם און ער האָט אָנגעהויבן קערעווען דעם רודער פון אונדזער רענעסאַנס־באַוועגונג אויף אַרויס־צופירן זי פון קלעם און פון צעקרישלונג. אַזוי האָט טאַקע פאָרמולירט די סיטואַ־ציע בן גוריון: „ווען עס האָבן זיך באַוויזן אין דער באַוועגונג סימפּטאָמען פון אַלטקייט און אוממעכטיקייט, ווען עס האָבן זיך אַנטפּלעקט געפערלעכע דורכ־ברוכן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער עצם־מהות פון דעם ציוניס־טישן געדאַנק האָט געהאַלטן ביי פאַלסיפיצירט און פאַרקריפּלט ווערן״.

איז טאַקע געקומען די צווייטע סעסיע פון דער קאָנפערענץ און דער שליח



די צווייטע הסתדרות־קאָנפערענץ (1923)



די דריטע הסתדרות־קאָנפערענץ (1927)

די זעקסטע הסתדרות־קאָנפערענץ (1944)



ד. בן־גוריון רעדט אויף אַ הסתדרות־קאָנפערענץ

פון דער הסתדרות אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געבראַכט זיין באַריכט און אויספיר: „מען מוז פאַרדאָפּלען דעם ישוב און דאָס ווערק. אין די נאָענטסטע 5 יאָר (דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין יאָר 1934 — א. מ.), שטייט אונדז פאָר די סכנה פון אַ מלחמה. פאַר אונדז איז עס אַ זיבנפאַכיקע געפאַר. כדי מיר זאָלן קאָנען ביישטיין דעם גרויל, מוזן מיר פאַרטאָפּלען אונדזער צאָל במשך אָט דער תקופה און פאַרפעסטיקן מאַקסימאַל אונדזערע פּאָזיציעס. דאָס דאַרף ווערן אונדזער פינפיאָר־פּלאַן און מען דאַרף אָנווענדן אָנשטרענגונגען, כדי צו רעאַליזירן דעם פּלאַן און מאָביליזירן אַלע שעפערישע כוחות אין ציוניזם און אין ישוב. אונדזער גאַנצע אַרבעט מוז געפירט ווערן אונטער איין אַספּעקט: טראָגן די אחריות פאַרן גורל פון פאָלק, וואָס פאַרלירט דעם באָדן אונטער זיינע פיס, דעם יסוד פאַר זיין קיום — און לעבט אונטער דער אימה פון דער שווערד איבערן קאָפּ".

די הסתדרות ווערט דעריבער אויפגעפאָדערט אָנצושטעקן די ציוניסטישע באַוועגונג מיטן „גייסט פון שאַפן", שטעלן זיך אין שפּיץ פון דער פאָלקס־באַפרייונג, אַריינשפּריצן ניי, פרישן בלוט אין די פאַרקאַלכטע אַרטעריעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַרויספירן זי אויפן ברייטן שליאַך פון פאַרווירקלעכונג, פון דערגרייכן דעם ציל.

„דער יידישער אַרבעטער האָט תמיד געטאָן זיין אַרבעט צילבאַוווסט. זיין נאַציאָנאַלע שליחות און זיין קלאַסן־קאַמף איז געווען אַ גערנאַגל פון ציוניסטישע פאַרווירקלעכער קעגן די, וועלכע פאַרהאַלטן זיך פרעמד צו די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, אָדער פאַרלייקענען זיי" (בן גוריון אויף דער 4־טער הסתדרות־קאָנפערענץ).

דריי צענטראַלע פראַגן האָבן באַשעפטיקט די קאָנפערענץ. א. די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק, ב. די ווירטשאַפטלעכע שאַפונג פון דער הסתדרות און ג. די קולטור־אַרבעט.

וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיק האָט רעפערירט אליעזר קאַפּלאַן ז"ל. זיין פאַרטראַג דינט נאָך הייַנט־צו־טאָג ווי אַ גרונט־הנחה אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. וועגן דער ווירטשאַפט־אַרבעט האָבן רעפערירט ב. כצנלסון, א. ברודני און ה. פרומקין. דער רעפערענט אין דער קולטור־פראַגע איז געווען ב. כצנלסון.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אויפשטעלן די די פאַרוואַלטונג פון חברת

עובדים ווי די העכסטע אינסטאַנץ פאַר ווירטשאַפט־אַרבעט. אין איר קאָמפּעטענץ איז אַריין:

א. די אויפזיכט איבער אַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון הסתדרות און די קאָאָרדינאַציע צווישן זיי;

ב. ווירטשאַפטלעכע איניציאַטיוו. באַשטימען די פינאַנסיעלע און ווירט־שאַפטלעכע פּלענער;

ג. דורכפירן אין לעבן דעם פּרינציפּ פון שטעלן אין רשות פון חברת עובדים דאָס אייגנטום־רעכט איבער אַלע הסתדרותישע צענטראַלע אונטערנעמונגען;

ד. באַשטימען און ריכטן די באַציונגען און פאַרבינדונגען פון חברת עובדים און אירע אָפּצווייג־געזעלשאַפטן מיט די דרויסנדיקע אינסטיטוציעס;

ה. סיסטעמאַטישע פאָרשונגס־אַרבעט אין פראַגן פון דער הסתדרות־ווירט־שאַפט; אַנאַליזירן די פינאַנסיעלע און פיסקאַלע פּראָבלעמען פון דער ארץ־ישראל־ווירטשאַפט בכלל און באַשטימען די פּאָזיציע פון הסתדרות לגבי זיי.

אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט האָט די קאָנפערענץ אָנגעצייכנט דעם וועג פאַר קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט דער אונטערנעמונג, מיטן ציל צו באַשטימען איינ־הייטלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען אין ענלעכע פאַכן.

דער אוספיר־קאָמיטעט פון הסתדרות (הועד הפועל) איז באַפולמעכטיקט גע־וואָרן צו דערשלאָגן זיך אַן אָבליגאַטאָרישע בוררות אויפן יסוד פון אַ הסכם צווישן ביידע צדדים. דאָרט, וווּ אַזאַ ארבעטס־הסכם איז נישטאָ וועט די הסתדרות איבער־לאָזן זיך פרייע הענט, כדי צו באַשיצן די ארבעטער־אינטערעסן. די קאָנפערענץ האָט דערקלערט איר גרייטקייט אויפצושטעלן אַרבעטס־בערזעס אויפן יסוד פון פּאַריטעטער פארטרעטערשאפט פון די ארבעטער און ארבעטסגעבער.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס געפינען זיך מחוץ דער הסתדרות, כדי צו פאַרזיכערן געמיינ־זאַם אַ גערעכטע ארבעטס־פאַרטיילונג און ארבעטער־שוץ און שטרעבן גלייכצייטיק צו אָרגאַניזירן אלע ארבעטער אין דער ראַם פון הסתדרות.

דער שלוס־אַקאָרד פון דער קאָנפערענץ איז געווען די דיסקוסיע איבער די קולטור־פראַגן. ב. כצנלסון האָט אין זיין רעפעראַט אָנגעוויזן, אַז די הסתדרות

האָט ביז אַהער נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די חשיבות פון דער קולטור־אַרבעט — צו הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון די חברים, ווייל דאָס איז דעצידירנד אויף צו דערגרייכן דעם נצחון. „אַ באַוועגונג האָט נישט קיין אויסזיכט צו דערגרייכן איר ציל, אויב זי וועט נישט זוכן און אויסגעפונען וועגן, ווי צו דערהייבן אידעיש די חברים. בלויז מיט פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען וועט מען נישט קאָנען אויסשטיין די גורלדיקע שעה". און אוודאי קאָן מען נישט אויפשטעלן אַ יידיש אַרבעטס־פאָלק, באַפרייט פון גלות און ליידיקגייערײ, אָן אויסערגעוויינלע־כער גייסטיקער אָנשטרענגונג".

הגם אונדזער ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַרבעט, האָט געטענהט ב. כצנלסון, האָט אַ דערציערישן ווערט פאַר זיך, אָבער זי ווערט נאָך נישט באַגלייט און באַלויכטן מיט א געהעריקער אויפקלער־אַרבעט. מען מוז דעריבער שאַפן דעם גלייכגעוויכט צווישן אַלע צווייגן פון דער הסתדרות־אַרבעט, זיין פונקט אַזוי פאַנאַטיש איינגעשטעלט פאַר גייסטיקע ווערטן, ווי פאַר פּאָליטישע און ווירט־שאַפטלעכע. אַט די דריי־איינקייט איז אַ מוז אויך אין אונדזער דור. נאָר מיט אָט דעם כוח האָבן מיר אויסגעהאַלטן און מיר וועלן אויסהאַלטן — מיר, די ווינציקע קעגן אַ סך.

די פינפטע קאָנפערענץ

ב—ו אייר תש״ב — 19—23 אַפּריל 1942

עס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן 88198 חברים, וועלכע האָבן אויסגע־ווייַלט 424 דעלעגאַטן: מפא״י — 300 דעל.; לינקע פּועלי ציון — 19; השומר הצעיר און די סאָציאַליסטישע ליגע — 83; פּועלי ציון און די מאַרקסיסטישע קרייזן — 7; העובד הציוני — 15.

די 5־טע קאָנפערענץ האָט געוויזן, אַז די הסתדרות איז געוואָרן דער צענט־ראַלער פּאָליטישער כוח אין לאַנד. די קאָנפערענץ איז אינגאַנצן געשטאַנען אונ־טערן צייכן פון דער פּאָליטישער סיטואַציע. ס׳איז געווען אַ קאָנפערענץ פון האַרבער וואָרענונג קעגן דער געפאַר פון דער נאַציסטישער בעסטיע און פון אַ רוף צו פולער מאָביליזאַציע. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אוועקצושטעלן די גאַנצע הסתדרות — אירע חברים, ווירטשאַפט, אינסטיטוציעס — אונטער אַן אויס־נאַם־רעזשים פון קריג. זי האָט פאַרלאַנגט פונעם גאַנצן ישוב שטעלן זיך גרייט און נעמען אויף זיך אַלע קריגס־התחייבותן — ווער אין מיליטער־דינסט, ווער מיט זיין פאַרמעגן.

די קאָנפערענץ האָט פּראָקלאַמירט די גרייטקייט פון אַלע אַרבעטער צו אַרבעטן איבער־שעהן יעדן טאָג און שטעלן אין רשות פון אַ ספּעציעלן ישוב־פאָנד (אוצר־הישוב) דעם אַרבעטס־לוין פון אַ שעה אין טאָג — אויף צו שטיצן די משפּחות פון די מאָביליזירטע און פאַרשטאַרקן די שוץ־פעיקייט פונעם ישוב. די קאָנפערענץ האָט בפירוש דערקלערט: „אַ חבר פון הסתדרות, וועלכער איז מיליטעריש דינסט־פליכטיק און פילט נישט אויס זיין חוב, שליסט זיך דערמיט אַליין אויס פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־כלל און פאַרלירט דעם מאָראַלישן יסוד פאַר זיין מיטגלידערשאַפט אין הסתדרות. און די הסתדרות האָט טאַקע דערוויזן — ווי עס האָט פעסטגעשטעלט מ. שרת (שערטאָק) אין זיין רעפעראַט — אַז זי

איז די מעכטיקע פֿעסטונג פֿונעם יידישן פֿאָלק, די ווירקזאַמסטע טרייב־קראַפֿט. דער נאַציאָנאַלער גורל פֿון יידישן פֿאָלק איז פֿאַקטיש אָנפֿאַרטרויט געוואָרן דער הסתדרות. זי איז געווען די גרעסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געזאָגט און מקיים געווען, וואָס האָט מאָביליזירט די מאַסן און געשטעלט זיי צו פֿרייוויליקער דינסט.

די הסתדרות האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און דורך איר — דער גאַנצער ישוב.

די זעקסטע קאָנפערענץ

ערשטע סעסיע: ד׳—ה׳ כסליו תש״ה — 10—21 נאָוועמבער 1944

צווייטע סעסיע: י״ד—י״ט שבט תש״ה — 28 יאנואַר—2 פעברואַר 1945

106.420 חברים האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן מיט 423 דעלעגאַטן: מפא״י — 226 דעל.; אחדות העבודה — 75; השומר הצעיר און די סאָציאַליסטישע ליגע — 65; פועלי ציון — 22; העובד הציוני — 13; די נייע אַרבעטנדיקע עליה — 13; דער רעליגיעזער אַרבעטער — 6; די פאַראייניקטע תימנער ליסטע — 2; די „אַרבעטער פון פאָלק״ (די קאָמוניסטן) — 1; ליסטע כ׳ — 1.

די ערשטע סעסיע

צוויי הויפּט־פראַגן האָבן באַשעפטיקט די קאָנפערענץ: דער קאַמף מיט דער טעראָר־באַוועגונג און די מאָביליזאַציע־קאַמפּאַניע פאַר דער יידישער מיליטערי־שער פאָרמאַציע (חי״ל).

דעם הויפּט־רעפעראַט האָט געהאַלטן מ. שרת (שערטאָק), וועלכער האָט גע־רופן צו באַקעמפן די מכה פון טעראָר, וואָס האָט זיך איינגעביסן אין דעם אָרגאַ־ניזם פון ישוב און געדראָט צו פאַרגיפטן אים. גלייכצייטיק האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נייער דערגרייכונג אונדזערער — די „יידישע מיליטערישע פאָרמאַציע״, וואָס הייבט זיך אַרויס ווי אַן אינדזל אין דעם צעבושעוועטן ים אַרום אונדז. „אונ־דזער ישוב איז נישט קיין צעקראָכענער, וויך־ביינערדיקער אָרגאַניזם. ער פאַר־מאָגט אַ פעסטן רוקנביין — די אַרבעטער־באַוועגונג, די הסתדרות. און פּונקט ווי די הסתדרות האָט זוכה געווען צו ווערן דער צענטראַלער אינסטרומענט פון פאַר־ווירקלעכונג אין דער עליה, אין דער קאָלאָניזאַציע, אין דער הגנה (זעלבשוץ) און אין דער מאָביליזיר־אַקציע, פּונקט אַזוי איז איר באַשערט צו ווערן דעם הויפּט־רעאַליזירער ביים אויסבויען דעם חי״ל און זיכערן זיין קיום״.

אין דער פראַגע פון טעראָר האָט די קאָנפערענץ פעסטגעשטעלט, אַז די טעראָר־גרופּן, — לויט זייער וועזן, דערציונג און ווילקיר־מעשים, — זענען די שונאים פון דעם ציוניסטישן באַפרייונגס־געדאַנק און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי דערמוטיקן די פעלקער־שנאה; פאַרפירן די יוגנט און פירן זי אַוועק פון שאַפנדיקער אַרבעט און פון זעלבשוץ צום פאַרשייטן אַוואַנטוריזם און פאַשיסטישן טעראָר; זיי פאַרקריפּלען און האַמעווען דעם קאמף פאַר יידישער באפרייונג און אויפריכטונג און זוכן צו באַהערשן דעם ישוב און צעשטערן זיין אינערלעכע פרייהייט דורך געוואַלד־אַקטן, שאַנטאַזש און מאָרד. די קאָנפערענץ האָט אַפּעלירט צו דער אַרבעטערשאפט אויפצונעמען אן אַקטיוון קאמף קעגן דעם טעראָריזם.

די קאָנפערענץ האָט אַרויסגעהויבן דעם ענין פון דער יידישער מיליטערישער פאָרמאַציע ווי אַן ערשטראַנגיקן פּאָליטישן אויפטו פון יידישער פרייוויליקייט און האָט גערופן צו קאָמפּלעטירן די פאָרמאַציע. דער חודש דעצעמבער איז דערקלערט געוואָרן ווי דער מאָביליזיר־חודש פאַר אויסברייטערן די פרייוויליקע קאַדרען פאַר אַלע מיליטערישע פאָרמאַציעס.

אַזוי איז די הסתדרות געוואָרן דער קניפּ־פּונקט פאַר אויפשטעלן דעם יידישן מיליטערישן כוח, פּונקט ווי זי איז געוואָרן דער צענטראַלער פּאָליטישער כוח אין ישוב.

די צווייטע סעסיע

די צווייטע סעסיע איז אויסגעפאַלן ערב דעם סוף פונעם צווייטן וועלט־קריג, ווען דער שאַרף פון בריטישן „ווייס־בוך" איז געלעגן ווי אַ חלף איבערן האַלדז. עס האָט געעקבערט די פראַגע, צי וועט די הסתדרות מצליח זיין צו פאַרענדיקן דערפאָלגרייך דעם געראַנגל, מאַכן צו־נישט די גזירה פון „ווייס־בוך" און דורכברעכן דעם וועג פאַר אויפשטעלן די יידישע מדינה. האָט די סעסיע זיך אָפּגעגעבן בעיקר מיט מאַכן אָרדענונג ביי זיך אין הסתדרות.

ה. גאָרפינקל האָט געגעבן אַן איבערזיכט וועגן די אינערלעכע פּראָבלעמען פון הסתדרות און אונטערגעשטראָכן, אַז „מיר זענען מחויב צו זאָגן זיך און אַנ־

דערע דעם פולן אמת וועגן אונדזער ווערק: דעם אמת, אַזוי ווי ער איז, מיט די ליכט־ און שאָטן־זייטן; נישט פאַרמינערן די פעלערן, אָבער אויך נישט צוגעבן קיין אויסגעטראַכטע פעלערן. און אַזוי וואָלט איך טאַקע דעפינירט די אויפגאַבן פון קאָנטראָל־אַמט אין דער הסתדרות: נישט אויסזוכן קיין מומים, נאָר אויס־בעסערן דעפעקטן". עס דראָט דער הסתדרות אַן ערנסטע סכנה. אירע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פּאָזיציעס קאָנען שווער געטראָפן ווערן, אויב מיר וועלן נישט געפינען קיין וועג אַריינצופירן אין אונדזער ווירקונגס־קרייז די מער־הייט פון די נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

די קאָנפערענץ האָט אויפגעפאָדערט דעם ועד הפועל דורכצופירן אַ ריי צו־זאַמענטרעפן מיט די נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, פאַרסירן און פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט דורך די אַרבעטער־ראַטן.

די חברטע רחל קאַצענעלסאָן (שזר) האָט דערגענצט דעם באַריכט פון ה. גאָר־פינקל מיט אַן איבערזיכט איבער דער הסתדרות־אַרבעט צווישן די פרויען. הגם די הסתדרות ציילט 50% פרויען און פאָרמעל זענען זיי גלייכבאַרעכטיקט, האָט אָבער די הסתדרות נאָך נישט געזאָרגט גענוג, כדי צו פאַרזיכערן דער אַרבעטער־פרוי איר געהעריקע פאַרטרעטערשאַפט אין די הסתדרות־אינסטאַנצן און פאַרן הייבן דעם קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן ניוואָ פון דער מוטער. רחל האָט גע־פאָדערט אויפשטעלן קעמערלעך פון דער אַרבעטער־פרוי אין פאַבריק, אין קיבוץ און אין דער יוגנט־באַוועגונג. „בלויז דאַן וועט זי קאָנען אויספילן אַלע אויפגאַבן, צו וועלכע זי איז מסוגל".

בן גוריון האָט קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָנפערענץ אויף דעם פּראָבלעם פון לוין־אַרבעטער און אַוועקגעשטעלט אַ שלאָג־לאָזונג: מיטן פנים צום לויך־אַרבעטער; כדי צו אַקטיוויזירן די אַרבעטער־מאַסן ווי אַ פּאַראַנט־וואָרטלעכן חלוצישן כוח אין ישוב, אין ציוניזם און אין דער הסתדרות, מוז מען זיי געבן די פולע רעכט אָנצופירן אַליין מיט זייערע ענינים — מיט דער פּראָפעס־יאָנעלער פּאָליטיק און די אַרבעטער־אָפּמאַכן און וואָס וויניקער אַריינמישן זיך פון אויבן.

בן גוריון האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן אויפצושטעלן די לאַנד־פאַראייניגן אויפן אינדוסטריעלן באַזיס, ווי דאָס איז פאַקטיש באַשלאָסן געוואָרן נאָך אויף דער

צווייטער קאָנפֿערענץ, אָבער אויסגעפֿירט געוואָרן בלויז אין 4 בראַנזשעס (לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, אינזשיניערן און טעכניקער, אײַזנבאַן־, פּאָסט־ און טעלעגראַף־אַרבעטער).

די קאָנפֿערענץ האָט באַשלאָסן אויסצוברייטערן די ראַם פֿון לאַנד־פֿאַראייניגן און אייגשליסן אין זיי פֿאַבריק־אַרבעטער, בוי־אַרבעטער, טראַנספּאָרט־ און ים־אַרבעטער. שטרייק־דערקלערונגען און דאָס באַשטעטיקן אַרבעטס־אָפּמאַכן דאַרפֿן צוערשט געבראַכט ווערן פֿאַר א געהיימער אָפּשטימונג פֿון די אַרבעטער, וועמען דער ענין איז נוגע.

די קאָנפֿערענץ האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס צו ליקווידירן די לוין־אַרבעט ביי חברים פֿון הסתדרות פּראָקלאַמירנדיק, אַז „די הסתדרות וועט נישט דולדן אין אירע רייען פֿאַלן פֿון עקספּלאָאַטאַציע דורך אייגענע חברים".

די 6־טע קאָנפֿערענץ איז געווען, בכן, אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דעם גאַנג פֿון הסתדרות צו מאַכן אָרדענונג ביי זיך, קאָרעגירן די פֿעלערן און פֿעסטיקן די הסתדרות אין איר היסטאָרישער, נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער און קלאַסן־שליחות.

די זיבעטע קאָנפערענץ

כ״ח אייר—ב׳ סיון תש״ט — 24—30 מאַי 1949

עס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן 143.833 חברים, וועלכע האָבן אויס־געוויילט 501 דעלעגאַטן: מפא״י — 286; מפ״ם — 172; העובד הציוני — 19; דער רעליגיעזער אַרבעטער — 11; די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי — 3.

די 7־טע קאָנפערענץ איז געווען די ערשטע הסתדרות־קאָנפערענץ נאָך דעם אויפקום פון מדינת ישראל.

די קאָנפערענץ האָט מיט באַרעכטיקטער סאַטיספאַקציע פאַרצייכנט די גרויסע ראָל פון דער הסתדרות, פון אירע חברים אין די גרענעץ־פּונקטן אין עמק־הירדן, אין גליל און אין נגב און פון אירע אַנשטאַלטן און קאָאָפּעראַטיוון אין דעם באַפרייונגס־קאַמף פאַר מלוכהשער זעלבשטענדיקייט און האָט אָנגעצייכנט דעם ווייטערדיקן וועג פון דער הסתדרות און דער מדינה. „די קאָנפערענץ זעט אין דעם פאַראייניקטן ארבעטער־קלאַס אין דער הסתדרות די שוץ־פעסטונג פון דער מדינה, דעם אינסטרומענט, וואָס פירט אויס די היסטאָרישע מיסיע פון ישוב און פון דער מדינה״.

די נאָענטסטע, צענטראַלע אויפגאַבע פון דער הסתדרות, האָט געהאַלטן די קאָנפערענץ, איז דאָס צופּאַסן די ווירטשאַפט פון דער מדינה צו די באַדערפעענישן פון אויפנעמען די עליה. האָט טאַקע די הסתדרות באַשלאָסן צו שטיצן און העלפן דער רעגירונג דורכצופירן איר ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם און ריכטן די פּראָפע־סיאָנעלע פּאָליטיק און די ווירטשאַפטלעכע ארבעט פון דער הסתדרות צו די נויטן און אויפנעם־מעגלעכקייטן פון דער עליה.

אין איינקלאַנג מיט דער רעגירונגס־פּאָליטיק האָט די הסתדרות זיך איינ־געשפּאַנט צו פאַרווירקלעכן די פּאָליטיק פון „צנע״ (שפּאָרזאַמקייט), צו באַקעמפן דעם שוואַרצן מאַרק, איינשטעלן אַ קאָנטראָל אויף די פּרייזן און הייבן די פּראָ־

דוקציע און ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט. די קאָנפערענץ האָט דערקלערט, אַז „כדי מעגלעך צו מאַכן פאַר די נייע עולים אַריינצוגיין אין דער פּראָדוקציע און אויס־בילדן זיך אין די פאַכן, וועט די הסתדרות שטרענג אכטונג געבן, אַז דער פּראָפע־סיאָנעלער פאַראיין זאָל זיין אָפן פאר אלעמען און זי וועט באקעמפן יעדע צעכיס־טישע און סעפּאַראַטיסטישע טענדענץ". די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אָפּצוהיטן די זעלבשטענדיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אָפּוואַרפן אַבליגאַטאָ־רישע בוררות און איינהאַלטן דאָס פרייע רעכט פון שטרייקן נישט אָפּזאָגנדיק זיך גלייכצייטיק פון פאַרמיטלעריי מצד דעם אַרבעטס־מיניסטעריום, אָבער דאָס דאַרף זיין נישט פאַרפליכטנדיק.

גלייכצייטיק האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן אויסצופועלן, אַז עס זאָל דורכ־געפירט ווערן אַ געזעצגעבונג אויף צו שיצן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, צו פאַרזיכערן געזעצלעך די קראַפט פון קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, פון פולן באַצאָלטן געבורטס־אורלויב, פון באַצאָלטן יערלעכן אורלויב, איינצושטעלן א מינימום־לוין, און איינפירן אין לעבן דאָס געזעץ פון ברייטער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס זאָל איינשליסן פאַרזיכערונג פון אומגליק־פאַלן ביי דער אַרבעט, פון פאַלקס־געזונט, פון מוטער־שוץ, פון אינוואַלידנטום און עלטער־פאַרזיכערונג.

די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגעצייכנט, אינעם רעפעראַט פון פּ. לבון, דעם גענעראַל־סעקרעטאר פון הסתדרות, אַ רעאָרגאַניזאַציע־פּלאַן פון חברת העובדים און פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט. פּ. לבון האָט פאַרלאַנגט צו באַגרענעצן די דעצענטראַליזאַציע פון דער ווירטשאַפט. אויפשטעלן איין אָנפירונג, פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט־רעכט פון דער הסתדרות אויף דעם ווירטשאַפטלעכן סעקטאָר, כדי ער זאָל קאָנען עפעקטיוו ווערן דער פּיאָנער פאַר דער ווירטשאפטלעכער זעלבשטענדיקייט פון דער מדינה. ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד איצט, מיט דעם אויפקום פון דער מדינה, ווען עס האָבן זיך געעפנט די ברייטסטע מעג־לעכקייטן צו אַנטוויקלען דאָס לאנד און ס'האָבן זיך אנטפלעקט האָריזאָנטן פאַר אַ גראַנדיעזער ווירטשאפטלעכער עקספּאַנסיע, האָבן דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל און די פּריוואַטע ווירטשאַפט, ווידעראַמאָל אַנטוישט, פּונקט ווי זיי האָבן אַנטוישט אַמאָל.

דאָס האָט קלאָר אַרויסגעבראכט פּ. לבון אין זיין רעפעראַט: „עס האָט זיך

געשאפן אַ סיטואַציע, אַז נישט געקוקט אויף דעם גרויסן עליה־שטראָם איז די ישראל־ווירטשאפט דערגאַנגען צו א פארגליווערונגס־פונקט: דער קאַפּיטאַל־שטראָם האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט; דער עקספּאָרט ווערט איינגעשרומפּן; די פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט איז פארבליבן אין א חורבן־צושטאַנד. קיין פאבריקן קומען נישט צו, די בוי־בראַנזשע איז פאַרקראָכן אין אַ טעמפּן ווינקל". און ווידער האָט די הסתדרות געמוזט איינשפּאַנען זיך, ווי פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה, קאָנסאָלידירן זיך פון אינעווייניק, כדי ארויסגיין צו אַן אָנגריף אין דרויסן.

די 7־טע קאָנפערענץ האָט טאַקע געשטאָלט די הסתדרות, געגעבן איר שווונג אַרויפצופירן די פּראָפעסיאָנעלע און ווירטשאַפטלעכע ארבעט אויף נייע רעלסן. זי האָט געעפנט אַ וועג פאַר ראַציאָנאַליזירן די ווירטשאַפט, הייבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויקייט און אויפשטעלן פּראָדוציר־ראַטן: „די קאָנפערענץ — זאָגט די אָנגענומענע רעזאָלוציע — זעט אין דעם פארשטאַרקן דעם עקספּאָרט — דעם צענטראַלן שליאַך פאר דערגרייכן ווירטשאפטלעכע זעלבשטענדיקייט. דער עקספּאָרט קאָן אויסגעברייטערט ווערן נאָר דורך אויסברייטערן די פּאָדוקציע. און אויסברייטערן די פּראָדוקציע קאָן מען נאָר בתנאי, אַז זי זאָל אָרגאניזירט ווערן ראַציאָנעל, אדמיניסטראַטיוו און טעכניש, אין די וויכטיקסטע ווירטשאפט־צווייגן און אין דער זעלבער צייט מוז אויפגעהויבן ווערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויקייט. דעריבער וועט די הסתדרות דערמוטיקן דאָס אויפשטעלן פּראָדוציר־ראטן אין די פארשידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע, אין דער לאנדווירטשאפט, אין טראַנס־פּאָרט, אין דער מלוכה־ווירטשאַפט, און פאַרלאַנגען צו פיקסירן די הויך פון די פּראָפיטן... דאָס רעכט צו באַשטימען דעם לוין־טאַריף בלייבט ווי פריער ביים פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אויפן יסוד פון די קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די ארבעטס־געבער. די הסתדרות וועט סטימולירן דאָס איינפירן פון ארבעט־סיסטעמען, וואָס העלפן צו פארגרעסערן די פּראָדוקציע און דעם ארבעטס־לוין, פּראָדוקציע בתנאי, אז דער מינימום טאָג־לוין זאָל אָפּגעהיט ווערן".

נישט די פּריוואַטע ווירטשאפט, נאָר דווקא די הסתדרות האָט געגעבן דעם שטויס אַריבערצופירן די ישראל־ווירטשאַפט אויף נייע רעלסן — צו ראַציאָנאַלי־זאַציע, צו פּלאַנמעסיקייט, צו בעסערע ארבעט־סיסטעמען, צום אויפשטעלן פּראָ־דוציר־ראַטן, אין אריינפירן אין די אונטערנעמונגען אינדוסטרי־אינזשעניערן, וואָס

זאָלן פונדאַמענטאַל אנאליזירן די פּראָדוציר־פּראָצעסן און גרינטלעך ראַציאָנאַ־ליזירן די אונטערנעמונגען.

אין 1955 האָט אָט די איניציאַטיוו געגעבן פרוכט: עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער אינסטיטוט פאַר ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט און ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע ביים ארבעטס־מיניסטעריום, מיט דער באַטייליקונג פון דער הסתדרות, פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלער, מיניסטעריום פאַר האנדל און אינ־דוסטרי און דעם פאַראיין פון אינזשיניערן און ארכיטעקטן. אין מאַי 1952 איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דער הסתדרות און פאַרבאַנד פון די אינדוס־טריעלער אויפצושטעלן פּראָדוציר־ראַטן.

אַזוי איז געעפנט געוואָרן דער וועג פאַר ראַציאָנאַליזירן דיווירטשאפט, וואָס האָט שוין געבראַכט רעזולטאַטן: די פּראָדוקציע איז שטאַרק געוואקסן אין דער אינדוסטרי און לאַנדווירטשאפט און די ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט אין געשטיגן.

די אַכטע קאָנפערענץ

ו׳—ח׳ ניסן תשט״ז — 18—20 מערץ 1956

אין די וואַלן האָבן זיך באַטייליקט 431.160 חברים, וועלכע האָבן אויסגעוויילט 801 דעלעגאַטן: מפא״י — 463; אחדות העבודה—פועלי ציון — 117; מפ״ם — 101; העובד הציוני — 42; מק״י — 33; ארבעטער־פאַרבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן — 30; דער רעליגיעזער אַרבעטער — 15.

די 8־טע קאָנפערענץ — די צווייטע נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה — האָט קודם כל דורכגעפירט אַ סך־הכל פון 7 יאָר הסתדרות־אַרבעט אין די ראמען פון מלוכהשער זעלבשטענדיקייט און האָט אָנגעצייכנט איר וועג אויף ווייטער, אין שייך פון די גרויסע ענדערונגען אין דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה.

דעם הויפט־רעפעראַט האָט געהאַלטן בן גוריון אויף דער טעמע: „די הסתד־רות און די מדינה״. בן גוריון האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער גרויסער, מלוכהשער ראָל, וואָס די הסתדרות האָט אויסגעפירט אין דער תקופה פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, אָבער גלייך נאָך דעם האָט ער געמאַכט דעם דראַסטישן אויס־פיר, אַז „מיט דעם אויפקום פון דער מדינה זענען שוין אָט די אויפגאַבן געוואָרן אַן איבעריקער לאַסט פאַר דער הסתדרות, אין דער זעלבער צייט א שטער פאַר דער אומאָפּפרעגלעכער קאָמפּעטענץ פון דער מדינה״. אַ ריי פונקציעס פון מלוכהשן כאַראַקטער האָט שוין די מדינה איבערגענומען ביי דער הסתדרות. א שטייגער די הגנה, ווו די הסתדרות האָט אויסגעפּילט אַן ערשטראַנגיקע נאַציאָנאַלע שליחות. היינט איז די שוץ־טעטיקייט געוואָרן דער אויסשליסלעכער פּרעראָגאַטיוו פון דער מדינה. דאָס זעלבע — מיט דער עליה, מיט אויפנעמען זי און שאַפן פאַר איר באַשעפטיקונג און אַ דאַך איבערן קאָפּ. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ כלל: די זאָרג פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן פון בירגער נעמט אויף זיך די מדינה „און ווען איך זאָג מדינה״, האָט בן גוריון געניויער מסביר געווען, „מיין איך נישט דווקא

דעם מלוכה־אפּאַראַט. א סך הצטרכותן קאָן מען באַפרידיקן עפעקטיווער דורך די אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראינטערעסירטע גופא, אַ שטייגער, ווי אין דעם גע־זונטהייטס־וועזן. עס וואָלט געווען אַ שווערער פעלער און אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער פאַרלוסט ווען מען זאָל, למשל, די מעדיצינישע הילף־אַרבעט איבערגעבן אינ־גאַנצן אין רשות פון דעם אַדמיניסטראַטיוון רעגירונגס־אַפּאַראַט בשעת די גרעסטע צאָל בירגער, בעיקר די חברים פון הסתדרות, האָבן אויפגעשטעלט מיט אייגענע כוחות אַ מעדיצינישע באַדינונג, וואָס האָט דערגרייכט אזא הויכן ניוואָ. אָבער די מדינה איז פאַרפליכטעט צו פאַרזיכערן מעדיצינישע הילף פאַר אַלע בירגער און דעריבער וועלן די אלע, וועלכע זענען נישט אַנגעשלאָסן אין די קראַנקן־קאַסעס באַקומען מעדיצינישע הילף דורך די רעגירונגס־אינסטיטוציעס. אָבער די אויטאָ־נאָמיע פון די פאַרזיכערטע אין קופּת חולים מוז אָפּגעהיטן ווערן און, אדרבא, מען דאַרף דערמוטיקן אנדערע, זיי זאָלן זיך אויך איינגלידערן אין די קראַנקן־קאַסעס״.

ווייטער האָט זיך דער רעפערענט אָפּגעשטעלט אויף דער גורלדיקער פאַר־בינדונג צווישן דער הסתדרות און דער מדינה. אַ געפאַר פאַר דער מדינה איז אַ געפאַר פאַר דער הסתדרות און אויך פאַרקערט. וואָס שטאַרקער די הסתדרות, אַלץ שטאַרקער איז די מדינה, און וואָס מער עס וואַקסט דער כוח פון דער מדינה, וואַקסט אויך דער כוח פון הסתדרות. און ס׳איז דאָ איצט אַ געפאַר, וואָס דראָט היינט־צו־טאָג דער הסתדרות און ממילא אויך דער מדינה און איר זיכערקייט. זי באַשטייט אָט אין וואָס: די אָנגעהעריקייט צו דער הסתדרות ווערט אַלץ מער געבויט אויף דעם בלויזן אינטערעס פון דעם חבר בשעת אין דער תקופה פון דער צווייטער און דריטער עליה האָט דעם חבר פאַרבינדן מיט דער הסתדרות, קודם כל, די אידעען און דער אידעאַל. אָבער דער ענגער אינטערעס פון יחיד קומט אָפט אין אַ סתירה מיטן אינטערעס פון כלל. עס איז,דעריבער, נישטאָ קיין שום גאַראַנטיע, אז דער חבר אין הסתדרות זאָל נישט איבערלויפן אַמאָל צו א פרעמ־דער, פיינדלעכער מחנה און אפילו צו אַ פאַשיסטישער פאַרטיי.

ווי מיידט מען אויס, אַלזאָ, די געפאַר? אויף דעם ענטפערט בן גוריון: „דער אַנשפּאַר פאַר אונדזער באַוועגונג איז די נשמה פונעם ארבעטער און זיין איינ־הייט״. „נישט די פאַשיסטישע פאַרטיי, אויך נישט די מ׳שטיינס־געזאָגט, מעכטיקע בורזשואַזיע זענען געפערלעך פאַר אונדז. די סכנה ליגט אין דער צעשפּאַלטנקייט

פון אונדזער באַוועגונג". די איצט אויפגעקומענע אַרבעטער־שותפות אין דער רעגירונג איז נישט קיין נייעס פאַר דער מדינה, אָבער פאַר דער הסתדרות און דער אַרבעטער־באַוועגונג עפנט זי אַ נײַ קאַפּיטל. זי װעט ברענגען צו אַ פאַר־שטאַרקטן קעגנזייטיקן צוטרוי און דערנענטערן אונדז איינער צום צווייטן. די בשותפותדיקע אחריות, דאָס שטיין צוזאַמען קעגנאיבער די גרויסע שוועריקייטן און דאָס טראָגן צוזאַמען דעם עול פון מעשים מוז העלפן באַזייטיקן א ריי מיס־פאַרשטענדעניש, וואָס שאַפן א מחיצה צווישן אונדז: „און אויב די שותפות וועט אָנהאַלטן, גלויב איך — האָט געזאָגט בן גוריון, — אז עס וועט קומען די איינ־הייט". ווייל דער וועג צו פאַרפעסטיקן די מדינה פאַרלאַנגט „צו באַנייען די אחדות און אינערלעכע גאַנצקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין הסתדרות און ברענ־גען צו א פאראייניקטער, איינאיינציקער ארבעטער־פּאַרטיי".

עס האָבן הויך אויסגעקלונגען אין זאַל די ווערטער פון גאָלדע מאיר: „פאַר־וואָס מוזן מיר זיין פאַראייניקט בלויז אין די טעג פון חורבן און בראָך, נאָר בשעת מען גרייפט אונדז בלוטיק אָן און נישט ווען מיר בויען און שאַפן?".

די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט מיט שפּאַנונג די רעדע פון ח' ברל רפטור, דעם פאָרשטייער פון אחדות העבודה, וועלכער האָט גערופן צו פאַרצייכענען די 7 יאָר פון צעריסענער שותפות, ווי אַ „פאַרגאַנגענעם עפּיזאָד" און פאַרלאַנגט צו קאָנסאָלידירן די איצטיקע שותפות אין דער רעגירונג, ווי אַ מוז אויף שטענדיק.

אין זעלבן גייסט פון סאָלידאַריטעט קעגנאיבער די דעסטרוקטיווע כוחות פון דרויסן, איז אָנגענומען געוואָרן די פּאָליטישע רעזאָלוציע אויף דער קאָנפערענץ, וואָס זאָגט: „אין אָנבליק פון די ערשט אָנגעהויבענע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונדזער דור — אריינצוברענגען אין לאַנד די יידישע מאַסן, דעראָבערן די וויסטע שטחים, אַנטוויקלען דאָס לאַנד און אויפבויען דאָס פאָלק ווי אַן אַרבעטער־פאָלק; אין אָנבליק פון די אָנגריפס־הכנות מצד דער רעאַקציע און אַנטי־אַרבעטער־כוחות אויף דער הסתדרות און די אַרבעטער־פּאָזיציעס — ווערט דער אַרבעטער־קלאַס אויפגעפאָדערט גובר צו זיין די צעשפּליטערונג, וואָס האָט מער ווי אַלץ אָפּגעשוואַכט דעם חלוצישן און מאָראַלישן כוח פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און איז עלול אַראָפּצושווענקען איר העגעמאָניע־ראָל אין פאָלק.

איצט, ווען עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די חלוצישע קאָאַליציע פונעם

אַרבעטער־קלאַס, געבויט אויפן יסוד פון בשותפות־אָנגענומענע פּראָגראַם־פּונקטן — זענען געשאַפן געוואָרן די באַדינגונגען פאַר פאַרסירן די איינהייט פון אַרבעטער־קלאַס אויפן סמך פון די געמיינזאַמע ווערטן און פון פרייער דיסקוסיע אין יענע פראַגן, ווו עס איז נאָך פאַראַן א מיינונגס־פאַרשידנקייט. אָט די איינהייט גיט דעם קרעפטיקן אָנשפּאַר און אקומולירט די ענערגיע פאַרן אויפהייבן די חשיבות פון הסתדרות אין פאָלק און אין דער מדינה.

די 8־טע קאָנפערענץ פון הסתדרות נעמט אויף מיט באַגריסונג די רעגירונג, וואָס איז באַזירט אויף די חלוצישע יסודות אין פאָלק און דריקט אויס איר טיפסטע האָפענונג, אַז עס וועט אויסגעפורעמט ווערן אן אמתדיקע אַרבעטער־אחדות, וואָס וועט געבן כוח דער מדינה גובר צו זיין די אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן און צוגעבן נאָך מער חשיבות דער הסתדרות און איר פּאָזיציע אין דער מדינה און אין פאָלק.

אָט דאָס איז די אויפפאָדערונג און דאָס איז דער רוף פון דער קאָנפערענץ צו די ישראל־אַרבעטער״.

ר. ברקת, וועלכער האָט אין נאָמען פון ועד הפועל אונטערגעפירט דעם סך־הכל פון דער קאָנפערענץ, האָט ווידער אונטערגעשטראָכן דעם זעלבן געבאָט וועגן מאַקסימאַלער אחדות. אויב אפילו נישט שוין, זאָלן מיר ווירקן פאַר דער־נענטערן דעם טאָג פון פאַרווירקלעכן די אחדות. אָט זענען מיר נאָך אַזוי ווייט פון שלום אין דער וועלט און אין אונדזער וועלט־טייל און ס'קאָן זיין, אז אונדז דראָט איבעראַניס אַ קריג. פונדעסטוועגן הערן מיר נישט אויף צו רופן און דערציען צו שלום. פּונקט אַזוי דאַרפן מיר האַנדלען אין דעם ענין פון אַרבעטער־איינהייט.

די שלוס־רעדע פון שפּרינצאַק איז געווען ווי אַן אקאָרד, וואָס רופט עפּענען אַ נייעם לעבנס־פּרק אין הסתדרות: מער קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש, גרעסערע קאָנסאָלידאַציע ווי א גאַראַנטיע פאַר קאָנען אויסלייזן דאָס פאָלק און דעם מענטש אין דער מדינה. „צוויי אָרעמס פאַרמאָגט די מדינה: דעם אָרעם פון ציוניזם און דעם אָרעם פון הסתדרות. דער ציוניזם וועקט דאָס פאָלק קומען צוהילף דער מדינה און די הסתדרות איז דער מקור פון כוח, וואָס בויט און רעאַליזירט די מדינה. לאָמיר האָפן, אַז אָט אונדזער היים, די היים פון הסתדרות, וועט נישט

בלויז וואַקסן מיט אַרויפגעהויבענע שטאָקן, נאָר אויך וואַקסן אין גייסט און בטחון צו פאַרווירקלעכן די האָפענונג פון עם ישראל״.

די קאָנפערענץ פון הסתדרות, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן צייכן פון קריגס־געפאַר, האָט אויסגעפילט נאָך איין שליחות. זי האָט דערקלערט, אַז „די הסתדרות שטעלט אין רשות פון דער מדינה, אין איצטיקן אויסנאַם־צושטאַנד, אַלע אירע כלים און מכשירים — אָרגאַניזאַטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע. זי וועט מאָביליזירן איר גאַנצע מענטשן־קראַפט פאַר שוץ, פאַר קאָלאָניזאַציע, פאַר גרעסער מאַכן די לעבנסטוויכטיקע פראָדוקציע, פאַר באַזעצן דעם דרום־נגב, דעם גליל און די גרענעץ־פאָסטנס, כדי אויסבויען זיי ווי שוץ־פעסטונגען. „די קאָנפערענץ האַלט, אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ טאָטאַלער זיכערקייט־רעזשים, באַזירט אויף דירעקטיוון פון געזעץ און חלוצישער פרייוויליקייט, וואָס זאָל ברענגען צו אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דעם לעבנס־שטייגער און זאָל שאַפן די נייטיקע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אין דער מדינה און אין דער הסתדרות פאַר דער אויסנאַם־צייט״. די קאָנפערענץ ווענדט זיך צו דער רעגירונג, אַז זי זאָל גלייך מאָביליזירן די נייטיקע מיטלען פאַר די שוץ־באַדערפענישן, צופאַסן דעם מלוכה־בודזשעט צו די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונדז און פראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שוץ־פאָנד, געבויט אויף פּראָגרעסיע.

אין די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ לאָזט זיך ממש פילן ווי עס קלאַפּט דער דופק פון הסתדרות, פאַראַלעל מיט דעם דופק פון דער מדינה, ווי געשפּאַנט ס׳איז געוואָרן די הסתדרות אין אַנבליק פון דער סכנה פאַר דער מדינה. די איניציאַטיוו פון הסתדרות האָט געגעבן אַ מעכטיקן שטויס פאָרויס דער שאַפונג פון שוץ־פאָנד, וואָס איז באַלד אויסגעוואַקסן אין א פרייוויליקער מאַסן־אַקציע פאַר איינקויפן געווער. די פרייוויליקע מאָביליזאַציע פאַר די גרענעץ־פונקטן איז גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוואַלדיקער דעמאָנסטראַציע דעם 1־טן מאַי 1956, ווען 40 טויזנט ארבעטער זענען אַרויס צו דער גרענעץ, גראָבן און צוגרייטן שוץ־טראַנשייען פאַר די גרענעץ־ ישובים און פאָסטנס.

די ניינטע קאָנפערענץ

ד׳—ו׳ אדר תש״ך — 3—5 מערץ 1960

ערשטע סעסיע

אין די וואַלן האָבן זיך באַטייליקט 504.687 חברים, וועלכע האָבן געשיקט צו דער קאָנפערענץ 801 דעלעגאַטן: מפא״י — 55,43%; אחדות העבודה—פועלי ציון — 17,03%; מפ״ם — 13,92%; העובד הציוני — 5,77%; — אַרבעטס־פאַרבאַנד פון די ציונים כלליים — 3,48%; מק״י — 2,80%; העובד הציוני — 1,57%.

די 9־טע קאָנפערענץ איז אויסגעפאַלן גראַד אין די ערנסטע טעג פון דער באַנייטער האַנקרייך־כוואַליע אין דער גאַרער וועלט און בשעת דער שפּאַנונג אויף דער מצריש־סירישער גרענעץ. נאָך דעם ווי צה״ל האָט צונישט געמאַכט די סירישע פּראָוואָקאַציע ביי תל קציר און אָפּגערייניקט דעם דעמיליטאַריזירטן שטח פון די נישט־געזעצלעכע געסט — דאָס סירישע מיליטער, האָט די פאַראייניקטע אַראַבישע רעפּובליק אָנגעהויבן דראָען ישראל מיט קריג און גענומען שיקן פאַר־שטאַרקונגען צו די גרענעצן. די 9־טע הסתדרות־קאָנפערענץ איז געקומען ווי אַ מעכטיקע דעמאָנסטראַציע פון דעם חלוצישן אַרבעטער־כוח און ווי אַ וואָרענונג די שונאים — קעגן יעדער אַגרעסיווער פּראָוואָקאַציע. דאָס איז געקומען צום פולן אויסדרוק אויך אין דער באַגריסונג פונעם מדינה־פּרעזידענט צו דער קאָנפערענץ, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „דאָס אַרבעטער־פאָלק, אָרגאַניזירט אין הסתד־רות, איז דער ערשטער שוץ־רינג פון דער מדינה״.

שלום און פעלקער־סאָלידאַריטעט — קעגן קריג און קריגס־העצע

קעגנאיבער דער ווסטער קריגס־העצע פון יענער זייט גרענעץ, האָט די

קאָנפערענץ דעמאָנסטרירט די יידיש־אַראַבישע אַרבעטער־סאָלידאַריטעט דורך פאַרווירקלעכן דעם באַשלוס וועגן עפענען ברייט די טויערן פון הסתדרות פאַר די אראבישע ארבעטער מיט פולע און גלייכע רעכט. אויך אָט דער היסטאָרישער מאָמענט האָט געפונען זיין אויסקלאַנג אין דער באַגריסונג פונעם פּרעזידענט, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין טיפן גלויבן, אַז די נייע, די אַראַבישע הסתדרות־מיטגלידער, וועלן זיך טריי איינגלידערן אינעם לעבן פון הסתדרות און דער מדינה.

שעריף מאַמעלוק האָט באַגריסט מיט גרויס געפיל די קאָנפערענץ אין נאָמען פון די אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע „צום ערשטן מאָל אין זייער געשיכטע באַטייליקן זיך אין אַזאַ דערהויבענעם הסתדרותישן פאָרום, אַלס פולע גלייכבאַרעכטיקטע חברים".

די 9־טע קאָנפערענץ וועט אַריין אין דער געשיכטע פון הסתדרות, ווי אַ היסטאָרישע קאָנפערענץ, וואָס האָט ענדגילטיק איינגעוואָרפן די מחיצה צווישן דעם יידישן און אַראַבישן אַרבעטער און אָנגעצייכנט דעם וועג פאַר חברישער סאָלידאַריטעט, פאַר אינטערעסן־געמיינזאַמקייט, פאַר פעלקער־שלום.

דער מאָרגן רופט

ד. בן גוריון — וועלכער האָט גענומען אַן אקטיוון אָנטייל אין דער קאָנפערענץ, נישט דווקא ווי דער פּרעמיער פון דער מדינה, נאָר ווי אַ חבר פון הסתדרות — האָט אָנגעצייכנט די 3 צענטראַלע אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר דער מדינה און פאַר דער הסתדרות, ווי אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט.

א. אין נאָענטסטן יאָרצענדליק קאָן אונדז אויסקומען צו טרעפן זיך מיט אַ האַרבן, אפשר גורלדיקן, מיליטערישן פאַרמעסט.

ב. אין נאָענטסטן יאָרצענדליק וועלן מיר זיך מוזן פאַרמעסטן אויף צו באַפעלקערן דעם נגב און גליל. עס איז אַ פאַרמעסט אויף צו ברענגען וואַסער צום נגב, קודם כל פון ירדן און פון די אונטערערדישע קוואַלן, און אויב ס'וועט זיין מעגלעך, דורך דיסטילירן ים־וואַסער.

ג. מיר וועלן די נאָענטסטע צען יאָר מוזן זיין גרייט אויפצונעמען אַ גרויסע

מאַסן־עליה פון לענדער, וואָס פריער צי שפּעטער וועלן זיי עפענען די עמיגראַ־ציע־טויערן. מיר וועלן זוכה זיין צו אַן עליה־שטראָם, וואָס האָט נאָך אפשר נישט געהאַט זיין גלייכן. דאָס וועט אפשר זיין די גרעסטע אַנטפּלעקונג אין אונדזער געשיכטע. מיר מוזן באַצייטנס זיך גרייטן און מאָביליזירן ריזיקע סומעס נישט בלויז פון די שפּענדונגען און נאַציאָנאַלע אָבליגאַציעס, נאָר פון יידישע און נישט־יידישע אינוועסטיציעס, כדי מיר זאָלן קאָנען געבן דער ווירטשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג דעם גרעסטן שוווּנג.

„כדי מיר זאָלן זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט אָט די אויפגאַבן מוז געשטאַרקט ווערן אונדזער אינערלעכער כוח, מוז אויסגעשמידט ווערן די אייניקייט פון דער חלוצישער מחנה, די ארבעטער־אחדות. עס מוזן איינגעוואָרפן ווערן די קינסט־לעכע, נישט נייטיקע מחיצות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל אָן דעם וועט נישט שפּרודלען דער חלוצישער קוואַל און ס׳וועט נישט באַזייטיקט ווערן דער שטיין פון ברונעם, פון וועלכן מיר אַלע האָבן געשעפּט אונדזער שעפערישן כוח, אונדזער איבערגעגעבנקייט און השפעה״.

די קאָנפערענץ האָט געזאָגט איר וואָגיק וואָרט אויך וועגן דער צעבושעווע־טער האַנקרייץ־כוואַליע. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיטן שאַרפן פאַר־אורטיילן, נאָר געוואָרפן דעם רוף צום „יידישן פאָלק, באַזונדערס צו דער יוגנט, צו מאָביליזירן זיך פאַר דער שוץ פון יידישן לעבן און כבוד, פאַרטיפן דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און טראָגן שטאָלץ דעם נאָמען „ייד״.

די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק

די קאָנפערענץ האָט ברייט באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון אונדזער פּראָפע־סיאָנעלער פּאָליטיק. דער רעפערענט א. בעקער האָט אַרויסגעבראַכט פאַר דער קאָנפערענץ אַ ריכטליניע, וואָס קאָן פאַרזיכערן, לויט זיין מיינונג, די העכערונג פונעם רעאַלן אַרבעטס־לוין אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער ווירטשאַפט־גלייכצייטיק. זיין טעזע איז געווען: די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק מוז זיך באַזירן אויפן וווּקס פון דער ריינער פּראָדוקציע. דער ווערט, וואָס קומט צו דורכן וווּקס פון דער פּראָדוקציע מוז טיילווייז בראָנירט ווערן פאַר דער וויטערדיקער אַנטוויק־

לונג און טײלװײז אױפהײבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פונעם אַרבעטער. עס דאַרף געשאַפן װערן אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפט, װאָס זאָל קאָנצענטרירן, אַנאַליזירן און באַאַרבעטן דעם גאַנצן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, און יעדע צװײ יאָר מוז געבראַכט װערן די סומירונג פון דער אױספאָרשונג, אַלס א רעקאָמענדאַציע פאַר די אינס־טאַנצן פון הסתדרות. דער אױסגאַנגס־פּונקט איז: „די העכערונג פונעם אַרבעטס־לױן װעט בשטימט װערן דורך דעם װוקס פון דער רײנער פּראָדוקציע”.

דער אַקאַדעמישער אַרבעטער

די הסתדרות האָט במשך דער צײט אַרײנבאַקומען היפשע קאַדרען דיפּלאָ־מירטע אינטעליגענץ, װאָס האָט אַרױסגעשטעלט אירע ספּעציפישע פאָדערונגען אױפן געביט פון לױן און לעבנס־סטאַנדאַרט. נישט אײן מאָל זענען אָט די פאָדע־רונגען געקומען אין קאָנפליקט מיט דער אלגעמײנער פּראָפעסיאָנעלער הסתדרות־ליניע. די הסתדרות האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע אָפּטײלונג אױף צו פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. די 9־טע קאָנפערענץ האָט איר צוגעטײלט די קאָמפּעטענץ אָנצופירן מיט דער אַרבעט, דורך אײנשטעלן אַ קאָאָרדינאַציע מיט דער אלגעמײנער פּראָפעסיאָנעלער אָפּטײלונג בײם ועד הפועל.

די אַרבעטער־און לערן־יוגנט

די קאָנפערענץ האָט געשענקט גרױס אױפמערקזאַמקײט פאַר די פראַגן פון דער אַרבעטער־יוגנט און האָט אַװעקגעשטעלט פאַר דער אַרבעטער־ און לערן־יוגנט־אָרגאַניזאַציע אַ רײ ערשטראַנגיקע אױפגאַבעס: פאַרשטאַרקן דעם קאָנטאַקט צװישן דער יוגנט אין דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און שטאָטישער יוגנט; פאַרטיפן די דערציונגס־אַרבעט אין ליכט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעע, לײגן די גרעסטע אַכט אױף דער אָפּגעשטאַנענער און פאַרװאָרלאָזטער יוגנט פון די פאַרשטעט און אין די ישובים פון די נײע עולים; זאָרגן פאַר דער פּראָפעסיאָ־נעלער קװאַליפיצירונג פון דער יוגנט און ריכטן זי אין די פּראָדוקטיװע צװײגן פון דער װירטשאַפט.

דאָס געזונטהייטס־ווערק פון דער הסתדרות

דער כסדרדיקער אָנגריף פון דעם בירגערלעכן לאַגער אויף קופת חולים — די פאָדערונג צו ליקווידירן זי און אריבערפירן אלע אירע פונקציעס צו דער מדינה — האָט באַוויזן די 9־טע קאָנפערענץ צו זאָגן קלאָר איר וואָרט וועגן דעם גאַנצן פּראָבלעם פון פאָלקס־געזונט. די קאָנפערענץ האָט פאָרמולירט איר צוגאַנג אין פאָלגנדיקער רעזאָלוציע: „די פולע לייזונג אויף צו פאַרזיכערן דאָס פאָלקס־געזונט פון אַלע שיכטן, פאַרלאַנגט דורכצופירן אַ מלוכהשע געזונטהייטס־פאַרזיכערונג דורך די עקזיסטירנדיקע קראַנקן־קאַסעס, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך די פאַרזיכערטע גופא, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט זייער אָרגאַניזאַציע און אירע תקנות.

ביז עס וועט אָנגענומען און דורכגעפירט ווערן אין לעבן אַזאַ פאַרזיכערונגס־געזעץ, באַשליסט די 9־טע קאָנפערענץ צו פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג זי זאָל איבערנעמען אויף איר חשבון די האָספּיטאַליזאַציע פאַר סאָציאַלע קרענק, ווי אויך די פּרעווענטיווע מעדיצינישע אַרבעט, כדי דערמעגלעכן דער קופת חולים זיך אָפּ־צוגעבן מיט די אַנדערע וויכטיקע אַרבעטס־צווייגן. די קאָנפערענץ פאָדערט אויף די רעגירונג צו געבן איר פאַסיקן טייל פאַרן בודזשעט פון קופת חולים".

די 9־טע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות איז געווען אַ וויכטיקער עטאַפּ אינעם ווייטערדיקן וווּקס פון הסתדרות, וואָס זיכערט איר אַ דעצידירנדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה — פּאָליטיש, ווירטשאַפטלעך און סאָציאַל.

דריטער קאפיטל

פרינציפן און ווערטן

די צילן פון הסתדרות

דער מהות און די געשטאַלט פון הסתדרות זענען אָנגעצייכנט געוואָרן שוין גלייך ביי דער גרינדונג פון דער הסתדרות. די גרינדונגס־קאָנפערענץ (1920) האָט עס פאָרמולירט אַזוי: „די אַלגעמיינע הסתדרות (ההסתדרות הכללית) פאַראייניקט אַלע ארבעטער און אַרבעטנדיקע אין לאנד, וועלכע לעבן פון אייגענער פראַצע און נוצן נישט אויס קיין פרעמדע ארבעט; פירט אָן מיט די עקאָנאָמישע, קולטורעלע און ישוב־ענינים פון דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן כלל, כדי אויסצובויען די יידישע אַרבעטס־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל".

אין דער הסתדרות־קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ (יאַנואר 1923), איז די רעזאָלוציע פאָרמולירט געוואָרן מיט אַ באַשטימטער ענדערונג. א. נישט די „אלגעמיינע הסתדרות", נאָר די אַלגעמיינע הסתדרות פון די יידישע אַרבעטנדיקע. דער יידישער כאַראַקטער איז אונטערגעשטראָכן, ווייל די הסתדרות האָט גענומען אויף זיך ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. ב. אָנשטאָט דעם פריערדיקן בעפלהאַפטן נוסח „דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן כלל", איז געקומען דער קלאָרער נוסח „דער אַרבעטער־קלאַס", וואָס שליסט אויס די מיטגלידערשאַפט פון עלעמענטן פון מיטלשטאַנד און סתם האַנטווערקער. ג. עס איז אין דעם נוסח אויסגעברייטערט געוואָרן דאָס געביט פון קולטור־אַרבעט, וואָס איז נוגע דעם אַרבעטער. די פאַרשידענע ניואַנסן אין דער פאָרמולירונג ברענגען אָבער אַרויס מיט דער זעלבער קלאָרקייט דעם עיקר־ציל פון הסתדרות: אויפשטעלן די יידישע אַרבעטס־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל דורך אָפּשאַפן די מענטשלעכע עקספּלאָאַטאַציע. דאָס מיינט, אַז די הסתדרות האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אינסטרומענט פאַר שאַפן גאָר אַ ניי ארץ־ישראל — פון פונדאַמענט ביז צום דאַך.

אָט דער יסוד האָט באַשטימט דעם פּיאָנערישן און געוואַגטן כאַראַקטער פון דער הסתדרות אין אַלע שטחים פון איר אַקטיוויטעט:ווירטשאַפטלעך, פּאָליטיש, קול־טורעל און פּראָפעסיאָנעל. די הסתדרות האָט געלייגט דעם יסוד פאַר אַ נייעם און באַנייטן קלאַס, פאַר אַ ניי און באַנייט פאָלק און פאַר א נייער און באַנייטער מדינה. אָט דער ענגער צוזאַמענפלעכט פון פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און קלאַסן־אויפגאַבן האָט באַשטימט דעם ספּעציפישן כאַראַקטער און מהות פון הסתדרות, וואָס שיידט זיך אַזוי אויס פון די אַנדערע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט.

די הסתדרות איז נישט געווען די ערשטע אַרבעטער־פאָרמאציע אין לאַנד. ווי באַוווסט זענען נאָך פאַר איר אויפגעקומען פאַרשידענע ארבעטער־פאַראייני־קונגען, אין דער תקופה פון דער צווייטער און דריטער עליה. אָבער זי איז געווען די ערשטע שאַפונג אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט גענומען אויף זיך די־פולע נאַציאָנאַלע און קלאַסן־שליחות און געוואָרן דער כוח, וואָס האָט די שליחות רעאַליזירט און דורכגעפירט אין לעבן.

מען קאָן זאָגן אָן גוזמא: די געבורטס־דאַטע פון דער הסתדרות האָט נישט קיין קלענערע היסטאָרישע חשיבות, ווי די דאַטע, ווען ס'איז געבוירן געוואָרן די מדינה. איינס האָט געשטאַלט דאָס אַנדערע. וואָלט אין 1920 נישט אויסגעשמידט געוואָרן די הסתדרות, וואָלטן מיר נישט זוכה געווען אויסצושמידן די מדינה.

די אידעישע און גייסטיקע וואָרצלען

די הסתדרות איז אויסגעוואַקסן פֿון דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם. פֿון אים האָבן אירע אידעישע און גייסטיקע וואָרצלען געצויגן זייער יניקה ביז זי איז געוואָרן, שפּעטער, די הסתדרות, דער אינסטרומענט פֿאַר רעאַליזירן דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם. מיט דעם אויפֿקום פֿון דער הסתדרות האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע געפֿייערט איר ערשטן היסטאָרישן נצחון: זי איז געוואָרן אַ פֿאַקטאָר, „אַ וועג צו לעבן".

י. ח. ברענער האָט נאָך ערב דעם אויפֿקום פֿון הסתדרות אַרויסגעבראַכט אָט דעם טיפֿן, אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג פֿון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעע מיט דעם וועזן פֿון דער הסתדרות.

„די הסתדרות מוז נישט הייסן דווקא ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש: דער נאָמען „הסתדרות פּועלי ארץ ישראל" (די הסתדרות פֿון די ארץ־ישראל־ארבעטער) איז גענוג. דער גייסט פֿון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, ד. ה. דער גייסט פֿון אמתן יידישן סאָציאַליזם וועט ממילא באַלעבן די הסתדרות. דאָס וועט זיין אַן אָרגאַניזם פֿון יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל: די סאָציאַליסטישע נשמה וועט פֿון זיך אַליין אַריינגעבלאָזן ווערן אין אָט דעם אָרגאַניזם. אָן אָט דער נשמה וועט ער זיך נישט באַגיין".

„כדי די נייטיקע אַרבעטער־אַנשטאַלטן זאָלן געשאַפֿן ווערן אָן שווערע רייבונגען — דאַרף נישט די אַרבעטער־הסתדרות פֿון ארץ־ישראל צולייגן זיך אַ צוגאָב־נאָמען. די הסתדרות פֿון די ארץ־ישראל־ארבעטער — זאָגט שוין אַלץ. זי וועט במילא זיין דאָס, וואָס איר עצם־וועזן דיקטירט איר — אַ הסתדרות פֿאַר אַלץ." *

וויל מען, בכן, פֿאַרשטיין די פּרינציפּן און אידעען פֿון הסתדרות, מוז מען זיך ווענדן צום מקור זייערן — צו די גרונט־יסודות פֿון ציוניסטישן סאָציאַליזם. דער יידישער אַרבעטער האָט געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער ארץ־ישראל ווירקלעכקייט און האָט אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלן אויפֿקום, אָרגאַניש באַהעפֿט מיט זיין סאָציאַלן אויפֿקום.

---

* י. ח. ברנר, שריפֿטן, באַנד 7, פֿאַרלאַג שטיבל — א"י, תל־אביב, תרפ"ח. ז. 96—97.

פרייהייט פון דיסקוסיע און איינהייט פון טאַט

די קאָנסטיטוציע פון הסתדרות, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ, זאָגט: „יעדער ארבעטער און יעדע ארבעטערין אין עלטער פון 18 יאָר און העכער, וועלכע לעבן פון זייער אייגענער פראַצע און עקספּלאָאַטירן נישט קיין אנדערן, און וועלכע נעמען אויף זיך די דיסציפּלין פון טאַט אין דער הסתדרות, קאָנען זיין מיטגלידער אין דער הסתדרות און אירע לאָקאַלע און פּראָפעסיאָנעלע אָפּטיילונגען".

דאָס הייסט, אַז די הסתדרות איז געבויט אויף דער פרייהייט פון דיסקוסיע, אָבער זי איז געאייניקט אין טאַט.

אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון הסתדרות, אין דעצעמבער 1920, איז אָט די איינהייט געקומען צום פולן אויסדרוק נאָך א לאנגער תקופה פון צעשפּליטערונג און רייסעניש. און גראָד דאַן ווען דער פּראָפינטערן (דער פּראָפעסיאָנעלער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל), וואָס איז אין זעלבן יאָר געגרינדעט געוואָרן, האָט פיקסירט די שפּאַלטונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג פון דער וועלט. דער „קונטרס", ס״אַ, טבת תרפ״א, האָט פארצייכנט דאָס עמאָציאָנעלע בילד פון דער אחדות: „די קאָנפערענץ שטייט שוין פאר נעילה — די שיף (פון דער הסתדרות) איז אריין געזיכערט אין האָפן. די אלגעמיינע ארבעטער־הסתדרות איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט... מען וואַרט אויפן פייערלעכן מאָמענט... מען האָט אפילו נישט באוויזן מאַכן קיין ברכה „שהחיינו" און די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן. און ווו איז די שלוס־רעדע? פלוצים הייבט איינער אויף א שטול, אין איין מאָמענט פליען שוין און פאַרשווינדן שטולן, בענק, טישן און ס'איז אוועק אַ זאַווערוכע. ניין, דאָס זענען נישט געווען קיין סתם טענץ. פּשוט, מיר שעמען זיך צו דערציילן: מענטשן אין די יאָרן, האָבן זיך פארדרייט אין א קאַרוסעל ווי שכורע. מכלומרשטע דם־שונאים כאַפּן זיך ארום הארציק און אויפריכטיק. אלץ וואָס איז אַזוי לאנג און פלייסיק געפלעגט געוואָרן אויף שאפן א מחיצה— איז מיטאַמאָל נעלם געוואָרן. ס'איז געווען גענוג איין מאָמענט פון א נאַטירלעכן, סטיכישן אויסברוך פון געפיל,

און אַלע קינסטלעכע מחיצות זענען איינגעפאַלן און די פרייד פון אחדות האָט געשוימט איבער די ברעגעס". און „הפועל הצעיר" (17.12.1920) גיט צו: אין דעם קאַראַהאָד טענץ פון ערב־נעילה האָבן זיך אריינגעפלאָכטן אויך די מ.פ.ס.ע (די קאָמוניסטישע פראַקציע). זיי האָבן עס געכשרט, ווי „אַ קאָמוניסטישן טאַנץ".

דער אידעאַל פון אחדות, וואָס איז פאַרקערפּערט געוואָרן ביי דער גרינדונג פון הסתדרות, בעת אין דער וועלט האָט שוין געבושעוועט די שפּאַלטונג — איז נישט בלויז געוואָרן דער שאַפונגס־אינסטרומענט פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, זיין לעבנס־קראַפט; ער האָט אויך אָנגעפילט מיט מוט און כוח די יידישע יוגנט אין די לענדער פון דער יידישער צעשפּרייטונג. די איינהייטס־קאָנפערענץ פון דער ארבעטער־הסתדרות האָט געוואָרפן ווייט־ווייט אירע ליכט־שטראַלן, וואָס האָבן געצויגן צו זיך שטראָמען פון חלוצים, שעפער און בויער פון פאָלק און פון דער מדינה. אַזוי איז געשאפן געוואָרן דאָס גרעסטע ווערק פון דער ארבעטער־שאַפט: איר איינהייט און טאַט.

דער גורל־בונד

ווי מיר האָבן געזאָגט, קאָן די הסתדרות דינען ווי א מוסטער פאַר דער גאָרער ארבעטער־באַוועגונג. ווי אזוי שמעלצט מען צונויף קלאַסן־שליחות מיט נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער שליחות, און ווי אַזוי מען קאָן אויסבויען די אחדות פון קלאַס און טאַט. מיר ווילן נאָך צוגעבן, אַז די הסתדרות האָט אויך באַוויזן אַ ביישפּיל ווי אזוי מען אָרגאַניזירט דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן ארבעטער און ווי אַזוי מען באַ־העפט דעם לאנדווירטשאפטלעכן ארבעטער מיט דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. מיר זענען אנדערש פון די איבעריקע פעלקער און ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אויך די הסתדרות זעט אויס אנדערש ווי די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט. אין דער גאַנצער וועלט זענען בעיקר אָרגאַניזירט די שטאָטישע אַרבעטער; בעת דער ערד־אַרבעטער איז פאַרנאַכלעסיקט און אָפּגעשטאַנען. אמת, פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג זענען געמאכט געוואָרן פּרוּוון צו אָרגאַניזירן דעם לאַנדווירט־שאַפטלעכן ארבעטער, אָבער אָן דערפאָלג.

אין אויגוסט 1920 איז אויפגעשטעלט געוואָרן, אויף אַ קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם, דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראיין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבע־טער. ביי דער גרינדונג האָבן זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון האָלאַנד, ענגלאַנד, סקאָטלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליע, דענעמאַרק, שוועדן און עסטרייך. זיי האָבן פאַר־טראָטן קרוב צוויי מיליאָן חברים. אָבער שוין ביי דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין, אין יאָר 1922, איז די צאָל אָרגאַניזירטע געפאַלן כמעט אויף א העלפט. אויף דער דריטער קאָנפערענץ אין בערלין, אין יאָר 1924, האָט די פעדעראַציע שוין געציילט בלויז 448,000 חברים. אויף דער פערטער קאָנפערענץ, אין זשענעווע, אין יאָר 1926, איז די צאָל אָרגאַניזירטע חברים דערגאַנגען ביז 336,000. בקיצור, פון די 25 מיליאָן לוין־ארבעטער אין דער איירָאָפּעישער לאַנדווירטשאַפט איז געווען אָרגאַניזירט פּאַקטיש בלויז 1%. די אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער־באַווע־גונג איז נישט געווען מסוגל צו שאפן די בריק און די פאַרבינדונג צווישן דעם שטאָטישן און דאָרפישן אַרבעטער.

די בורזשואזע רעוואָלוציעס האָבן געזיגט אדאנק דעם, וואָס זיי האָבן צוגעשמידט צו זיך דאָס פויערטום און דעם דאָרפישן לוין־אַרבעטער. די בורזשואַזע רעוואָלוציע האָט באפרייט דעם פויער פון די פעאָדאלע קייטן, פון דעם כּריץ און זיין מאָנאָפּאָל אויפן באָדן. אויך די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט געוווסט ווי איינצושפּאַנען דאָס פויערטום אין איר גאנג פאָרויס און אָנשפּאַרן זיך אויף דעם לאנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאריאט און אויף די עלעמענטן, וועלכע זענען ארויסגעריסן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס. דער לאָזונג פון אָקטאָבער איז געווען ווי באַוווסט „ערד און פרייהייט". און אפשר טאקע דארף מען אין דעם זוכן די שוואכקייט און ירידה פון דער אייראָפּעישער ארבעטער־באוועגונג, ווייל זי האָט זיך ווייניק־וואָס אָפּגעגעבן מיטן גורל פון לאַנדווירטשאַפטלעכן ארבעטער.

די הסתדרות האָט אָט די פארבינדונגס־בריק געשאפן און דאָס האָט טאַקע באַשטימט אין א גרויסער מאָס די דערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג פון דער הסתדרות.

יסודות וואָס זענען געקניפּט און געבונדן

דער כוח פון הסתדרות שטעקט אין איר ספּעציפישער סטרוקטור, וואָס איז באַזירט אויף דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער ארבעט מיט דער אַרבעטער־ווירטשאַפט.

אָבער אויך די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט פאַרמאָגט צוויי געביטן: די פּראָ־פעסיאָנעלע נעץ און די פאַרצווייגטע נעץ פון קעגנזייטיקער הילף; אויך די אַר־בעטער־ווירטשאַפט פאַרמאָגט צוויי אַספּעקטן: דער ווירטשאַפטלעכער און דער פּאָליטישער.

און אָט זענען די קאַנאַלן דורך וועלכע עס פליסט דער פּראָלעטאַרישער קאַמף אין לאַנד.

א. דאָס ערשטע קעמערל איז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. דאָס איז אַ פּראָלעטארישער הויפּט־געווער מיט וועלכן ער פירט זיין אָפענסיווע־קאַמף פאַר אויסבעסערן די ארבעטס־באַדינגונגען. און ס'איז דאָ אויך א צווייט פאַרטיידיקונגס־געווער: די קעמערלעך פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג און קעגנזייטיקער הילף. די ענגע קאָאָרדינאַציע צווישן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און דעם צווייג פון קעגנ־זייטיקער הילף — זי איז עס די, וואָס זיכערט דעם דערפאָלג פון קלאַסן־קאַמף און פאַרגרעסערט דעם חלק פון דעם ארבעטער אין דער אלגעמיינער נאַציאָנאלער הכנסה.

ב. דער צווייטער קלאַסן־פראָנט פונעם ארבעטער קומט צום אויסדרוק אין דער פאַרבינדונג פון פּאָליטישן קאַמף מיט דעם ווירטשאַפטלעכן. אויב אין יעדן לאַנד סימבאָליזירט מיט זיך די פאַרטיי דעם פּאָליטישן כוח, איז אין ארץ־ישראל אויסגעוואַקסן די ארבעטער־באַוועגונג אין אַ פּאָליטישן כוח קודם־כל דורך איר זעלבשטענדיקער, קאָנסטרוקטיווער ארבעט. זי האָט אויסגעבויט די יידישע ווירטשאַפט. די פּאָליטישע ארבעט און דעם פּאָליטישן געראַנגל האָט דער יידישער ארבעטער געפירט נישט מיט דיסקוסיעס און דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען, נאָר

מיט שאַפן וואָגיקע ווירטשאַפטלעכע פאַקטן, מיט פאַרלייגן פּאָזיציעס פאַר אַ נייער יידישער ווירטשאַפט. אזוי איז געוואקסן די פּאָליטישע קראַפט פון דער הסתדרות פּאַראלעל מיט איר ווירטשאַפטלעכן אויפטו.

מיט דעם זעלבן אימפּעט און איבערגעגעבנקייט האָט די ארבעטער־באַוועגונג אויסגעפורעמט די באוואָפנטע קראַפט פון ישוב, ווי א באשטאנדטייל פון דעם פּאָליטישן כוח.

און נאָך עפּעס, וואָס ס'איז כדאי צו באַמערקן. פונקט ווי די בורזשואזיע איז געקומען צו פּאָליטישער מאַכט און געשאפן א נייע אָרדענונג — די קאַפּיטאַליסטישע אָנשטאָט די פעאָדאַלע — דורך דעם, וואָס זי האָט באהערשט דעם גאנג פון דער פּראָדוקציע, אזוי שטייט אויך פאר דער ארבעטערשאפט די פראגע פון באהערשן די פּראָדוקציע, כדי צו פאַרלייגן א נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט. די וואַקסנדיקע ווירטשאַפטלעכע קראַפט פון דער הסתדרות שאפט דעם היסטאָרישן אָנשפאַר פאר דער ארבעטער־מאַכט, פארן נצחון פון סאָציאַליזם.

ג. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און די אַרבעטער־ווירטשאַפט.

די צווייטע קאָנפערענץ פון הסתדרות האָט קלאָר פאָרמולירט די צווי אַרבעטס־געביטן פון דער הסתדרות, ווי איין גאַנץ געוועב: א. פאַראייניקן פּראָפעסיאָנעל אלע ארבעטער לויט זייערע פאכן; ב. איינאָרדענען און אַנטוויקלען ווירטשאפטן אויפן לאנד און אין דער אינדוסטריע, אין אלע ארבעטס־צווייגן — אין שטאָט און אין דאָרף, אויפשטעלן קרעדיט־אנשטאַלטן, קאָלאָניזאַציע־פאָנדן אין אנדערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. דאָס הייסט: עס איז דאָ אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן דער זעלבשטענדיקער ווירטשאַפט־ארבעט און דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

די ארבעטער־ווירטשאַפט האָט אָבער אויסגעפירט נאָך איין ערשטראַנגיקע שליחות: זי איז געווען די איבערגאנגס־בריק פאַר דער יוגנט און פאַר די קינדער פון מיטלשטאַנד איינצוגלידערן זיך אין ארבעטער־לאגער, א שמעלצטאָפּ, ווו עס האָבן זיך סאָציאל טראנספאָרמירט גרויסע טיילן פון די צווישנשיכטן און געוואָרן ארבעטער.

ד. דער סינטעז צווישן פּראָפעסיאָנעלן גערעאנגל און ווירטשאַפטלעכער אַקטיווקייט שאַפט די זיכערע באַזע פאר דערגרייכן דעם ציל, וואָס די הסתדרות האָט זיך געשטעלט: אויפשטעלן א נייע ארבעטס־געזעלשאפט אין ארץ־ישראל אין קעגנזאץ צו דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט, וואָס איז געבויט אויף עקס־פּלאָאַטאַציע. דאָס איז מחייב צו פירן אן אידעאַליסטישן קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און זיינע קלאַסן־טרעגער; אַנטוויקלען א זעלבשטענדיקע און אייגנארטיקע קול־טור; דערהייבן דעם ארבעטער־קלאס צו באַגרייפן זיין היסטאָרישע שליחות.

מען קאָן זאָגן אַז דער אידעאָלאָגישער קולטור־פראָנט איז די פאַרבינדונגס־רינג צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער און ווירטשאַפטלעכער ארבעט.

פערטער קאפיטל

די פראפעסיאנעלע נעץ און קעגנזייטיקע הילף

א. די נעץ פון פראפעסיאנעלער פאראייניקונג

ב. די נעץ פאר קעגנזייטיקער הילף

א.

די נעץ פון פּראָפעסיאָנעלער פאַראייניקונג

עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען

אין דער תקופה פון דער ערשטער עליה האָט מען זיך געאַמפּערט איבער אזא מין פּראַגע: צוליב וואָס דארף דער קאָלאָניסט צאָלן א יידישן ארבעטער 4 פראנק א טאָג, בעת פאַר דעם זעלבן פּרייז קאָן ער דינגען 4 אראבישע ארבע־טער. די ביליקע אַראַבישע ארבעטס־קראפט האָט גורם געווען צו אַ שטענדיקע ארבעטסלאָזיקייט ביי די יידישע ארבעטער און האָט נישט איין מאָל דערפירט דערצו, אַז ארבעטער האָבן פאַרלאָזט דאָס לאנד. די אדמיניסטראציע פון באַראָן און די קאָלאָניסטן האָבן שיקאַנירט יעדע ארבעטער־אָרגאַניזאציע. אפילו אליעזר בן יהודה איז מיט אייפער אַרויסגעטראָטן קעגן דער „אגודת פועלים" און האָט אָפּגעוואָרפן דעם עצם־געדאנק פון פרייע רעכט, וואָס די ארבעטער ווילן זיך נעמען.

יוסף ויתקין, וועלכער האָט אין זיין אויפרוף אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון דער צווייטער עליה, האָט טאַקע גערופן די נייע עולים אויפנעמען דעם קאַמף מיט הונגער און קרענק, און מיט מענטשן — שונאים און פריינד, פרעמדע און אַנדערע שונאי ציון און ציוניסטן... „זייט גרייט אָנצוטרעפן זיך אויף שנאה און אכזריות פון דעם ארום, וואָס וועט אייך באהאנדלען ווי געפערלעכע קאָנקורענטן, און באַ־ציען זיך צו אייך מיט ביטול און שפּאָט. ווייל ס׳איז א סביבה, וואָס איז אַליין צע־פרעסן פון יאוש דורך און דורך, וואָס ברענגט כלערליי באַוויזן און חשבונות, נישט געשטויגן־נישט־געפלויגן, אָבער אָפּפרעגן זיי קאָן מען בלויז מיט מעשים און דערפאַרונג. זייט גרייט אָנצושטויסן זיך אויף שטערונגען, וואָס איר וועט אָנטרעפן אויך מצד פריינד און חברים. זייט גרייט אויף דאָס ערגסטע און זייט גרייט אויך צום נצחון".

אַזוי האָט אויסגעזען די ווירקלעכקייט אין יענער תקופה; אַזוי האָט געלעבט און זיך געראַנגלט דער יידישער ארבעטער.

אַ פאַבריק־ארבעטער פון דער צווייטער עליה (1905) דערציילט: „די ערשטע צייט זענען מיר געווען 10—15 ארבעטער. ארבעטן איז אויסגעקומען אין באַדינ־גונגען — נישט צו באַשרייבן: אָן אַ קיך, אָן א קראַם צו קויפן עפּעס. געגעסן האָבן מיר פּיתות (אראבישע פלעצלעך), וואָס מען פלעגט אונדז ברענגען פון די דערפער קיין לוד, און קעז. אזוי האָבן מיר דורכגעמאכט א צוויי יאָר. פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך אַראָפּכאַפּן אויף שבת קיין יפו, צו חיים ברוך, אָפּצועסן אַ וואַרעם געקעכץ פאר א גאנצער וואָך. געארבעט האָב איך אלס שלאָסער און מעכאַניקער... פון 6 פרי ביז 12 אין דער נאַכט" (נ. שיפּריס).

אין דער פאַבריק פון „ל. שטיין און שותפים" אין יפו, ווו עס האָבן געאר־בעט קרוב צו 100 ארבעטער, איז געווען איינגעשטעלט לויט א ספּעציעלן אַרבעטס־סטאַטוט אזא מין אָרדענונג: „דער ארבעטס־טאָג דויערט זומער פון 6 פרי ביז 6 אָוונט און ווינטער פון 7 ביז 7; אַ האַלבע שעה ווערט געגעבן אויף פרישטיק און אַ שעה אויף מיטאָג; יעדעס שטיק אַרבעט, וואָס ווערט קאַליע, בראַקירט, צע־בראָכן אָדער פאַרלוירן צוליב אַ טעות פון ארבעטער, גייט אויפן חשבון פונעם ארבעטס־לוין; א סיכסוך צווישן ארבעטער וועט רעגולירן די אדמיניסטראַציע נאָך דער ארבעט; אָפּזאָגן זיך פון דער ארבעט קאָן יעדער ארבעטער ווען ער וויל נאָר, בתנאי, אז ער זאָל מעלדן וועגן דעם פריער מיט 24 שעה; קינדיקן ארבעטער קאָן די אדמיניסטראַציע אָן קיין שום קאָמפּענסאַציע, בלויז מיט א פשוטער מעל־דונג פון 24 שעה פריער. ברעכט דער ארבעטער דעם קאָנטראַקט אָדער ער פאַר־זינדיקט זיך הארב, טרייבט מען אים ארויס תיכף אָן קיין שום פאַרגיטיקונג; יעדער ארבעטער מוז אויף זיין אייגענער אחריות אויסהיטן זיך פון אַן אומגליקס־פאַל ביי דער ארבעט: קיינער טאָר זיך נישט באַקלאָגן אָדער דערלויבן זיך צו פאַרלאַנגען ביי דעם אונטערנעמער א קאָמפּענסאַציע אָדער שטיצע, אויב עס פּאַסירט מיט אים אַן אומגליק אין פאַבריק אָדער אין הויף פון פאַבריק; ער קאָן אויך נישט פאָדערן קיין שום הילף פאַר דער צייט, וואָס ער קאָן נישט ארבעטן".

יעדער ארבעטער האָט זיך געמוזט אונטערשרייבן אויף פאָלגנדיקן נוסח: „איך, דער אונטערגעשריבענער, באַשטעטיק, אז איך האָבן געלייענט און גוט

פארשטאַנען פון אָנהייב ביזן סוף די באַדינגונגען, וואָס די תקנות פאַרלאַנגען. איך גיב מיין הסכמה און נעם אויף זיך מקיים צו זיין זיי מיטן גאנצן הארצן און גוטן ווילן".

אָט דאָס זענען געווען די ארבעטס־באַדינגונגען, איידער עס איז אויפגעקומען די הסתדרות. ענדערן זיי איז באַרופן געוואָרן די פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע.

דער מהות פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג

לכתחילה איז עס געווען א נעץ פון פאַראיינען, וואָס עס האָבן געשאַפן די לוין־אַרבעטער, כדי אַרויסהעלפן איינער דעם אנדערן, פאַרטיידיקן ארבעטס־באַדינגונגען און אזוי ארום זיכערן דעם ארבעטער זיין טייל פון דער פּראָצע. אָנגעהויבן האָבן אַרבעטער פון פאַראיינען פאַר קעגנזייטיקער הילף, מיט ספּעציעלע קאַסעס פאר גמילות חסדים, וואָס זענען שפּעטער זיך צעוואקסן אין ריזיקע פאָנדן. אָט דאָס איז געווען די איינציקע פאָרם פון אָרגאַניזירן זיך, וואָס די רעגירונגען האָבן דערלויבט. פון אָט די הילפס־פאַראיינען האָבן זיך אַנטוויקלט די היינטיקע פראָפעסיאָנעלע פאראיינען.

דער ערשטער געראַנגל פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין איז געווען א פּאָליטישער: אַ קאַמף פאר א לעגאַלן קיום, אָנערקענט דורכן געזעץ אין ענגלאַנד אַזוי, צום ביישפּיל, האָט א צייט לאַנג — פון 1799—1824, — עקזיסטירט א פאַרבאָט אויפצושטעלן פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, און ווען מען האָט שוין דעם פאַרבאָט אַראָפּגענומען, האָט די מאַכט אָנגעווענדט כלערליי מיטלען צו שטערן די אַנטוויקלונג פון פאַראיין, באַגרענעצן זיין פרייען גאַנג, ער זאָל קיין קיום נישט האָבן. ס׳איז, בכן, געווען א קאַמף פאַר רעכט, פאַר אן ארבעטס־שוץ־געזעצגעבונג. דאָס ענלעכע האָט איבערגעלעבט די פראָפבאַוועגונג אין פראנקרייך, ווו דאָס געזעץ האָט אין יאָר 1791 פאַרבאָטן אויפצושטעלן פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, שפּעטער אָבער, אין יאָר 1849, איז צוריק באַנייט געוואָרן דער פאַרבאָט. אָפּגעשאַפט ענדגילטיק דעם פאַרבאָט האָט מען ערשט אין יאָר 1864. אָבער גלייכצייטיק האָט מען פאַרפליכטעט די פאַראיינען צוצושטעלן דער

רעגירונג געניוע באַריכטן פון דער טעטיקייט און פון די פאַרזאַמלונגען. די פּאָלי־צײַ האָט באַקומען דאָס רעכט אָנוועזנדיק צו זיין אויף יעדע פאַרזאַמלונג. ערשט אין יאָר 1884 זענען אָפּגעשאַפן געוואָרן אויך אָט די באַגרענעצונגען און די רע־גירונג האָט אויפגעהערט אַריינצומישן זיך אין די ענינים פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

דאָס זעלבע בערך איז פאָרגעקומען מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. דאָס „סאָציאַליסטן־געזעץ" פון יאָר 1878 האָט פּאַקטיש צוגענומען די לעגאַלקייט ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אין יאָר 1880 האָט מען טיילוויז אָפּגעשאַפט דעם פאַרבאָט, אָבער ביזן יאָר 1890 האָט די פּאָליצײַ נאָך אַלץ געהאט די אויפזיכט איבער די פאַראיינען און כסדר געמישט זיך אין זייערע ענינים.

בקיצור: די אַנטוויקלונג פון דער פּראָפבאַוועגונג אין דער וועלט איז א לאַנגע פּרשה פון קאַמף פאַר רעכט אויף קיום, פאַר סאָציאַלער און ארבעטס־גע־זעצגעבונג.

וועג־צייכנס

אויך די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין לאַנד האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג. דאָס פעלן פון אַן ארבעט־שוץ־געזעצגעבונג האָט געהאַמעוועט איר אַנט־וויקלונג.

די מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס האָט געקוקט קרום אויף דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג, האָט זיך באַנוצט מיט דעם אַלטן טערקישן געזעץ. דאָס טערקישע געזעץ האָט אָנגעווענדט א ריי הארבע באַגרענעצונגען לגבי דעם רעכט פון ארבע־טער צו אָרגאַניזירן זיך. אויסער דעם האָט דאָס דאָזיקע געזעץ נישט געגעבן קיין שום שוץ דעם ארבעטער: נישט באַגרענעצט די צאָל ארבעטס־שעהן אַ טאָג, נישט געלייגט קיין אכט אויף דער פרויען־ און קינדער־ארבעט און נישט געזאָרגט פאַר קאָמפּענסאַציעס און אַנטשעדיקונגען. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די פּאָליצײַ האָט זיך שטענדיק אַריינגעמישט אין די ארבעטס־קאָנפליקטן און פּאַראַ־ליזירט דאָס רעכט אויף שטרייקן.

ס'איז גענוג צו דערמאָנען די ערנסטע צוזאַמענשטויסן מיט דער מאַכט אין

פּתח־תקוה (יאָר 1927/8). די יידישע ארבעטער האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי באַשעפטיקן ביים קטיף (אראָפּנעמען די מאראנצן) און מען זאָל זיי נישט בארויבן פון רעכט צו ארבעטן אין דער יידישער ווירטשאפט. וואָס־זשע איז געווען די תשובה פון די קאָלאָניסטן און פון דער מאכט אויף די פּיקעטן אין די פּרדסים פון פּתח־תקוה? די בריטישע פּאָליציי האָט זיך געוואָרפן אויף די ארבעטער. 14 אַר־בעטער און ארבעטערינס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן, און 17 האָט מען אַרעסטירט.

אין יאָר 1929 האָט מען ארעסטירט 6 ארבעטער אין נס ציונה, הלמאי זיי האָבן פארלאנגט ארבעט און אין פתח תקוה האָט מען אין זעלבן יאָר ארעסטירט 63 ארבעטער און זיי פארמשפּט אויף א חודש תפיסה און א יאָר „גוטע אויפפירונג".

אין יאָר 2־1931 האָט די פּאָליציי געשלאָגן און פאַרוואונדעט ארבעטער און ארבעטערינס אין חדרה. אָנגעפירט מיט דער אקציע האָט גראָד א... יידישער אָפיציר.

אין תרצ"ד האָט זיך איבערגעחזרט דער אָנפאַל אויף די ארבעטער אין כפר סבא. צווישן די ארעסטירטע זענען געווען אויך די פירער פונעם ארבעטער־ראַט.

אַזוי אַרום איז אויסגעפאַלן אויף דער הסתדרות צו פירן אַ גאנצע צייט א ביטערן קאמף מיט דער מאַנדאַט־מאכט און קעגנשטעלן דעם מאַנדאַטאַרישן געזעץ — דעם כוח פון אָרגאניזאציע.

דער ציל פון דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג איז געווען דערשלאָגן זיך דאָס רעכט אויף צו שליסן ארבעטס־קאָנטראקטן און קומען צו א געזעצלעכער פארשטענדיקונג מיט די ארבעטס־געבער.

אויף דער פערטער קאָנפערענץ פון הסתדרות, וואָס האָט ארויסגערוקט, ווי א שלאָג־אויפגאַבע, די פאָדערונג פון א קאָלעקטיוון אָפּמאך, האָט אליעזר קאַפּלאַן ז"ל באַצייכנט דאָס פעלן פון א רעגירונגס־געזעץ, ווי דעם הויפּט־שטער פאַר שליסן קאָלעקטיווע אָפּמאַכן. „מוזן מיר זיך פאַרלאָזן אויפן גוטן ווילן און דיסציפּ־לין־באַוווסטזיין פון בײדע צדדים".

די הסתדרות האָט דורכגעמאכט אַ היפּש שטיקל וועג ביז זי איז צוגעקומען, טריט ביי טריט, צו אירע היינטיקע דערגרייכונגען.

לויט דער הסתדרותישער ציילונג פון יאָר 1931 האָבן בלויז 13% פון די אונטערנעמונגען געהאט געשריבענע אָפּמאַכן. מיט 55% האָט מען געהאַט מינד־

לעכע אָפּמאַכן און 14% אונטערנעמונגען האָבן בכלל נישט געוואָלט וויסן פון קיין אָפּמאַכן. דאָס רעכט אויף קאָמפּענסאַציעס, אין פאַל פון קינדיקונג, האָבן געהאַט בלויז 28% פון די פאַררעגיסטרירטע אין דער ציילונג ארבעטער. אַ יערלעכער אורלויב האָט עקזיסטירט בלויז אין 40—42% פון די אונטערנעמונגען. דעם מס מקביל (פאַראלערן אָפּצאָל) האָט געצאָלט בלויז אַ העלפט פון די אונטערנעמער.

אין יאָר 1959 האָבן 38 צענטראַלע פּראָפעסיאָנעלע לאַנדס-פאַראייניגן גע־האַט קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, וואָס רעגולירן אלע ארבעטס-באַדינגונגען; די סאָציאַלע אויסצאָלונגען האָבן אויסגעמאַכט אַ צוגאָב פון 20—33% אויפן ארבעטס-לוין. ערב דעם אויפקום פון דער מדינה האָט די הסתדרות ארומגענומען קרוב 61% פון אַלע לוין-אַרבעטער אין לאַנד, אין 1959 — גאַנצע 85%.

ארבעטס-געזעצגעבונג

אונטער דער מאַנדאַט-מאַכט האָט ארץ-ישראל במשך 30 יאָר נישט זוכה געווע צו אַן ארבעטס-געזעצגעבונג און זי איז פארבליבן ווייט הינטערשטעליק לגבי די קולטורעל-אַנטוויקלטע לענדער. פאַר די 10 יאָר מדינה-לעבן, האָט די כנסת אָנגענומען און דורכגעפירט אַ גאַר קענטיקע צאָל אַרבעטס-געזעצן:

1. געזעץ וועגן די ארבעטס- און רו-שעהן, וואָס פיקסירט דעם אַכט־שעהדיקן ארבעטס-טאָג, און 7 שעה ערב שבת און ערב יום-טוב. די מאַקסימאַלע אַרבעטס-וואָך איז 47 שעה. נאַכט-ארבעט איז באַגרע־נעצט אויף 7 שעה.
2. געזעץ וועגן יערלעכן אורלויב, וואָס באַרעכטיקט יעדן לוין-אַרבעטער אויף מינימום 14 טעג פול-באַצאָלטן אורלויב.
3. געזעץ וואָס פאַרבאָט נאַכט-אַרבעט — פון 10 אָוונט ביז 6 פרי — אין בעקערייען.
4. געזעץ וועגן רעזערוויסטן-דינסט, וואָס בארעכטיקט לוין-ארבעטער אין רעזערוויסטן-דינסט צו באקומען געהאלט, נאָך 3 טעג דינסט.
5. געזעץ וועגן יוגנטלעכער אַרבעט. דאָס געזעץ איז אויסן צו פאַרזיכערן די נאָרמאַלע אנטוויקלונג פון יוגנטלעכן הן פיזיש און גייסטיק,הן אין זיין פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג. ביז דעם עלטער פון 14 יאָר טאָר מען נישט באַשעפטיקן קיין יוגנטלעכן. די מאקסימאלע ארבעטס-וואָך איז 40 שעה.

6. דאָס געזעץ פון לערן־יינגלעך. די כוונה פונעם געזעץ — דערמעג־לעכן דעם יוגנטלעכן צו דערווערבן זיך אַ פאַך אין גאַנג פון דער אַרבעט.
7. געזעץ וועגן פרויען־אַרבעט — צו שיצן די אַרבעטער־פרוי. דאָס געזעץ דערלויבט נישט צו באַשעפטיקן פרויען ביי אַרבעטן, וואָס זענען שעדלעך פאַר זייער געזונט און פאַרבאָט נאַכט־אַרבעט פאַר פרויען. דאָס געזעץ זעט פאַר אַ געבורטס־אורלויב פון 12 וואָכן.
8. געזעץ וועגן אַרבעטס־אינספעקציע — רעכנט אויס די קאָמפּעטענץ־רעכט פון דער אַרבעטס־אינספעקציע און שטעלט פעסט די פליכט פון די אַרבעטער און אַרבעטסגעבער צו זאָרגן פאַר זיכערקייט־מיטלען ביי דער אַרבעט.
9. געזעץ וועגן פענסיע פאַר מלוכה־אָנגעשטעלטע — שטעלט פעסט דעם עלטער פון אַרויסגיין אויף פענסיע, די רעכט אויף פענסיע און קאָמ־פענסאַציעס פאַר די קרובים און די גרייס פון אַנטשעדיקונג ביים קינדיקן פון דער אַרבעט. דאָס געזעץ שליסט איין די רעכט פון די באַפרייטע זעלנער (רעכט אויף אַרבעט) און פון די קריגס־אינוואַלידן.

דאָס זענען געזעצן, וואָס שטעלן אַוועק ישראל אין דער ערשטער ריי פון די אַנטוויקלטע לענדער אין פּרט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג.

אָט די פאַרצווייגטע אַרבעטס־געזעצגעבונג האָבן מיר בעיקר צו פאַרדאַנקען דער הסתדרות, איר כוח און השפּעה. זי האָט עס אויסגעקעמפט נאָך פיל פריער, איידער די מדינה איז אויפגעקומען, די פאַרשידענע און צאָלרייכע סאָציאַלע דער־גרייכונגען — נישט ווי אָבליגאַטאָרישע פאַראָרדענונגען פון געזעץ, נאָר דורך אַ פריייען הסכם מיט די אַרבעטסגעבער, וועלכע האָבן געמוזט נאָכגעבן דעם דרוק פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין הסתדרות. איצטער איז געקומען די כנסת און די רעגירונג און האָבן פאַרפיקסירט די דעראָבערונגען דורך אַ דעטאַליזירטער אַרבעטס־געזעצגעבונג. דערביי האָט די הסתדרות געזאָרגט, אַז דאָס געזעץ זאָל נישט פאַרמינערן דאָס פרייע רעכט פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין צו פירן זיין קלאַסן־קאַמף דאָרט, וווּ די אַרבעטער טרעפן זיך אָן אויפן ווילקיר פון די אַרבעטס־געבער. דאָס געזעץ וועגן רעגולירן אַרבעטס־קאָנפליקטן קאָן דינען אין דעם פּרט

ווי א באלערנדיקע אילוסטראַציע. דעם 18־טן פעברואַר 1957 האָט די כנסת אָנגע־נומען א געזעץ, וואָס דערמעגלעכט צו לייזן ארבעטס־קאָנפליקטן דורך אַ פּאַרמיט־לונג און דורך בוררות. דאָס געזעץ שטעלט פעסט, אַז די פּאַרמיטלונג מוז אָנגע־ווענדט ווערן אויפן פאַרלאַנג פון איינעם פון די צדדים, אָדער פון דעם באַשטימטן רעגירונגס־פאַרשטייער. האָט מען אָנגעווענדט די פּאַרמיטלונג מוזן ביידע צדדים אָנקומען צו אים, אָבער יעדער צד האָט דאָס רעכט נישט איינצוגיין אויף די פאָרשלאָגן פון דעם פּאַרמיטלער. אויך בוררות איז נישט אָבליגאַטאָריש, סיידן ביידע צדדים האָבן לכתחילה, מיטן פרייען ווילן, איינגעשטימט אויף בוררות.

אויך דאָס געזעץ וועגן קאָלעקטיווע אָפּמאַכן צווינגט נישט אַרויף אויף דעם ארבעטער אַן אינטערווענץ פון דער רעגירונג. דאָס געזעץ איז געבויט אויף דעם אומאָפּפרעגלעכן רעכט פון די אַרבעטער צו פאַרהאַנדלען פראַנק און פריי יעדן ענין, וואָס איז נוגע די ארבעטס־באַציונגען. אָבער ווען דער קאָלעקטיווער אָפּמאַך איז שוין געשלאָסן, באַקומט ער די סאַנקציע פון א געזעץ און קיין צד קאָן אים נישט ברעכן ווילקירלעך. אגב, דאָס געזעץ שטעלט פעסט, אז הגם דער קאָלעקטי־ווער אָפּמאַך ווערט געשלאָסן צווישן דער הסתדרות און א באַשטימטער אונטער־נעמונג אָדער מיט א גאַנצן ארבעטס־צווייג, דינט ער גלייכצייטיק יורידיש ווי אַן אָפּמאַך צווישן דעם אונטערנעמער און יעדן איינעם פון זיינע ארבעטער. דאָס איז א גאָר וויכטיקע דערגרייכונג. ווייל יעדער אַרבעטער, וועלכער פילט זיך באַ־עוולט פון דעם אונטערנעמער, אויב יענער היט נישט אָפּ די פאַרפליכטונגען לויטן קאָלעקטיוון אָפּמאַך, קאָן אים אָנקלאָגן אין געריכט, פּונקט ווי ער פּערזענלעך וואָלט געהחתמעט דעם קאָלעקטיוון אָפּמאַך. נאָך א וויכטיקער מאָמענט איז פאַראַן אין דער ארבעטס־געזעצגעבונג: די רעגירונג ווערט נישט אריינגעמישט אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס ארבעטס־באַציונגען: נישט ביי אַרבעטס־קאָנפליקטן, נישט אין דער לוין־פּאָליטיק און נישט אין פאַל פון שטרייקן. זי איז באַרופן נאָר אָפּצוהיטן דאָס געזעץ, וואָס איז געבויט אויף פרייע אונטערהאַנדלונגען צווישן ביידע צדדים.

דאָס געזעץ וועגן שיצן דעם אַרבעטס־לוין

דעם 1־טן אַפּריל 1958 האָט די כנסת אָנגענומען איינעם פון די וויכטיקסטע גרונט־געזעצן צום שוץ פונעם ארבעטער און זיין ארבעטס־לוין.

דאָס געזעץ איז מחייב אויסצאָלן דעם ארבעטס־לוין צו דער צייט. פאַר נישט פינקטלעכער אויסצאָלונג דאַרף דער אונטערנעמער צאָלן א באַשטימטן פּראָצענט און דאָס געלט ווערט אויפגעמאָנט אָן אַ משפּט. אויסצאָלן דעם לוין מאָנאַטלעכע ארבעטער מוז מען העכסטנס 15 טעג נאָך דעם ארבעטס־חודש. טאָג־אַרבעטער און אַרבעטער אויף דער וואָך, אָדער אויף דער שעה מוזן באַקומען זייער לוין נישט שפּעטער ווי במשך 15 טעג פון דעם האַלבן חודש, אין וועלכן מען האָט פאַרענ־דיקט די ארבעט. דער באַגריף „נישט־פינקטלעכע אויסצאָלונג" איז חל אויך אויף די אויסצאָלונגען פאַר די סאָציאַלע הילפס־קאַסעס, ווי קראַנקן־קאַסע, פּענסיע־קאַסע, קאָמפּענסאציע־פאָנד אָדער פאַרזיכערונגס־פאָנד. פאַר יעדע פאַרשפּעטיקונג צאָלט דער אונטערנעמער דעם ארבעטער א צוואַנציקסטל פון זיין געהאַלט פאַר דער ערשטער וואָך פאַרשפּעטיקונג און אַ צענטל פון געהאַלט פאַר יעדער צוגאָב־וואָך. צום ביישפּיל: באַטרעפט דער לוין פונעם ארבעטער 200 פונט באַקומט ער א צולאָג פון 10 פונט פאַר א פאַרשפּעטיקונג פון דער ערשטער וואָך און 20 פונט פאַר יעדער נייער וואָך. דאָס געזעץ פאַרפליכטעט דעם אונטערנעמער צו פירן אַ ספּעציעלע קאָנטע פון דעם אויסגעצאָלטן ארבעטס־לוין און פון די סומעס, וואָס ער האָט געהאַט דאָס רעכט אראָפּצורעכענען פון לוין (שטייערן, אויסצאָלונגען צו די פאָנדן א.א.וו.).

דאָס געזעץ פון אָרגאַניזירטער באַשעפטיקונג

דעם 1־טן אפּריל 1959 איז אַריין אין קראַפט דאָס געזעץ, וואָס פאַרוואַנדלט די עקזיסטירנדיקע נעץ פון אַרבעטס־בערזעס אין אַ מלוכהשער אינסטיטוציע. די מערהייט אין הסתדרות האָט נאָך אין דעצעמבער 1956 פאָרגעשלאָגן די רעפאָרם און די רעגירונג האָט דעם פאַרשלאָג אָנגענומען און געבראַכט איר געזעץ־פּראָיעקט פאַר דער כנסת, ווו ער איז אדורך, נאָך א גאַנצער ריי אויסבעסערונגען. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער לעצטער טעאַפּ אין דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון די אַרבעטס־בערזעס. פון פאַרטייאישע אַרבעטס־ביוראָען צו אַ הסתדרותישער אַרבעטס־בערזע, שפּעטער־צו, אַן אַלגעמיינער אַרבעטס־בערזע, און צום סוף — דער מלוכהשער סטאַטוס פאַר „אָרגאַניזירטער באַשעפטיקונג" אויף דער שפּראַך פונעם געזעץ.

די אַרבעטס־בערזע אין דער נייער פאָרם, פונקט ווי די פריערדיקע, דירט נישט אָן די קאָמפּעטענץ פון הסתדרות און פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. זי האָט בלויז איין אויפגאַבע: פאַרטיילן די אַרבעט, אויסגעפינען אַרבעט און רעגולירן די אַרבעטס־קראַפט לויט די ערטער, וואָס נייטיקן זיך אין דעם, אָדער האָבן אַן איבער־פלוס פון אַרבעטער. זי נעמט אויך אָנטייל אין דער פאַך־אויסבילדונג און אינסטרו־אירט, ווו מען דאַרף, ביים אויסוויילן אַ פאַך. די אַרבעטס־בערזע טאָר זיך נישט מישן אין אַרבעטס־קאָנפליקטן און דאָס געזעץ פאַרבאָט צו שיקן אַרבעטער דאָרט ווו ס'איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק אָדער אַ לאָקאַוט. אַ גאָר וויכטיקער קאָרעקטיוו איז אריינגעטראָגן געוואָרן אין געזעץ: „ס'איז פאַרבאָטן יעדע אַרט פון דיסקרימי־נאַציע ביים שיקן צו דער אַרבעט: זאָל עס זיין צוליב עלטער, געשלעכט, ראַסע, רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט, לאַנד־אָפּשטאַמונג, פּאָליטישע וועלט־אַנשויונג, אָדער פּאַרטיי". דערמיט איז פאַרלייגט געוואָרן דער פּרינציפּ פון גלייכער רעכט פאַר אַלעמען און ס'איז בטול געוואָרן דער מנהג צו דיסקרימינירן עלטערע מענטשן, ווי אויך די ספּעציעלע ביוראָען פאַר די אַראַבישע אַרבעטער.

אָננעמען אַרבעטער מחוץ דער פאַרמיטלונג פון דער בערזע ווערט פאַר־רעכנט ווי אַ קרימינעלער אַקט. דאָס מיינט: ס'איז דערלויבט נאָר אָרגאַניזירטע אַרבעטס־קראַפט.

די אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג

פונקט ווי די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל איז נישט פאַר־געקומען לויט דעם אָנגענומענעם מוסטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויק־לונג אין אַנדערע לענדער און האָט זיך אָנגעהויבן פון קאָלאָניזאַציע, אַזוי האָט אויך די הסתדרות נישט געהאַט פאַר זיך קיין אויסגעטראָטענע וועגן. איר ערשטע אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די אָרגאַניזירונג פון די לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטער איז געקומען פאַר דער אָרגאַניזירונג פונעם אינדוסטריעלן אַרבע־טער. אין יאָר 1922 זענען געווען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטרי בסך הכל 4.800 אַרבעטער. די העגעמאָניע איז געלעגן אין די הענט פון לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער.

לכתחילה, צו דער צייט פון דער צווייטער הסתדרות־קאָנפערענץ, זענען געווען בלויז די לאַנד־פאַראיינען: פאַראיין פון די לאנדווירטשאפטלעכע אַרבעטער (2.400 חברים), פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע און די אייזנבאַנער (300 חברים). שפּעטער איז צוגעקומען דער לאַנד־פאַראיין פון די בוי־אַרבעטער, וואָס האָט געציילט אין יאָר 1924 — 1.725 חברים און האָט אין זיך איינגעשלאָסן כלערליי פאַכן: בוי־אַרבעטער (700 חברים); ארבעטער ביי געזעלשאַפטלעכע ארבעטן (100 ח.); ביי בוי־מאַטעריאַלן (150 ח.); מאַלערס (120 ח.); האָלץ־אַרבעטער (260 ח.); מעטאַל־אַרבעטער (220 ח.); עלעקטריקער (130 ח.); טעכניקער (45 ח.).

ערשט אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ האסטיקער פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע, איז פאָרגעקומען אַ טיפע רעקאָנסטרוקציע אין פאַך־צוזאַמענשטעל פון דער ארבעטס־קראַפט. נאָך אין יאָר 1939 האָט די אקטיווע ארבעטס־קראפט אין דער לאנדווירטשאַפט אויסגע־מאַכט 19,3% (37.000 מאַן), קעגנאיבער 18,7% אין דער אינדוסטרי און האַנט־ווערקעריי. אָבער שוין אין יאָר 1942 איז די צאָל אין דער לאַנדווירטשאַפט געפאַלן ביז 32.000 מאַן און אין דער אינדוסטרי און האַנטווערקעריי איז זי שוין דערגאַנ־גען צו 50.000 מאַן.

פאַראַלעל צו אָט דעם פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען דער וווקס און די דיפערענ־ציאַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אין יאָר 1945, אויף דער זעקסטער קאָנ־פערענץ פון דער הסתדרות, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן לאַנד־פאַראיינען אין דער אינדוסטרי און בוי, אין טראַנספּאָרט און ביי ים־ארבעטער.

אין יאָר 1946 זענען געגרינדעט געוואָרן פאָלגנדיקע לאַנד־פאַראיינען: איני־זשיניערן, אַרכיטעקטן און פעלד־מעסטער, בוי און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, דרוק און קאַרטאָנאַזש. אין יאָר 1947 איז צוגעקומען דער לאַנד־פאַראיין פון די קראַנקן־שוועסטער. אין יאָר 1948 אַ נייע סעריע: עסנוואַרג־אַרבעטער, האָלץ־אַרבעטער, מלוכה־אָנגעשטעלטע. נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה זענען צוגעקומען די לאַנד־פאַראיינען פון מעטאַל־ארבעטער, טעקסטיל, דימענטן, ים, וועכטער, זשור־נאַליסטן, קינסטלער, לוין־ארבעטער אויפן לאנד, ארבעטער פון סאָציאַלער פאַר־זאָרגונג, דראָגיסטן, לאַבאָראַנטן, פסיכאָטעראַפּיסטן און מאַסאַזשיסטן, רענטגענאָ־לאָגן, טעכניקער, מעדיקער הסתדרות־מיטגלידער, יוריסטן, אקאדעמיקער, שאָפערן

פון לאַסט־אויטאָס, פילם־אַרבעטער, פּאַקערס, פּאָרט־אַרבעטער, האָטעל־, קאַפע־ און רעסטאָראַן־אַרבעטער, טעקסי־שאָפערן, קינאָ־אַרבעטער א.א.וו. אין דעצעמבער 1949 האָט זיך אָנגעשלאָסן אין הסתדרות דער צענטראַלער לערער־פאַראיין. בסך הכל זענען אויפגעקומען 36 צענטראַלע לאַנד־פאַראיינען מיט א צאָל פון 33.000 חברים.

די 71־סטע סעסיע פון דעם הסתדרותישן לאַנדראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעברואַר 1959, האָט פאָרמולירט די גענויע קאָמפּעטענץ פון די צענטראַלע פאַראיינען.

1. באַשטימען די ארבעטס־באַדינגונגען (דעם לוין־טאַריף און די קאַטע־גאָריעס, די סאָציאַלע באַדינגונגען) מיטן ציל פון ברענגען זיי צו אַן איינהייטלעכן סטאַנדאַרט.
2. שליסן קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די ארבעטס־געבער.
3. באַהאַנדלען און רעגולירן אַרבעטס־קאָנפליקטן פון לאַנד־מאַסשטאַב און דערקלערן, ווען ס'איז נייטיק, אַלגעמיינע שטרייקן, מיט דער צו־שטימונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָפּטיילונג ביים ועד הפועל. חוץ דעם זאָרגט די צענטראַלע פון יעדן לאַנד־פאַראיין פאַר: א. דער פאַך־אויסבילדונג פון די ארבעטער, ב. פאַר הייבן די ארבעטס־פּראָדוק־טיווקייט און העלפן אויפשטעלן די פּראָדוציר־ראַטן, ג. האָבן דעם אויפ־זיכט איבער דער טעטיקייט פון די צענטראַלע פאַבריקס־קאָמיטעטן, ד. אַרויסגעבן פאַך־ליטעראַטור, ה. פלעגן דעם קאָנטאַקט מיט די אַנט־שפּרעכנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניקונגען אין אויסלאַנד — מיט דער הסכמה פון ועד־הפועל.

דער צענטראַלער פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע — אַ מוסטער פון אַ לאַנד־פאַראיין

דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919, אין יפו. בעת דער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ, אין אפּריל 1923, אין ירושלים, האָט

דער פאַראיין געציילט 500 מיטגלידער. פון קאָנפערענץ צו קאָנפערענץ איז די צאָל מיטגלידער ראַשיק געוואקסן. פון 1.000 (יאָר 1928) ביז 8.000 (יאָר 1933), ביז 12.000 (יאָר 1945), ביז 20.000 (יאָר 1949), ביז 60.000 בעת דער אַכטער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1959.

דער פאַראיין נעמט ארום פאָלגנדיקע סעקטאָרן: אָנגעשטעלטע אין די נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע, וויסנשאַפטלעכע און מעדיצינישע אינסטיטוציעס. דערנאָך גייען די סעקטאָרן פון הסתדרות־אָנגעשטעלטע און קאָאָפּעראַטיוון: מוניציפּאַלע אָנגעשטעלטע און אין די רעליגיעזע ראטן, באַנק־אָנגעשטעלטע, אין די שיף־געזעלשאַפטן, אוויאַציע, פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן א.א.וו. כמעט איבער 90% פון די אָנגעשטעלטע אין די אַלע סעקטאָרן זענען אָרגאַניזירט אין דעם צענטראַלן פאַראיין, שוואַכער זענען די סעקטאָרן אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט, ווו די ארבעטסגעבער האָבן צו טאָן מיט א קליינער צאָל אָנגעשטעלטע און קאָן דערפאַר מער דריקן אויף זיי.

די פּענסיע־קאַסע

דער פאַראיין האָט אויפגעשטעלט א צענטראַלע פּענסיע־קאַסע, אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן הונדערטער ארבעטס־פּלעצער, ווו די ארבעטער זענען נישט בכוח אויפצושטעלן א זעלבשטענדיקע אייגענע קאַסע. פאַר צענדליקער טויזנטער אָנגעשטעלטע איז אזוי אַרום געזיכערט זייער פּענסיע.

קולטור און פּרעסע

דער פאַראיין גיט ארויס אַ פּעריאָדישן חודשדיקן זשורנאַל „שורות" און האָט געשאפן א פארלאג „די ביבליאָטעק פון אָנגעשטעלטע", וואָס גיט אַרויס לערנביכער צו קוואַליפיצירן זיך אין בוכאַלטעריע, אין באנק־וועזן, אין שטייערן־פּאָליטיק, אין אַדמיניסטראציע־קענטעניש און אין שרייב־מאַשין־ארבעט.

דער פאַראיין איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו די בעסטע סאָציאַלע באדינגונגען, אין פארגלייך מיט אנדערע פאַראיינען: יערלעכער אורלויב פון צוויי וואָכן ביז א חודש; קראַנקן־אורלויב — א חודש פאר יעדן יאָר

אַרבעט מיט דעם רעכט אָנצוזאַמלען אורלויב־צייט; פולער געהאַלט ביי אַן אומ־גליקס־פאַל אָדער פּראָפעסיאָנעלער קרענק; אָפּרו־טעג מיט דער באַטייליקונג פון די ארבעטסגעבער אין די הוצאות; א קורצער ארבעטס־טאָג בדרך כלל, און זומער־צייט בפרט; קאָמפּענסאציע ביי קינדיקונג; קעגנזייטיקע פארזיכערונג; עלטער־פענסיע א.א.וו.

כדי צו פאַרזיכערן גלייכן לוין פאַר גלייכער ארבעט האָט דער פאַראיין איינ־געשטעלט ספּעציעלע לוין־קאַטעגאָריעס אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט, אין געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר און אין באַנק־וועזן.

דער פאַראיין האָט געשאַפן א ברייטע נעץ פון פאַך־קורסן, ווו עס באַקומען זייער אויסבילדונג טויזנטער אָנגעשטעלטע און אזוי ארום באַוואָרענען זיי זיך סטאַבילקייט אויפן ארבעטס־פּלאַץ און די מעגלעכקייט צו שטייגן אין דער ארבעט און אין לוין־העכערונג.

אַ נוסח פון אַרבעטס־אָפּמאַך

מיר ברענגען דאָ, בקיצור, דעם נוסח פון אן ארבעטס־אָפּמאַך צווישן דעם פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע און דער דירעקציע פון אן אונטערנעמונג. דער נוסח ווייזט, ווי קאָנקרעט און דעטאַליזירט אויסגערעכנט עס זענען די פארשידענע פּונקטן, כדי צו זיכערן דעם ארבעטער מאַקסימאַלע שוץ און אויסהיטן אים פון שיקאַנעס און ווילקיר אויף זיין ארבעטס־פּלאַץ.

דער סדר פון אָננעמען אַן אָנגעשטעלטן

אן אונטערנעמונג קאָן אָננעמען אן אָנגעשטעלטן אָדער אן ארבעטער בלויז דורך דער אלגעמיינער ארבעטס־בערזע, הן אויף אַ סטאבילן פּאָסטן, הן אויף צייט־ווייליקער ארבעט, אויסער ספּעציעלע קאַטעגאָריעס פון אָנגעשטעלטע, ווי א הויפּט־בוכהאַלטער, פּריוואַטער סעקרעטאַר, לייטער פון אַן אָפּטיילונג, אָבער מיטן תנאי, אז די ארבעטס־בערזע מוז זיין אינפאָרמירט וועגן דעם און די פּונקטן פון אָפּמאַך זענען חל אויך אויף אָט דער קאַטעגאָריע ארבעטער.

אויב במשך פון צוויי וואָכן וועט די ארבעטס־בערזע נישט שיקן קיין פּאַ־

סיקן אָנגעשטעלטן מעג די אונטערנעמונג אַנגאזשירן אַן אָנגעשטעלטן לויט איר איינזען, אָבער זי מוז מעלדן וועגן דעם דער ארבעטס־בערזע און באקומען איר הסכמה.

לערן־יינגלעך

די דירעקציע נעמט אָן לערן־יינגלעך בלויז דורך דער ארבעטס־בערזע. דער עלטער פון לערן־יינגל קאָן נישט זיין אונטער 15 יאָר און נישט העכער פון 18 יאָר.

די דירעקציע איז מחויב צו דערמעגלעכן דעם לערן־יינגל שטודירן און פארפולקאָמען זיך אין פאך. ווערט דאָס לערן־יינגל אלט 18 יאָר, דאַרף ער אָפּגעבן אַן עקזאמען פאר א ספּעציעלער קאָמיסיע ביים פאַראיין, כדי אריבערצופירן אים אין דער קאַטעגאָריע פון אָנגעשטעלטע.

די תקופה פון פּראָבע

יעדער דערוואַקסענער אָנגעשטעלטער אָדער לערן־יינגל מאַכט דורך די ערשטע זעקס חדשים אַרבעט, ווי א פּראָבע־תקופה. נאָך די 6 חדשים ווערט ער באַשטעטיקט ווי א סטאבילער ארבעטער און זיינע רעכט ווערן אים פאררעכנט פון דעם ערשטן טאָג ארבעט.

במשך דעם פּראָבע־פּעריאָד קאָן די דירעקציע קינדיקן דעם אַרבעטער, בתנאי, אַז מען מעלדעט אים וועגן דער קינדיקונג אַ וואָך פריער, אויב ער האָט געארבעט לכל הפּחות אַ חודש, אָדער מיט צוויי וואָכן פריער, אויב ער האָט געאַרבעט לכל הפחות צוויי חדשים.

געהאַלט

די גרויס פון געהאַלט ווערט באַשטימט דורך דעם הסכם צווישן דער הסתדרות און דער דירעקציע. עס ווערט אויסגעצאָלט דעם ארבעטער אַ צוגאָב חודש־געהאלט אין צוויי ראטעס, פאַר פּסח און ראש השנה

אורלויב

יעדער אָנגעשטעלטער באַקומט א פול־באַצאָלטן יערלעכן אורלויב. פון 1—5 יאָר ארבעט — 14 טעג; פון 6—8 יאָר ארבעט — 21 טעג; פון 9 יאָר און העכער — 30 טעג. ער באַקומט, אויסערדעם, באַצאָלט פאַר פאָלגנדיקע יום־טובים: פסח — 2 טעג; שבועות — 1 טאָג; ראש השנה — 2 טעג; סוכות — 2 טעג און 1־טער מאַי — אַ טאָג. פאַר מלוכה־יום־טובים ווערט פולשטענדיק באַצאָלט. די זיבן שבעה־טעג פון אבלות ווערן נישט אַריינגערעכנט אין אורלויב. פאַר זיי ווערט נאָרמאַל באַצאָלט. די דירעקציע באַטייליקט זיך מיט 70% הוצאות פאַר 10 טעג סאַנאַטאָריע פאַר אַ פרוי פון ארבעטער. קראַנקייט־אורלויב ווערט נישט אריינגע־רעכנט אין חשבון פון אורלויב און ווערט אויסגעצאָלט באַזונדער. אין פאַל פון קינדיקונג קריגט דער ארבעטער אויסגעצאָלט זיין אורלויב־צייט.

קראַנקייט־אורלויב

יעדער ארבעטער האָט רעכט אויף 30 טעג קראַנקייט־אורלויב מיט פולן געהאָלט.

ביי אן אומגליקס־פאַל בעת דער ארבעט באַקומט דער ארבעטער במשך 6 חדשים זיין פולן געהאָלט. נאָך 6 חדשים — לויט די אָנווייזונגען פונעם געזעץ.

געבורטס־אורלויב

פרויען־אָנגעשטעלטע באַקומען 3 חדשים געבורטס־אורלויב מיטן פולן גע־האָלט. זיי האָבן רעכט אויף נאָך 6 חדשים נישט־באַצאָלטן אורלויב, אָבער זייערע רעכט אויפן ארבעטס־פּלאַץ בלייבן אומבאַרירט. די דירעקציע איז מחויב געהעריקע אראנזשירונגען פאַר דער אָנגעשטעלטער, וואָס זויגט דאָס קינד, כדי צו דערמעג־לעכן איר אן ארבעטס־הפסקה פון 2 שעה א טאָג אויפן חשבון פון דער אונטער־נעמונג.

קראנקן־אָפּצאָל

די דירעקציע וועט איינצאָלן יעדן חודש אין קופת חולים דעם קראַנקן־

אָפּצאָל פאַר דעם ארבעטער אויף איר חשבון, אין דער גרויס פון 2,7% פונעם אר־בעטערס געהאלט.

קינדיקונגען

קינדיקן קאָן מען בלויז לויט א פריערדיקן הסכם צווישן דער דירעקציע, דער הסתדרות און דעם ארבעטער־קאָמיטעט אויפן ארבעטס־פּלאַץ.

אַן אַרבעטער, וועלכער ווערט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, ווייל עס פעלט אויס אַרבעט, האלט איין במשך אַ יאָר צייט דאָס רעכט אויפן ארבעטס־פּלאַץ.

קאָמפּענסאַציעס

אַן ארבעטער, וועלכן מען קינדיקט פון דער אַרבעט, באַקומט קאָמפּענסאַ־ציע אין דער גרויס פון א חודשדיקן געהאלט פאַר יעדן יאָר ארבעט און אַנט־שפּרעכנדיק פאַר א טייל פון יאָר.

אין פאָלגנדיקע פאלן האָט אן ארבעטער דאָס רעכט אליין אָפּזאָגן זיך פון דער ארבעט און באקומען קאָמפּענסאציע, פּונקט ווי מען וואָלט אים אָפּגעזאָגט:

1. ווען אַן אַרבעטער ווערט קראַנק און, לויט דער באַשטעטיקונג פון קופת חולים, קאָן ער נישט פאַרבלייבן ביי זיין ארבעט;
2. ווען מען פירט אים אריבער צו אַן אנדערער ארבעט, ביי ערגערע באַ־דינגונגען;
3. ווען אן ארבעטער מאָביליזירט זיך פרייוויליק אין מיליטער, אָדער ער גייט אויף התישבות;
4. ווען מען שטעלט עמיצן אָפּ פון דער ארבעט צוליב א באשולדיקונג, וואָס איז נישט דערוויזן געוואָרן;
5. נאָך 10 יאָר ארבעט האָט מען רעכט צו פאַרלאָזן די ארבעט מיט 50% קאָמפּענסאַציע; מער פון 10 יאָר ארבעט באַרעכטיקט צו נאָך 6% פאַר יעדן יאָר ארבעט.

אָט דער נוסח פון ארבעטס־אָפּמאַך האָט געצוימט יעדע מעגלעכקייט און

השק צו באַגיין זיך ווילקירלעך צום אַרבעטס־מענטש און געשאַפן ביי אים דעם ב׳טחון, אַז זיין לעבן, זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען און זיין מענטשלעכער כבוד זענען געשיצט דורך אַן אָרגאַניזירטן און מעכטיקן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו.

פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די לוין־אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט

אַלס וועזנטלעכער ביישפּיל ווי אַזוי עס אונטערשיידט זיך דער געבוי און כאַראַקטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין לאַנד און אויסלאַנד, קאָן דינען דער לאַנד־פאַראיין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער.

דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן פונקט אין דעם טאָג, ווען ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה: דעם 5־טן מאַי 1948. ביז צו דער צייט האָט די הסתדרות חקלאית — די לאַנדווירטשאַפטלעכע צענטראַלע — קאָנצענטרירט אַרום זיך אַלע צוזאַמען: די חברים פון די קיבוצים און קבוצות, פון די מושבים און די לוין־אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. ס׳איז אָבער געווען קלאָר, אַז אַזאַ מין פאַרבינדונג האָט נישט קיין זין פון פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט: די אַרבעטס־באַדינגונגען און די פּראָבלעמען פון די לוין־אַרבעטער זענען, נאַטירלעך, גאָר אַנדערע און מען קאָן זיי נישט אידענטיפיצירן מיט די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. פאַקטיש האָט אַט די פאַראייניקונג געשאַפן אַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע: פון איין זייט האָט די אָרגאַניזאַציע — ההסתדרות החקלאית — אַרומגענומען די אַלע, וועלכע האָבן זיך שוין איינגעשאַפן אַ זעלבשטענדיקע ווירטשאַפט אין דער, אָדער יענער פאָרם — קיבוץ, קבוצה מושב, — און פון דער צווייטער זייט האָט זי רעפּרעזענטירט אַ סעקטאָר פון לוין־אַרבעטער, וועלכע לעבן אין די שווערסטע באַדינגונגען, אָן סטאַבילע אַרבעטס־פּלעצער, אָנגעוויזן אויף סעזאָן־אַרבעט, אויף אַ נידעריקן לוין און דערביי אָן קיין שום סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס זאָל זיכערן זיי דעם מאָרגן. דער פאַראיין פון די לוין־אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט איז געוואָרן אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט און ער האָט טאַקע באַוויזן במשך דער צייט צו ווערן אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר, וואָס האָט גרינט־לעך געענדערט די לאַגע פונעם לוין־אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט. אין פעברואַר 1958 איז געשלאָסן געוואָרן דער קאָלעקטיווער אָפּמאַך מיט דער קאָלאָניסטן־פאַראייניקונג (התאחדות האכרים), וואָס איז געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין לעבן פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אויפן לאַנד.

דער אָפּמאַך האָט איינגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון אָרגאַניזירטער אַרבעט אין אַלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט: סתם לוין־אַרבעטער, פּאַך־אַרבעטער, גערטנערס, וואַלד־אַרבעטער, מעכאַניקער א.א.וו. ס'איז פיקסירט געוואָרן אַ פעס־טער לוין און סאָציאַלע פארגיטיקונגען הן פאַרן סטאַבילן ארבעטער, הן פאַרן סע־זאָן־אַרבעטער. 150 טעג סעזאָן־אַרבעט באַרעכטיקט דעם אַרבעטער אַריבערגיין צו דער קאַטעגאָריע סטאַבילע סעזאָן־אַרבעטער. וועלכע האָבן דאָס רעכט אויף מינימום 20 אַרבעטס־טעג אַ חודש. נאָך 240 אַרבעטס־טעג אַ יאָר געניסט דער סעזאָן־אַרבעטער פון קאָמפּענסאַציע־רעכט, אויב ער ווערט געקינדיקט. ס'איז צום ערשטן מאָל, אז דער לוין־ארבעטער אין דער לאנדווירטשאַפט באַקומט, לויטן אָפּמאַך, אַ יערלעכן פול־באַצאָלטן אורלויב פון 12 טעג; אַ לוין־אַרבעטער, א בעל־משפחה פון 3 קינדער, באַקומט א ספּעציעלן משפחה־צוגאַב צו זיין לוין. א זאַך, וואָס איז נאָך נישט איינגעפירט אין גאָר דער וועלט לגבי לאנדווירטשאפט־לעכע אַרבעטער. קינדיקט מען א סעזאָן־ארבעטער מוז מען אים באַצאָלן אַ קאָמ־פּענסאציע פון צוויי וואָכן געהאַלט, א סטאבילן ארבעטער — א חודש געהאלט. מיר האָבן דאָ געבראַכט בלויז די עיקר־פּונקטן פון אָפּמאַך, וואָס האָט נישט דער־וויִיל זיינס גלייכן אין אנדערע לענדער. עס קומט דער הסתדרות אָן אמתער יישר כוח פאַר אָט דער גרויסער דערגרייכונג, וואָס האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעפירט דעם סעזאָן־אַרבעטער אויפן געזיכערטן וועג פון א סטאַבילן קיום.

דער אינטערנאַציאָנאַל פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע און פּלאַנטאַציע־אַרבעטער

פונקט ווי די אנדערע צענטראַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ישראל האָט אויך דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער־פאַראיין איינגעשטעלט ענגע פאַרבינדונגען מיטן אַנטשפּרעכנדיקן אינטערנאַציאָנאלן פאראיין פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע און פּלאַנטאַציע־ארבעטער. אויך דאָ קאָן ישראל דינען אַלס מוסטער. הן פון אָרגאַניזאַציע־שטאַנדפּונקט, הן לויט די איינגעפירטע ארבעטס־באַדינגונגען.

די ישראל־סעקציע רעפּרעזענטירט א מיטגלידערשאַפט פון קרוב 30% אָרגאַניזירטע, בעת די אייראָפּעישע לענדער ציילן נישט מער ווי 25—30% אָרגאַ־

ניזירטע אַרבעטער. אין אונטערשיד פון אַנדערע לענדער האָט ישראל באַוויזן צו דערגענצן די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט מיט א פארצווייגטער ארבעט פאר קעגנזייטיקער הילף.

דער אונטערשיד צווישן דעם בוי פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד

מיר האָבן זיך פריער גענוי אָפּגעשטעלט אויף דער ספּעציפישער סטרוקטור פון דער הסתדרות, וואָס טיילט זי אויס פון אנדערע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס. עס איז אָבער דאָ אויך א גרונט־אונטערשיד צווישן דעם בוי פון דעם פּראָפעסיאָנעלן סעקטאָר אין הסתדרות און אין אויסלאַנד.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין מערב־אייראָפּע — דאָס וויגעלע פון דער פּראָפבאַוועגונג — האָבן זיך אַנטוויקלט סעפּעראַט, יעדער פאַראיין פאַר זיך, אָן קיין שום פאַרבינדונג מיט א צווייטן פּראָפעסיאָנעלן פאראיין אָדער צענטראַלן לאנד־פאַראיין. אין די אייראָפּעישע לענדער איז יעדער צענטראַלער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון א באשטימטן ארבעטס־צווייג — אויטאָנאָם. ער האָט זיינע אייגענע הילפס־פאָנדן, זיין אייגענעם אפּאראט אויף איינקאסירן דעם מיטגליד־אָפּצאָל און ער באַשטימט זעלבשטענדיק אין פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיק. די פארשידענע צענטראַלע פאַראיינען ווילן וואָס מער אויסברייטערן זייערע אויטאָנאָמע רעכט און זיין האָבן אַ קנאפּן אינטערעס פאר קעגנזייטיקער פארבינדונג. אזוי זענען אויפגעקומען שטאַרקע און שוואכע פאראיינען, רייכע און אָרעמע. אַ פאראיין מיט א גרויסער צאָל חברים האָט א רייכערן שטרייק־פאָנד, א רייכערע קראנקן־קאַסע און האָט זיינע אייגענע בנינים. ס׳זענען אָבער פאראן שוואַכע פאַראיינען, וואָס קאָנען אפילו נישט אויסהאלטן דעם נייטיקן אפּאראט. די קעגנזייטיקע הילף צווישן די פאַראיינען איז גאָר א שוואכע און די צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָדער ווי עס הייסט אַמאָל, דער „קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען", איז נישט מער ווי א דאך־אָרגאַניזאציע. א לויזע פארבינדונג אויף צו פארנעמען זיך מיט אלגעמיינע פראגן אָדער רעגולירן סכסוכים צווישן די פאַראיינען. קורץ: אין מערב־אייראָפּע קאָן אן אינדיווידועלער ארבעטער נישט אָנגעהערן צו א פּראָפּעסיאָנעלער צענטראַלע, ווי א שטייגער דער „קאָנגרעס פון די טרייד־יוניאָנען" אין

ענגלאנד (P.W.B), אָדער צו דער „אלגעמיינער ארבעטער־קאָנפעדעראַציע" אין פראנקרייך (L.G.F.); ער איז בלויז א מיטגליד פון זיין פאַראיין. אין ישראל איז פונקט פארקערט: „מען קאָן נישט זיין קיין מיטגליד אין פאַראיין, סיידן מען איז א מיטגליד פון דער הסתדרות" (פון די באַשלוסן פון דער דריטער קאָנפערענץ פון הסתדרות אין יאָר 1927). די אנשטאלטן פון קעגנזייטיקער הילף נעמען ארום אַלע חברים פון הסתדרות. אָן אונטערשיד צו וועלכן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין מען געהערט. אין פאל פון א שטרייק קומט די גאנצע הסתדרות מיט אלע אירע מיטלען צו הילף די שטרייקנדיקע, הגם יעדער פאַראיין און יעדע צענטראַלע פירט איר ארבעט אויטאָנאָם דורך איר אייגענער אָנפירונג, ווערט אָבער די גאנצע פּראָפע־סיאָנעלע ארבעט קאָאָרדינירט דורך די אלגעמיינע אינסטאנצן פון דער הסתדרות אין איר העכסטער אינסטאַנץ — די קאָנפערענץ פון הסתדרות.

צווישן איין קאָנפערענץ און דער צווייטער ליגט די קאָמפּעטענץ אין די הענט פון הסתדרותישן ראַטן (מועצת ההסתדרות) און פון אויספיר־קאָמיטעט (הועד הפועל).

אין די לאָקאַלע ענינים קאָאָרדינירט און באַשטימט דער ארבעטער־ראַט.

דער אַרבעטער־ראַט

אָט דאָס זענען די אויפגאבן פון אַרבעטער־ראט:

א. אָרגאַניזירן דעם גאַנצן ארבעטער־כלל אין די ראמען פון זיין טערי־טאָריאלער קאָמפּעטענץ און שיצן זיינע ארבעטס־באַדינגונגען און סאָציאַלע רעכט;

ב. אויפשטעלן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און ארבעטער־קאָמיטעטן אויף די ארבעטס־פלעצער און זאָרגן פאר דער פּראָפעסיאָנעלער ארבעט;

ג. שליסן לאָקאַלע ארבעטס־קאָנטראַקטן דורך דעם אַנטשפּרעכנדיקן פּראָ־פעסיאָנעלן פאַראיין, און אַכטונג געבן ער זאָל אויסגעפירט ווערן;

ה. אויספירן די קאָלעקטיווע אָפּמאַכן פון לאַנד־מאסשטאב;

ה. אָפּגעבן זיך מיט די פּראָבלעמען פון ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט און מיט אויפשטעלן פּראָדוציר־ראַטן;

ו. איניציאירן ארבעטן, וואָס זאָלן אנטוויקלען די באשעפטיקונג;

ז. אויפנעמען און פאַרוואָרצלען די נייע עולים —ווירטשאַפטלעך, געזעל־שאַפטלעך און קולטורעל;

ח. אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון קעגנזייטיקער הילף פאַר די חברים אין הסתדרות, איניציאירן הילפס־ און פארזיכערונגס־פאָנדן און ספּע־ציעלע איינריכטונגען פאַר קעגנזייטיקער הילף; זאָרגן פאַר די סאָציאַלע רעכט פון די פארזיכערטע; העלפן דער קראנקן־קאסע אויפמאָנען דעם פאַראַלעלן אָפּצאָל פון די ארבעטסגעבער;

ט. איניציאירן און סטימולירן די וווינונגס־קאָאָפּעראַציע פאַר די חברים פון הסתדרות און זאָרגן, אַז עס זאָלן דערביי אָפּגעהיט ווערן די געזעל־שאַפטלעכע פּרינציפּן פון דער הסתדרות;

י. געבן הילף דער אָרגאַניזאַציע און די אונטערנעמונגען פון דער ארבעט־טער־ און לערן־יוגנט; דערמוטיקן די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען;

יא. אַרויסהעלפן דעם ראט פון די אַרבעטערינס (מועצת הפועלות) און אויפשטעלן די אָפּטיילונגען פון „די ארבעטנדיקע מוטערס" און געבן זיי די נייטיקע שטיצע;

יב. קאָאָרדינירן און אָנפירן מיט דער ארבעט פון די הסתדרות־פאַרטרע־טער אין די פארשידענע לאָקאַלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס;

יג. אַנטוויקלען אַ קולטור־און דערציונגס־אַרבעט; אויפשטעלן לערן־אַנשטאלטן פאַר אלגעמיינער בילדונג און פאַר אויסלערנען זיך עברית; געבן א פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג דער מיטגלידערשאפט פון הסתד־רות; אַנטוויקלען די פיזישע קולטור;

יד. איניציאירן אַקטיוויטעטן אויף צו העכערן דעם ווירטשאַפטלעכן סטאַנ־דאַרט און דעם קולטורעל־געזעלשאַפטלעכן ניוואָ פון די ארבעטער אין געגעבענעם אָרט.

די פּראָדוציר־ראַטן און דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין

אַ וויכטיקער און ווירקזאַמער אינסטרומענט ביים פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אויף צו הייבן דעם ארבעטס־לוין און דעם אלגעמיינעם לעבנס־סטאַנדארט פונעם ארבעטער — איז דער פּראָדוציר־ראַט. דעם שטויס דערצו האָט געגעבן די איני־ציאַטיוו פון דער הסתדרות, נאָך אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ אין יאָר 1949. אין מאַי 1952 איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיטן פאַראיין פון די אינדוסטריעלער וועגן אויפשטעלן פּראָדוציר־ראַטן אין אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן 50 ארבעטער און העכער.

לויטן אָפּמאַך האָט דער פּראָדוציר־ראַט דאָס רעכט צו זאָרגן פאַר באַנוצן און אויסנוצן עפעקטיוו די מאַשינען־אַפּאַראטור, איינשטעלן ראַציאָנעלע אראנזשי־רונגען אין פּראָדוציר־ און ארבעטס־פּראָצעס, קאָנטראָלירן דעם צושטאַנד פון דער טעכנישער אויסשטאַטונג אין דער אונטערנעמונג און שאַפן מיטלען אויסצובעסערן און באַנייען זי.

דער פּראָדוציר־ראט זאָרגט פאַר קלענער מאַכן דעם פּראָצענט פון נישט־פּראָדוקטיווער אַרבעט, פאַר העכערן די עפעקטיווקייט און שפּאָרזאַמקייט אין דער אַרבעטס־קראַפט, אין רוישטאָף און אין אדמיניסטראטיווע הוצאות; פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע און מצמצם זיין דעם פּראָצענט פון אָפּפאַל, פון בראַק אין דער אויסגעפערטיקטער פּראָדוקציע.

דער פּראָדוציר־ראט סטימולירט די איניציאַטיוו און די דערפינדונגס־פעיקייט פון די ארבעטער — צו פארבעסערן דעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס, און זאָרגט, אז די דערפינדער זאָלן קאָמפּענסירט ווערן דורך געלט־פּרעמיעס, אָדער אויף אַן אַנדערן אופן. דאָס רעכט פון דעם דערפינדער אויפן פּאַטענט ווערט געזעצ־לעך געשיצט. דער פּראָדוציר־ראַט זאָרגט פאַר דעם געזונט־צושטאַנד פון די אר־בעטער, פאַרן פארמיידן אומגליקס־פאַלן ביי דער ארבעט, פאַר איינשטעלן סאַני־טארע און היגיענישע באַדינגונגען אויף די ארבעט־פּלעצער; האַלטן ריין די עס־צימערן, די וואַש־צימערן; פאַר ווענטילאַציע און פּאַסיקער באַלייכטונג. דער פּראָדוציר־ראט דאַרף אויסזוכן מיטלען צו פארבעסערן די טראַנספּאָרט־מעגלעכ־

קייטן פאַר די ארבעטער. דער פּראָדוציר־ראַט שטיצט זיך אין אַט דער ארבעט אויף דער ארבעטס־אינספּעקציע פון דער רעגירונג און אויפן אינסטיטוט פאַר פּראָפּע־סיאָנעלער היגיענע (א בשותפותדיקער אנשטאלט פון דער רעגירונג, פארבאנד פון די אינדוסטריעלער און פון דער הסתדרות).

דער פּראָדוציר־ראט דארף אויך זאָרגן פאַר העכערן דעם ניוואָ פון טעכ־נישן און פּראָפעסיאָנעלן אינסטרוקטאַזש און שאפן באקוועמערע מעגלעכקייטן פאַר טעכנישער אויסבילדונג.

דער ראַט באַשעפטיקט זיך מיט די פּראָבלעמען פון ארבעטס־נאָרמעס און פּרעמירטן לוין. דער ראט מישט זיך נישט אין דער קאָמפּעטענץ פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין פראַגן פון ארבעטס־לוין און סאָציאַלע באַדינגונגען, און אויך נישט אין דער קאָמפּעטענץ פון דער דירעקציע ביים אָנפירן מיט דער אונטערנעמונג און פונעם אַרבעטס־קאָמיטעט. דער פּראָדוציר־ראַט איז צוזאַמענגעשטעלט לויט א פּאַריטעט — א העלפט חברים ווערט באַשטימט דורך דער דירעקציע, די אנ־דערע העלפט קלייבן די ארבעטער דורך דירעקטע, פּערסאָנאַלע וואלן. די באַשלוסן פון ראט ווערן אָנגענומען מיט א מערהייט פון יעדן צד און זיי גילטן ווי רעקאָ־מענדאַציעס פאַר דער דירעקציע אָדער דעם ארבעטס־קאָמיטעט. די רעקאָמענ־דאציע האָט נישט קיין אָבליגאַטאָרישע קראַפט, אויב די דירעקציע אָדער דער ארבעטער־קאָמיטעט מעלדן במשך אַ וואָך צייט וועגן זייער קעגנערשאַפט. זיי זענען אָבער מחויב אויף דער נאָענטסטער זיצונג פונעם פּראָדוציר־ראט אָנצוגעבן זייערע מאָטיוון קעגן די רעקאָמענדאציעס.

די עטלעכע יאָר דערפאַרונג האָבן באַוויזן, אַז די פּראָדוציר־ראטן האָבן אויסגעפּילט א וויכטיקע פונקציע ביים הייבן די ארבעטס־פּראָדוקטיוויקייט און אויסבעסערן דעם פּראָדוציר־פּראָצעס. זיי האָבן זיכער נישט ווייניק צוגעטראָגן צו די גרויסע דערגרייכונגען, וואָס האָבן במשך 9 יאָר געבראַכט צו אַ דרייפאַכיקן וווּקס פון דער לאַנדווירטשאפטלעכער און אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, הגם די אַקטיווע ארבעטס־קראַפט איז געשטיגן בלויז אויף צוויי דריטל.

אונדזער אינדוסטריע האָט לויט איר וווּקס־טעמפּאָ איבערגעשטיגן אַ ריי לענדער אין מערב־אייראָפּע.

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און דער אַראַבישער אַרבעטער

אין נאָוועמבער 1952 האָט די 68־סטע סעסיע פון דעם הסתדרות־ראַט באַשלאָסן „עפענען די טויערן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין אַלע צווייגן און גראַדאַציעס פאַרן אַראַבישן אַרבעטער אויפן יסוד פון גלייכע רעכט און פליכטן, מיט פולע רעכט אין די פאַרזיכערונגס־פאָנדן און אין אַלע הסתדרות־אַנשטאַלטן פאַר קעגנזייטיקער הילף".

סוף 1959 איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע סעקציע פאַר די אַראַבישע אַרבעטער אין דער פּראָפעסיאָנעלער אָפּטיילונג און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אינטעגראַציע פון די אַראַבישע אַרבעטער אין די פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אויף יעדן געמישטן אַרבעטס־פּלאַץ, וווּ עס אַרבעטן צוזאַמען ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אַרבעטער־קאָמיטעט דורך אַלע אַרבעטער אויפן פּלאַץ.

אין די ריין־אַראַבישע ישובים זענען פאַרלייגט געוואָרן אָפּטיילונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, לויט די פאַכן. די מוניציפּאַלע אַרבעטער אין נצרת זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער לאַנד־סעקציע פון די מוניציפּאַלע אַרבעטער און ס׳איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון נצרת אויף אויסצוגלייכן די אַרבעטס־באַדינגונגען מיט די אַנדערע מוניציפּאַלע אַרבעטער.

די אַראַבישע לערער זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום לערער־פאַראיין און יעדער לערער איז פאַרבונדן געוואָרן מיט דער נאָענטסטע אָפּטיילונג פון דער קראַנקן־קאַסע.

דער פאַראיין פון די מלוכה־אָנגעשטעלטע האָט אַריינגענומען די אַראַבישע אַרבעטער און געגעבן זיי אַ פאַרטרעטערשאַפט אין דער צענטראַלער אָנפירונג.

(אין יאָר 1957 האָט די הסתדרות געמאַכט אַ ווייטערדיקן טריט: די נישט־ייִדישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געדינט אין צה״ל זענען אָנגענומען געוואָרן ווי פולבאַרעכטיקטע חברים אין דער הסתדרות הכללית).

אויף דער 71־סטער סעסיע פון הסתדרות־ראַט, פעברואַר 1959, איז געמאַכט געוואָרן דער לעצטער, אַנטשיידנדיקער שריט: ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן

„אויפנעמען אין דער הסתדרות די אראבישע ארבעטער און די ארבעטער פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן — מיט פולע רעכט און פליכטן. דער ועד הפועל (אויס־פיר־קאָמיטעט) ווערט באַאויפטראגט צו באשטימען די נייטיקע מאָסמיטלען, כדי אויסצופירן דעם באשלוס".

דעם 1־טן יאנואר 1960 איז דער באשלוס אריין אין קראפט און די הסתדרות איז געוואָרן אן אינטערנאציאָנאַלע לויט איר באשטאנד, הגם דאָס רירט לגמרי נישט אָן דעם ציוניסטיש־חלוצישן מהות פון דער הסתדרות.

דער אָפּמאַך מיטן „הפועל המזרחי"

כדי צו דערגרייכן וואָס מער ארבעטער־אחדות און פארשטענדיקונג, האָט די הסתדרות געשלאָסן אין מאי 1950 אן אָפּמאַך מיט הפועל המזרחי איינצוגלידערן זיינע חברים אין פּראָפעסיאָנעלן געביט פון הסתדרות. דער אָפּמאַך האָט באַרעכטיקט די האָפענונגען. ער האָט דערנענטערט די חברים פון הפועל המזרחי צו דער הסתדרות, צום גרויסן ארבעטער־כלל און צייכנט אויך אָן די מעגלעכקייט פאַר א פולער איינגלידערונג אין דער הסתדרות. אחוץ די ראמען פון הסתדרות איז בלויז געבליבן די קליינע גרופּע ארבעטער, אָרגאניזירט אין „חירות" אונטערן נאָמען „הסתדרות העובדים הלאומיים" — די הסתדרות פון די נאַציאָנאַלע ארבעטער.

די חברים פון „הפועל המזרחי" געניסן נאָטירלעך פון אלע רעכטן צוגלייך מיט אַלע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. כדי צו שאָנעווען זייערע רעליגיעזע געפילן, ווערן נישט געפירט שבת און יום־טוב קיין פאַרזאמלונגען וועגן פאַראיין־ענינים, דאָרט, ווו די חברים פון „הפועל המזרחי" באַטייליקן זיך. דאָס איז אָבער נישט חל אויף פארזאמלונגען און צונויפטרעפן, וואָס באַהאַנדלען אנדערע פראגן מחוץ ארבעטס־אָנגעלעגנהייטן. אין יאָר 1959 איז אן ענלעכער הסכם געשלאָסן געוואָרן אויך מיט פּועלי אגודת ישראל.

דער רעליגיעזער אַרבעטער אין הסתדרות

אויב „הפועל המזרחי" שטייט נאָך דערוויל בלויז מיט איין פוס אין הסתד־רות, זענען אָבער דאָ טויזנטער רעליגיעזע ארבעטער, וועלכע זענען אריין אין

הסתדרות אָן קיין שום טענות און מענות. זיי לעבן זיך פריי אויס אין הסתדרות, ווייל די הסתדרות צווינגט אויף זיי נישט אַרויף קיין שום זאַך, וואָס איז פוגע זייערע רעליגיעזע געפילן. אדרבא, די הסתדרות באַפרידיקט זייערע רעליגיעזע הצתרכותן, דורך אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג, וואָס ווערט געפירט דורך זיי אַליין.

די אָפּטיילונג זאָרגט פאַר אויפשטעלן און אויסהאַלטן שולן און קלובן פאַר די פרומע מיטגלידער; שאַפט ביבליאָטעקן, אָרדנט איין פאָרלעזונגען, קולטור־אונטערנעמונגען, עונג־שבת און יום־טוב־צוזאַמענטרעפן; באַזאָרגט ספרי־תורות, ביכער פון רעליגיעזן כאַראַקטער, אַרטיקלען פאַר רעליגיעזן ריטואַל; האַלט ביי אויפשטעלן אַ ספּעציעלן לערער־סעמינאַר; זאָרגט פאַר זייער פאַרטרעטערשאַפט אין אַלגעמיינע רעליגיעזע ראַטן.

די הסתדרות האָט געמוזט געווינען דעם צוטרוי פון די רעליגיעזע אַרבעטער, וועלכע זענען זיך באַזונדערס שטאַרק אָן צווישן די מזרח־עדות. און עס איז דאָ אַ סברה, אַז אין דער הסתדרות זענען פאַראַן פיל מער רעליגיעזע אַרבעטער, ווי אין אַלע רעליגיעזע פאַרטייען צוזאַמענגענומען

פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק און אירע דערגרייכונגען

דער ציל פון הסתדרות איז קלאָר: זאָרגן פאַר דעם לעבנס־ניוואָ פון דעם אַרבעטער, פאַר זיין אויפשטייג. דאָס איז אָבער נישט אַזאַ פשוטע און לייכטע אויפגאַבע אין אַ לאַנד, וואָס נעמט אויף אַ מאַסן־עליה און טראָגט אויף זיך דעם שווערן עול פון זאָרג פאַר דער זיכערקייט און פאַר דער שוץ־פעיקייט פון דער מדינה. די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק ווערט געפירט אַנטשפּרעכנדיק צו דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט אין לאַנד. איר גרונט־הנחה איז: וואָס פעסטער די ווירטשאַפט אין לאַנד, אַלץ בעסער פאַרן אַרבעטער. איינהאַלטן און נישט לאָזן פאַלן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט איז מעגלעך נאָר בתנאי, ווען די מדינה אַנטוויקלט זיך שטאַרקער און קאָן זיכערן פולע באַשעפטיקונג. דערפאַר ווערט די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיק געפירט לכתחילה אין צוויי ריכטונגען: זאָרג פאַרן אַרבעטס־לוין און זאָרג פאַר די סאָציאַלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון געזונטהייט און מעדיצינישער הילף, פאַר נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונג, פאַר פּענסיע און קאָמפּענסאַציעס,

פּאַר יערלעכן אורלויב, סאַנאַטאָריע־אָפּרו, באַצאָלטע יום־טובים א.א.וו. שוין היינט־צו־טאָג מאכן אויס די סאָציאלע אויסצאָלונגען אין דורכשניט אַ צוגאָב פון 28% צום לוין אין דער פּריוואַטער אינדוסטריע, אַרום 33% אין דער הסתדרות־אינדוסטריע, 27%—21 אין בוי־פאַך און 20% אין דער לאַנדווירטשאַפט. אויך דער סעזאָן־ארבעטער געניסט פון די סאָציאַלע דערגרייכונגען דורך די אַנטשפּרע־כנדיקע פאָנדן.

אַ קורצער סך הכל וויזט: א. אַז איבער 85% לוין־אַרבעטער זענען פּראָ־פעסיאָנעל אָרגאַניזירט אין הסתדרות — א דערגרייכונג, וואָס האָט נישט זיינס־גלייכן אין קאַפּיטאַליסטישן וועלט־סעקטאָר. צוויי דריטל פון אלע לוין־אַרבעטער געניסן פון די כלערליי פאַרזיכערונגס־פאָנדן, וואָס דערגענצן די נאַציאָנאַלע פאַר־זיכערונג. 60% פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה פאַלט אויס אויפן חשבון פון דער אַרבעטערשאַפט, 80% לוין־ארבעטער זענען באשעפטיקט ביי סטאַבילער ארבעט.

די דערגרייכונגען און דאָס גאַנצע ווערק פון הסתדרות קאָן מען ערשט רעכט אָפּשאַצן, ווען מען נעמט אין אַכט, אז דאָס לאַנד נעמט כסדר אין זיך אריין נייע עליה־שטראָמען: מענטשן אָן א פאַך, אָן ארבעטס־דערפאַרונג. די הסתדרות איז דער ווירקזאמסטער פאַקטאָר, וואָס העלפט איבערשיכטן אָט דעם פאַרשידנ־ארטיקן מענטשן־מאַטעריאַל, רעקאָנסטרוירן אים סאָציאַל, פאַרוואָרצלען אים אין דער ארבעט און אין לעבן פונעם ישוב.

די פאַרזיכערונגס־פאָנדן

אַ גאַר וויכטיקע דערגרייכונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג זענען די פאַרזיכערונגס־פאָנדן. לאָמיר זיך באַקענען מיט זיי.

פאַרזיכערונגס־פאָנד פון די בוי־אַרבעטער
און אין די גײזעלשאַפטלעכע אַרבעטן

דער פאָנד איז געשאפן געוואָרן נאָך אין יאָר 1945, ווי א שוץ־מיטל פאַר די סאָציאַלע רעכט פון די בוי־אַרבעטער. דער פאָנד איז זיך שנעל צעוואקסן און געוואָרן אַ דעצידירנדיקער פאקטאָר אין דער אנטוויקלונג פון פאַראיין. דער אַרבע־טער צאָלט איין 4,5% פון זיין לוין אין פאָנד און דער ארבעטסגעבער 23,5% פון דער גרויס פונעם ארבעטס־לוין. דערמיט דעקט דער פאָנד דעם אָפּצאָל פאַר דער קראַנקן־קאסע, וואָס גיט דעם חבר דאָס רעכט אויף פולער און אומזיסטער האָספּי־טאַליזאציע און מעדיצינישער הילף בכלל; צאָלט אים אויס דעם לוין פאַר די קראַנקייט־טעג, דעם יערלעכן אורלויב, סאנאטאָריע־אָפּרו, יום־טובים, די לעבנס־פאַרזיכערונג; גיט אים הלוואות, באַזאָרגט אים די קאָמפּענסאַציע און די פּענסיע־אויסצאָלונגען.

דער פאַרזיכערונגס־פאָנד האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער עלטער־פּענסיע פון דעם בוי־אַרבעטער — אַ דערגרייכונג נישט אָפּצושאַצן אין א פאַך, וואָס איז נישט סטאַביל, וואָס הענגט אָפּ פון סעזאָן, וואָס איז אויסגערעכנט אויף אָפטע איבערגענג פון איין אַרבעטס־פּלאַץ צום צווייטן, פון איין אַרבעטסגעבער צום אַנדערן.

דער פּענסיע־עלטער איז 65 יאָר פאַר א מאַן און 60 יאָר פאַר אַ ארבעטס־פרוי. די עלטער־פּענסיע ווערט אויסגעצאָלט נאָך מינימום 10 יאָר סטאַזש אין פאַך און מיטגלידערשאַפט אין דעם פאָנד.

דער פּענסיאָנער קריגט אויסגעצאָלט 50% פון זיין געהאַלט ביי די ערשטע 10 יאָר סטאַזש און ער קאָן דערגיין צום מאַקסימום פון 70% פון זיין לוין.

„מבטחים"

דאָס איז דער צענטראַלער פאָנד פאַר דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג פון די לויו־אַרבעטער אין דער אינדוסטרי, האַנטווערקעריי און פאַרשידענע דינסט־אַר־בעטן. אין „מבטחים" זענען אָרגאַניזירט חברים פון כלערליי בראַנזשעס: מעטאַל,

טעקסטיל, האָלץ, שפּייז, דרוק און קאַרטאָנאַזש, דימענטן־שלייפעריי, רעסטאָראַנען און האָטעלן, פּאָספּאַט־אַרבעטער, כעמישע אינדוסטריע ביים ים המלח, נאַפט־אַרבעטער א.אַ.וו. איר געפינט דאָ טאָג־אַרבעטער און חודשדיקע, סטאַבילע אַרבע־טער, אַרבעטער ביי שווערער פיזישער אַרבעט און אַקאַדעמיקער.

פונקט ווי דער פאַרזיכערונגס־פאָנד, נעמט אַרום אויך „מבטחים״ אַלע פאָרמען פון סאָציאַלע אויסצאָלונגען: קראַנקײַט, אומגליקס־פאַלן, קאָמפּענסאַ־ציעס, אורלויבן, אַפּרו א.אַ.וו. דער גרויסער אויפטו פון „מבטחים״ באַשטייט אין דעם, וואָס ער נעמט אַרום צענדליקער טויזנטער חברים פון כלערליי פאַכן, און דערפאַר ליידט ער נישט אַזוי פון די קאָניונקטור־ענדערונגען אין דעם אָדער יע־נעם אַרבעטס־צווייג. זיין ברייטער פאַרנעם גיט אים צו סטאַביליזירונג. „מבטחים״ האָט נאָך אַ מעלה: ער באַגלייט דעם אַרבעטער פון איין אַרבעטס־פּלאַץ צום צווייטן און זאָרגט, אַז דער איבערגאַנג זאָל נישט אָנרירן נישט די רעכט פונעם אַרבעטער, נישט די פאַרשידענע איינצאָלונגען אויף זיין קאָנטע.

פון וועלכע פּענסיע־רעכט געניסט דער חבר אין „מבטחים״?

נאָך 10 יאָר אַרבעט באַקומט ער 40% פון געהאַלט — נאַטירלעך, ווען ער דערגרייכט דעם פּענסיע־עלטער. יעדעס צוגאָב־יאָר פון אַרבעט פאַרגרעסערט דעם פּענסיע־סטאַזש, וואָס קאָן דערגרייכן צו 70% פון געהאַלט אָדער לוין. די גרויס פון פּענסיע ווערט באַרעכנט לויטן דורכשניטלעכן גרונט־געהאַלט במשך דעם לעצטן יאָר אַרבעט מיט דעם צוגאָב פון דער לעצטער יקרות־הוספה, וואָס דער אַרבעטער האָט באַקומען. דער ווערט פון דער פּענסיע איז אָנגעבונדן צום יקרות־אינדעקס. דאָס מיינט: שטייגט דער אינדעקס, שטייגט אַנטשפּרעכנדיק די סומע פון דער פּענסיע. אַן אַלמנה פון אַ פּענסיאָנער האָט רעכט אויף 60% פון דער פּענסיע, וואָס דער מאַן פלעגט קריגן. שטאַרבט אַ חבר פון „מבטחים״ פאַר דעם פּענסיע־עלטער באַקומט די משפחה אויסגעצאָלט אַן איינמאָליקע אַנטשפּרע־כנדיקע סומע.

אויב אַ מיטגליד וויל אַרויס פון „מבטחים״ קאָן ער באַקומען די גאַנצע סומע, וואָס איז דאָ אויף זיין קאָנטע — נאָך אַ תקופה פון 6 חדשים.

די גרויסע סומעס, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט און זאַמלען זיך אָן אין „מבטחים״ פון די אויסצאָלונגען און אָפּשפּאָרונגען, האָבן פאַרוואַנדלט „מבטחים״

אין א גאָר־גאָר וואָגיקן ווירטשאַפטלעכן אינסטרומענט, וואָס באַוועגט מיט זיינע אינוועסטיציעס א ריי מלוכה־ און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין די אַנט־וויקלונגס־ראַיאָנען און העלפט אויפנעמען און פאַרוואָרצלען די ארבעטס־קראַפט אין נייע און אַלטע ארבעטס־פּלעצער.

די צענטראַלע פּענסיע־קאַסע פון די אָנגעשטעלטע

די קאַסע איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1950, בעיקר פאַר די הונדערטער קליינע ארבעטס־פּלעצער, וואָס קאָנען נישט שאַפן קיין אייגענע פאָנדן און האָבן זיך געווייטיקט אין א פאַראייניקטן פינאַנסיעלן כוח. באַדינט טאָקע די קאַסע די אָנגעשטעלטע פון פאַרשידענע פאַבריקן, האַנדלס־געשעפטן, פּריוואַטע ביוראָען און מוניציפּאַלע פּלעצער.

די פּענסיע־קאַסע פון די הסתדרות־אָנגעשטעלטע

די הסתדרות איז אַ ריזיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשעפטיקט היינט־צו־טאָג 18 טויזנט אַרבעטנדיקע. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אזא מחנה האָט פאַרלייגט אַן אייגענעם פּענסיע־פאָנד, נאָכדעם ווי די 66־סטע סעסיע פון הסתד־רותישן לאַנדראַט האָט באַשלאָסן איינפירן אַ פּענסיע־געזעץ פאַר די אָנגעשטעלטע אין הסתדרות.

דער ציל פון דער קאַסע איז דערזעלבער, ווי פון אנדערע הילפס־קאַסעס. ז' האָט געגעבן דעם אָנגעשטעלטן אין הסתדרות אַ געפיל פון זיכערקייט, אז דער גרויסער אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו זאָרגט פאַר יעדן חבר, הן בעת ער ווערט אַלט, הן בעת ער ווערט אַן אינוואַליד, און אויך פאַר זיין משפחה — אין פאַל פון אַן אומגליק.

יעדער חבר צאָלט אין פאָנד 5% פון זיין געהאַלט. די הסתדרות, אַלס אַרבעטסגעבער, לייגט צו פון אירע מיטלען 11% פון געהאַלט. פון אָט די 16% איינצאָלונגען איז אויסגעוואַקסן א פאָנד, וואָס איז בכוח צו באַזאָרגן דעם ארבע־טער אלע זיינע סאָציאַלע רעכט און נויטן אין די ראַמען פון דעם פאָנד־סטאַטוט.

דער פאָנד איז פאַרבינדן מיט דער נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונגס־אינסטאַנץ און צאָלט דאָרט אין דאָס וואָס עס קומט לויטן געזעץ פון יעדן פאַרזיכערטן און זיין אונטערנעמער.

ווערט דער ארבעטער געקינדיקט באַקומט ער אויסגעצאָלט אַלץ, וואָס איז איינגעצאָלט געוואָרן אויף זיין קאָנטע, הן דורך אים, הן דורך דעם אַנשטאַלט, ווו ער ארבעט. זאָגט ער זיך אָפּ אליין פרייוויליק פון זיין ארבעט, איז דער חשבון אַן אנדערער: פון 5—10 יאָר ארבעט קריגט ער זיינע אייגענע איינצאָלונגען און 50% פון די איינצאָלונגען מצד דער אונטערנעמונג; פון 10—15 יאָר ארבעט באַקומט ער 75% פון די איינצאָלונגען מצד דעם אַנשטאלט אויסער נאַטירלעך זיין אייגענעם, גאַנצן טייל; פון 15 יאָר און העכער באַקומט ער 90% אויסצאָלונגען פון דער אונטערנעמונג. די גרויס פון דער פענסיע איז אויך פארשידן לויטן אַרבעט־סטאַזש. נאָך 10 יאָר ארבעט — 35% פון געהאַלט; פון 10—20 יאָר אר־בעט — אַ צוגאָב פון 2% פאַר יעדן יאָר; פון 21—32 יאָר ארבעט — אַ צוגאָב פון 1% פאַר יעדן יאָר. די מאַקסימום־פענסיע איז 70%. אַן אינוואַליד באַקומט מיני־מום 53% און מאַקסימום 70%.

אויך אָט דער פענסיע־פאָנד, פונקט ווי „מבטחים", האַלט נישט דאָס געלט פאַרפרוירן, נאָר אינוועסטירט עס אין רעאַלע ווערטן, וועלכע זענען גאראנטירט.

*

מען קאָן אונטערפירן אַ קורצן און באַלערנדיקן סך־הכל פון די סאָציאַלע דערגרייכונגען אין ישראל:

1. די פענסיע־אויסצאָלונגען באַוועגן זיך אין די ראָמען פון 40—70% — מינימום־מאַקסימום. ווייט־נישט אין אלע אנדערע לענדער האָט מען דערגרייכט אַזאַ הויך.
2. די סאָציאַלע פאַרגיטיקונגען האָבן אויסגעמאַכט אין יאָר 1957, אלס צוגאָב צום נאָמינאַלן לוין: אין דער לאַנדווירטשאַפט — 21% פון אַרבעטס־ליון; אין דער מעטאַל־בְּראַנזשע — 26%; אין בוי — 29%; ביי די מלוכה־אָנגעשטעלטע — 30%; ביי די הסתדרות־אָנגעשטעל־טע 34%; ביי פאַבריק־אַרבעטער 34%.

נאַטירלעך רעדן מיר וועגן דעם דורכשניט. פאַראַן פאַכן, וואָס זענען אים איבערגעשטיגן און פאַראַן אזעלכע, וואָס זענען נאָך הינטערשטעליק. איינס איז אָבער קלאָר: די הסתדרות האָט אַרויסגערוקט די אַרבעטערשאַפט אזוי ווייט פאָרויס אין פּרט פון סאָציאַלע דערגרייכונגען, אַז מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען כלפּי לענדער מער אַנטוויקלטע און מער איינגעפונדעוועטע.

די הסתדרות פון דער אַרבעטער־און לערן־יוגנט

דעם 9—8 מאַי 1959 איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ פון צוויי באַוועגונגען: פון „דער ארבעטער־יוגנט" און „הבונים — התנועה המאוחדת". אַזוי איז אויפגעשטעלט געוואָרן די „הסתדרות פון דער אַרבעטער־ און לערן־יוגנט". מיט אָט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פאַראייניקונגס־אַקט איז געחתמעט געוואָרן איינע פון הערלעכסטע תקופות אין דער געשיכטע פון דער חלוצישער ישראל־יוגנט: דער אויפקום און אויפטו פון דער ארבעטער־יוגנט.

דער אָנהייב

נאָך אין יאָר 1924 האָבן זיך באַוויזן אָרגאַניזירטע גרופּן פון יוגנטלעכע ארבעטער, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך צו שיצן דעם יוגנטלעכן קעגן דער אומגעצוימטער עקספּלאָאַטאַציע. אין זעלבן יאָר האָט די הסתדרות געשאַפן ספּעציעלע אָוונט־קורסן פאַר די יוגנטלעכע ארבעטער, און פון דאנען טאַקע האָט זיך אָנגעהויבן דער אָרגאַניזאַציע־געוועב. עס איז תיכף אויפגעשטעלט געוואָרן א יוגנטלעכע סעקציע ביי דעם מעטאַליסטן־פאַראיין און לויט איר איניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן א צוזאמענטרעף פון די כלערליי יוגנטלעכע ארבעטער־גרופּן, וואָס האָט באַשלאָסן צו גרינדן די אלגעמיינע הסתדרות פון דער ארבעטער־יוגנט.

ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ סטאַטוט פון 4 פונקטן:

א. די ארבעטער־יוגנט־הסתדרות פאַראייניקט די גאַנצע יידישע ארבעטער־יוגנט אין לאַנד פאַר פּראָפעסיאָנעל־ווירטשאַפטלעכער ארבעט און סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער דערציונג;

ב. די יוגנט־הסתדרות איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַלגעמיינער הסתדרות;

ג. די לאָקאַלע אָפּטיילונגען אָרגאַניזירן די חברים לויט די פאַכן אין ספּעציעלע יוגנט־סעקציעס ביי יעדן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין;

ד. אַלס מיטגלידער ווערן אָנגענומען יעדער אַרבעטנדיקער יוגנט־לעכער און יוגנטלעכע.

אויף דער צווייטער סעסיע פון יוגנטלעכן לאַנדראַט איז דער סטאַטוט נאָך מער פּרעציזירט געוואָרן. אין אָפּשניט וועגן די אויפגאַבן און צילן ווערט אונטער־געשטראָכן, אז דער ציל פון דער יוגנט־הסתדרות איז „צו שאַפן די באַדינגונגען פאַר אויפשטעלן די יידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט". עס הייסט: נישט ענגער פּראָפעסיאָנאַליזם, נאָר דער גרויסער ארבעטער־אַספּעקט פון סאָציאַליסטישן געראַנגל האָט באַפליגלט די ארבעטער־יוגנט גלייך ביי איר אויפקום. אינעם אָפּ־שניט וועגן „מיטגלידערשאַפט" ווערט אָנגעוויזן די עלטער־תקופה — פון 18—13 יאָר — פאַר געפינען זיך אין דער יוגנט־הסתדרות. עס איז אויך אָנגענומען גע־וואָרן דער פּרינציפּ, אז פּאַרטייאישע פראַקציעס האָבן נישט קיין פּלאַץ אין דער ארבעטער־יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

ווי געזאָגט, האָט די ארבעטער־יוגנט־אָרגאַניזאַציע געשטעלט דעם טראָפּ נישט בלויז אויף דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג, נאָר פּאַראַלעל דערמיט אויף דער חלוצישער דערציונג פון די חברים. אָט די דערציונג האָט געבראַכט גרויסע און וויכטיקע רעזולטאַטן.

די אַרבעטער־יוגנט איז ארויס אויף פּיאָנערישער קאָלאָניזאַציע. די ערשטע גרופּע האָט געשאַפן דעם קיבוץ נען. נאָך איר איז אוועק די גרופּע, וואָס האָט געשאַפן דעם קיבוץ אלונים ביי שייך אברעק. דערנאָך איז געקומען חולתא, שדות ים א.א.וו.

די אויסגעוואקסענע ארבעטער־יוגנט האָט אריינגעשריבן א הערלעך קאַ־פּיטל אין דער ארבעטער־קאָלאָניזאַציע. און ווען ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער פּלמ"ח זענען די גרופּן פון דער ארבעטער־יוגנט געוואָרן פעסטע רינגען אין רוקנביין פון אָט דער וווּנדערלעכער מיליטערישער זעלבשוץ־פאָרמאַציע.

עס זענען געקומען די טעג פון גרויסע עליה־כוואַליעס. צענדליקער טויזנ־טער משפחות, געבענטשטע מיט קינדער און יוגנט, האָבן געשאַפן אַ ריי קאָנצענ־

טראַציע־פונקטן פון דער נייער עליה. די ארבעטער־יוגנט האָט זיך באלד אריינ־געוואָרפן אין נייעם טעטיקייט־געביט און גענומען זיך אָפּגעבן מיט דעם יונגן עולים־דור.

ערב דעם לעצטן אַקט פון פאַראייניקונג מיט דער לערן־יוגנט, האָט די ארבעטער־יוגנט שוין געציילט 170 אָפּטיילונגען אין די ישובים פון די עולים מיט צענדליקער טויזנטער חברים.

„הבונים — די פאַראייניקטע באַוועגונג"

פסח 1930 זענען זיך צונויפגעקומען אין בן־שמן אַ צאָל קרייזן פון דער לערן־יוגנט פון תל־אביב, „צופים" פון ירושלים, פתח־תקוה חדרה און רחובות. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצושטעלן א גרויסע פאַראייניקטע באוועגונג פון דער לערן־יוגנט. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך די באוועגונג א נאָמען געגעבן „המחנות העולים" (די אויפקומענדיקע מחנות). גאַנצע אַכט יאָר, ביז 1938, האָט די נייע יוגנט־באַוועגונג געאַרבעט אין פולער איינשטימיקייט און דערצויגן גאַנצע מחנות לערן־יוגנט צו הגשמה עצמית, ד. ה. אליין מקיים זיין די געבאָטן פון חלוצישער פאַרווירקלעכונג. די באַוועגונג האָט זיך פעסט געהאלטן ביי אירע הויפּט־עיקרים: איין חלוצישע באַוועגונג פאַר דער גאַנצער לערן־יוגנט, קאָלאָניזאַציע (אין אלע אירע פאָרמען און קיין שום אָבליגאַטאָרישער, פּאָליטישער „אני־מאמין". אָבער שוין אין יאָר 1945 איז געקומען דער טיפער ריס אין דער באַוועגונג, וואָס האָט תחילת נישט אָנגענומען די ווענדונג פון „גורדוניה" צו פאַראייניקן זיך און שפּע־טער, נאָך א הייסן וויכוח, האָט זיך די באַוועגונג געשפּאָלטן. איין טייל פון „מחנות העולים" האָט פאָרגעזעצט ווייטער זיין זעלבשטעדיקן קיום און דער צווייטער האָט זיך פאַראייניקט מיט גורדוניה־המכבי הצעיר אונטערן נאָמען „התנועה המאוחדת".

אין יאָר 1951 האָט זיך די פאַראייניקונג אויסגעברייטערט און איינגעשלאָסן די יוגנט־גרופּן „הבונים" מחוץ פון ישראל.

די נייע יוגנט־פאָרמאַציע האָט צו פאַרצייכענען נישט קיין קליינע דער־גרייכונגען אין דער חלוצישער קאָלאָניזאַציע. צו איר געהערן: גשר הזיו, חמדיה,

מעין ברוך, צרעה, יזרעאל, ראש הנקרה, האון, יתל עוז, יפתח, ניר אליהו; אורח; עין גב יטבתה. די גאַר לעצטע פאַראייניקונג צווישן „הנוער העובד"—אַרבעטער־יוגנט און הנוער הלומד—לערן־יוגנט — האָט נאַטירלעך געגעבן אַ נייעם שווּנג דעם פאַרנעם פון דער יוגנט־באַוועגונג, בפרט, אז עס ווערן אין לעבן אַלץ מער פאַרווישט די גרענעצן צווישן אַרבעטער־ און לערן־יוגנט. די היינטיקע ארבעטער־יוגנט גיט זיך זייער אָפּ מיט שטודירן און דערווערבן וויסן און בילדונג, הן דורך די אלגעמיינע אָוונט־קורסן און אָוונט־שולן, הן דורך די ספּעציעלע לערן־אַנשטאַלטן פאַר פאַך־בילדונג.

די פאַראייניקטע יוגנט־באַוועגונג האָט אויך באַשלאָסן איינצוגלידערן מיט פולע רעכט די אראבישע יוגנט און דער באַשולס וועט זיכער אין דער נאָענטסטער צייט אריין אין קראַפט און אין לעבן.

ב.

די נעץ פאַר קעגנזייטיקער הילף

צוויי אויפגאַבעס ליגן אויף דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג: פירן דעם קלאַסן־קאַמף אינדרויסן, קעגן דעם אַרבעטסגעבער, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען; איינשטעלן קעגנזייטיקע הילף פון אינעווייניק, אין דער אַרבעטער־משפחה. אָט די צוויי אויפגאַבעס זענען אָרגאַניש פאַרבונדן: וואָס שטאַרקער די נעץ פון קעגנזייטיקער הילף, אַלץ זיכערער איז דער גאַנג פונעם אַרבעטער אין סאָציאַלן קלאַסן־געראַנגל.

די פאָרמען פון קעגנזייטיקער הילף זענען פאָלגנדיקע:

1. קופת חולים — די קראַנקן־קאַסע;
2. אַנשטאַלטן פאַר סאָציאַלער הילף:
   דור לדור
   מציב
   משען;
3. די אינסטיטוציעס פון מועצת הפועלות (אַרבעטערינס־ראַט) און אירגון אמהות עובדות (אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטנדיקע מוטערס).

קופת־חולים (די קראַנקן־קאַסע)

אויפגעקומען איז קופת חולים נאָך אין יאָר 1912 ביים פאַראיין פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין יהודה. בשעת דעם ערשטן וועלט־קריג האָט זי באַדינט אויך אַ טייל פונעם שטאָטישן אַרבעטער. נאָך דער מלחמה האָט זיך די קראַנקן־קאַסע געשפּאָלטן: 2.000 פאַרזיכערטע זענען פאַרבליבן אין דעם טייל פון אחדות העבודה און ביי 1.000 האָבן זיך געהאַלטן אין „הפועל הצעיר". ערשט מיט דעם אויפקום פון דער הסתדרות איז אויפגעקומען צוריק די אייניהייטלעכע קראַנקן־קאַסע.

שווער און ביטער איז אויסגעפאַלן דער אָנהייב: נישט קיין רעגירונגס־

שוץ, נישט קיין שוץ־געזעץ און קיין שום באַטייליקונג פון די ארבעטסגעבער צו העלפן דעם קראנקן ארבעטער. אלץ איז געווען אויף די פּלייצעס פונעם ארבעטער און פון זיין אָרעמער קעשענע האָט מען באדארפט אויסהאלטן די אינסטיטוציע, אויסצאָלן די ארבעטער א טייל פון געהאַלט פאר די קראנקייט־טעג און באַזאָרגן די פארשידענע מינים פון מעדיצינישער הילף.

וואָס האָט געזיכערט דעם אומגעהויערן גרויסן דערפאָלג פון קופת חולים, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר אפילו אין אויסלאַנד, לויט דעם פאַרנעם און פאַר־מעסט, לויט דעם סטאנדארט פון מעדיצינישער ארבעט און לויט דער קאָלאָסא־לער הילף, וואָס דער פארזיכערטער חבר און זיין משפחה (אויב זי איז אויך פול פאַרזיכערט) באַקומען בשעת א קראנקייט?

די תשובה איז א פשוטע: קופת חולים איז נישט קיין פילאַנטראָפּישע אינ־סטיטוציע פאַר די „נעבעך אָרעמע ארבעטער". קופת חולים איז אַן אויסדרוק פון דער שאפונגס־קראפט, וואָס ליגט אין דער ארבעטערשאפט, פון איר ווונדערלעכער פעיקייט, סאָלידאריטעט, קעגנזייטיקע ערבות און הילף פון אײנעם צום צווייטן. ארבעטער־אחדות, אויב זי ווערט אָנגעווענדט ריכטיק, צילבאַוווסט, איז נישט קיין מעכאַנישע אחדות, נאָר א שעפערישער קוואַל פון איניציאַטיוו, פון כוח, פון אויס־דויער און פון טאַט, וואָס שטייט נישט פארגליווערט, נאָר האלט כסדר אין אויס־ברייטערן זיך, אין צעוואַקסן זיך.

דער פּרינציפּ פון קעגנזייטיקער ערבות, אויף וועלכן קופת חולים איז גע־בויט — ער האָט עס געשאַפן דעם „ווונדער", וואָס דער סאָציאַל־שוואכער און פיזיש קראנקער איז פאַרזיכערט מיט פולער מעדיצינישער הילף אַדאַנק דער מיטגלידערשאפט פון אַלע הסתדרות־חברים. דער געזונטער צאָלט פאַרן קראנקן, אָבער מיט דעם פארזיכערט ער זיך אליין אויך אויף יעדן פאַל, „הלוואי זאָל מען עס נישט באַדאַרפן". איז קיין ווונדער נישט, וואָס דער נייער עולה, ווי נאָר ער באטרעט די שוועל פון לאנד, ווערט ער קודם כל א מיטגליד אין קופת חולים, וואָס באַדינט היינט־צו־טאָג קרוב 1.300.000 נפשות און האָט איינגעגלידערט אין איר נעץ איבער 93% פון דער נייער עליה.

ספּעציעלע הנחות פאַר די נייע עולים

די סוכנות צאָלט איין קו״ח פאַר יעדן נייעם עולה אין די ערשטע 3 חדשים. אָבער אויך נאָכדעם גענייסט דער עולה פון דער פולער הילף במשך 2 צוואָב־חדשים, אפילו ווען ער צאָלט גאָרנישט. שפּעטער, נאָך די דאָזיקע 5 חדשים, ביז צום סוף פון ערשטן יאָר, באַקומט דער עולה 40% הנחה פון מיטגליד־אָפּצאָל אין קופּת חולים און אין הסתדרות. אַן עולה, וועלכער גייט אויף קאָלאָניזאַציע איז במשך דעם ערשטן יאָר בכלל פריי פון אָפּצאָלונגען אין קו״ח.

מעדיצינישע הילף פאַרן דאָרף

די ערשטע און וויכטיקסטע זאָרג פון קופּת חולים איז די לאַנדווירטשאַפט. נישטאָ כמעט קיין איין לאַנדווירטשאַפטלעכער פּונקט, ווו קופּת חולים זאָל נישט פונקציאָנירן. דאכט זיך, אז אין קיין שום לאַנד — נישט אין מערב און נישט אין מזרח — שטייט נישט דאָס דאָרף אין דער ערשטער ריי פון דער מעדיצינישער באַדינונג. קופּת חולים האָט אויסגעטראָטן איר אייגענעם וועג — קודם כל צום פּיאָנער אויפן לאַנד, וואָס אַקערט און זייט, שיצט און באַוואַכט דאָס לאַנד אויף די גרענעצן און בויט עס פון דאָס ניי אין די ווייט־אָפּגעלייגטע שטחים.

מיט וואָס באַדינט קופּת חולים אירע מיטגלידער?

מיט אלע פאָרמען פון מעדיצינישער הילף, אין וועלכער עס נייטיקט זיך, אָדער עס קאָן זיך נייטיקן א קראַנקער.

צו דער דיספּאָזיציע פון די חברים שטייען: 14 שפּיטאָלן, 927 קליניקעס, 15 סאַנאַטאָריעס, 670 לאַבאָראַטאָריעס און אַפּטייקן, 21 רענטגען־קאַבינעטן, 38 איינריכטונגען פאַר פיזיקאַלישער היילונג און 198 פּונקטן פאַר שוץ פון מוטער און קינד.

איבער 15 מיליאָן מעדיקאַמענטן און פּרעפּאַראַטן האָבן באַקומען די מיט־גלידער במשך דעם לעצטן יאָר; העכער 10 מיליאָן באַזוכן זענען געמאַכט געוואָרן במשך דעם יאָר אין די קליניקעס און שפּיטאָלן; אין דורכשניט גענייסן יעדן טאָג פון דער מעדיצינישער הילף אין קופּת חולים 75,000 פּערזאָן.

די שיטה פון דער מעדיצינישער באַדינונג

די פאַרצווייגטע ארבעט פון קופּת חולים האָט געצוואונגען צו ענדערן די פאָרמען פון מעדיצינישער באַדינונג און מאַכן זי פשוטער, צוגענגלעכער און באַקוועמער פאַרן קראַנקן. היינט־צו־טאָג איז אָט די באַדינונג געבויט אויף אַזעלכע יסודות:

1. פרייער אויסוואַל פונעם דאָקטאָר דורך דעם מיטגליד פון קופּת חולים; 2. דער אויסגעוויילטער דאָקטאָר דינט אַלס דער פאַמיליע־דאָקטאָר פון מיטגליד און זיין הויזגעזינד; 3. קופּת חולים קאָן זיך פאַרבינדן ווו ס'איז נייטיק, מיט פּריוואַטע דאָקטוירים און פאַרזיכערן, אז דער מיטגליד זאָל באַקומען די הילף נישט דווקא אין דער קליניק, נאָר אין פּריוואַטן קאַבינעט פונעם דאָקטער.

וועמען באַדינט קופּת חולים?

פון דער מעדיצינישער הילף אין קופּת חולים געניסט היינט־צו־טאָג צוויי דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און 90% פון דעם אַרבעטנדיקן ישוב. אויסער די מיטגלידער פון הסתדרות באַדינט היינט קופּת חולים, לויט ספּעציעלע אָפּמאַכן מיט דער רעגירונג און אַגענץ, אַ ריי ספּעציעלע קאַטעגאָריעס קראַנקע: די יוגנט־עליה, משפחות פון די אומגעקומענע אין קריג, משפחות פון די זעלנער, באַזונדערע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס, פאַליציי און ישובים, וואָס זענען נישט אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות. אין יוני 1957 איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן קופּת חולים און דעם פאַרבאַנד פון האַנטווערקער און קליינער אינדוסטריע, וואָס האָט אַריינגעפירט די מיטגלידער פון פאַרבאַנד אין קופּת חולים מיט פולע רעכט.

קופּת חולים און די מדינה

ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע הילף קופּת חולים האָט געגעבן דער מדינה מיט איר פאַרצווייגטער ארבעט. קופּת חולים האָט אָנגעשפּאַרט אין די פאַרוואָרפנסטע פּונקטן און אויסגעטראָגן אויף זיך די שווערסטע לאַסט פאַר די כראָנישע קראַנקייטן, וואָס די נייע עליה האָט געבראַכט, ווי אויך די זאָרג פאַר פאַרצווייגטע משפחות, מטופּלע מיט אַ סך קינדער.

פאַקטיש ווערט באַגאַנגען אַן עוולה לגבי קופּת חולים, וואָס מען לייגט אַרויף אויף איר בודזשעט פונקציעס פון אַלגעמיינעם מלוכהשן כאַראַקטער. ס׳איז געגנוג צו דערמאָנען, אַז מער ווי 38% פון דעם בודזשעט ווערט געדעקט פון מיט־גליד־אָפּצאָל און בלויז 8% ווערט געדעקט פון דער רעגירונג. דאָס איבעריקע קומט פון די אָפּצאָלן פאַר ספּעציעלער מעדיצינישער דינסט (10,9%) א.א.וו.

די מדינה און דער ישוב האָבן צו פאַרדאַנקען קופּת חולים דעם הויכן סטאַנ־דאַרט פון מעדיצינישער הילף אין פאָלקס־געזונט אין ישראל.

קעגנזייטיקע הילף און סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג

אין דער גרויסער נעץ פון אָפּטיילונגען ביים וועד הפועל (עקזעקוטיווע) איז דאָ א ספּעציעלע אָפּטיילונג, וואָס האָט די אויפזיכט איבער די אינסטיטוציעס פאר קעגנזייטיקער הילף און סאָציאַלער פארזיכערונג (מיטן אויסנאַם פון קופּת חולים). זי ווילט די אָנפירונג פון די אַנשטאַלטן, באַשטעטיקט די בודזשעטן און גיט די ריכטליניע פאַר זייער טעטיקייט. צוזאַמען מיט דער אָפּטיילונג פאַר פראָ־פעסיאָנעלע ענינים גיט זי זיך אָפּ אויך מיט די פּראָבלעמען פון די פאַרזיכערונגס־פאָנדן אויף וויפל עס האָט צו טאָן מיטן סאָציאַלן שטח. די אָפּטיילונג פאַרנעמט זיך אויך מיט סאָציאַלער פאָרשונג, וואָס ווערט געפירט דורך א ספּעציעלן אינ־סטיטוט.

אָפּרו פאַרן ארבעטס־מענטש

די אָפּטיילונג האָט איניציאירט און געהאָלפן אויפשטעלן אין 1950 בשות־פות מיט קופּת חולים, די געזעלשאַפט „אָפּרו פאַרן ארבעטס־מענטש", וואָס האָט דערמעגלעכט צענדליקער טויזנטער ארבעטער געניסן, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, פון א יערלעכן סאנאטאָריע־אורלויב. דערמיט איז דער ארבעטער פּטור געוואָרן פון דער שטענדיקער פּלאָג און זאָרג, ווי צו פאַרזיכערן זיך אין דער פאַסיקער צייט מיט אַן אָפּרו־פּלאַץ. „מרגוע לעובד" (אָפּרו פארן ארבעטס־מענטש) האָט געשטעלט צו זיין רשות סאנאטאָריעס אין צפת, מגדל, טבריה, נתניה, טבעון, כפר החורש א.א.וו.

די אַנשטאַלטן פאַר סאָציאַלער הילף

„מציב"

אַדאַנק דעם „מס אחיד" (דעם פאַראייניקטן שטייער), וואָס איז איינגעפירט אין הסתדרות זינט יאָר 1937 און האָט דערמעגלעכט אַנטקעגנקומען אַלע הצטרכותן

אַקאַדעמיע פון לערער־פאַרבאַנד (מיטן אָנטייל פון מדינה־פרעזידענט יצחק בן צבי)

די זיבעטע אַרבעטער־פרויען־קאָנפערענץ
(גולדה מאיר — אויסערן־מיניסטער — רעפערירט)

פאראיין פון ארבעטנדיקע פרויען — לערנען נייע עולות פירן שטוב־ווירטשאפט



לאַבאָראַטאָריע פון קופּת־חולים

פון די הסתדרות־אנשטאַלטן, איז געשאפן געוואָרן דער דריילינג — „מציב", „דור לדור" און „משען". „מציב" איז א ספעציעלער פאָנד אויף צו געבן די ערשטע הילף דער משפחה פון א פארשטאָרבענעם חבר אין הסתדרות. די הילף איז, אמת, א באשיידענע: 250 פונט פאַר דער פרוי און 40 פונט פאַר יעדן קינד ביז צום עלטער פון 18 יאָר. אין יאָר 1958 האָבן געניאָסן פון אָט דער הילף ביי 1.048 משפּ־חות, אויף א סומע פון קרוב 300.000 פונט. דאָס רעכט אויף „מציב" האָט יעדער חבר, וועלכער האָט איינגעצאָלט רעגולער דעם „מס אחיד" במשך 24 חדשים. פאַר נייע עולים גילט דער פעריאָד פון 18 חדשים.

„דור לדור"

„דור לדור" איז א ספעציעלער הסתדרות׳ישער פענסיע־פאָנד פאַר די סאמע נויטבאַדערפטיקע, אויסגעדינטע און פאַרעלטערטע חברים פון הסתדרות. די 2,5%, וואָס דער „מס אחיד" האָט אויסגעטיילט פאַר אָט דעם פאָנד, דערמעגלעכן בלויז א גאָר באשיידענע הילף. אָט פאַרוואָס דער וועד הפועל האָט דעם לעצטן יאָר איינגעפירט א גאנץ דראסטישע רעפאָרם: אָנשטאָט אויסצאָלן די פענסיע יעדן עלטערן חבר פון הסתדרות, ווי עס קומט אים פאַר זיינע יאָרן־לאַנגע צאָלונגען פון „מס אחיד", איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס, אויסצוצאָלן „דור לדור" נאָר צו די, וועלכע געניסן נישט פון דער נאַציאָנאַלער פארזיכערונג, אָדער פון אנדערע פענסיע־קאסעס. דאָס האָט אויך דערמעגלעכט צו העכערן דעם פענסיע־אויסצאָל פון „דור לדור" פאַר די חברים וועטעראנען פון דער צווייטער עליה. אוודאי, על פי דין איז מען אפשר באַגאַנגען אן עוולה לגבי אַלע עלטערע חברים, ביי וועמען מען האָט צוגענומען די „דור לדור"־פענסיע, אָבער על פי יושר קומט טאַקע דעם נויטבאַדערפטיקן, וועלכער האָט נישט קיין אנדערע פענסיע־קוואַלן.

משען

גאָר פון אן אנדערן פארנעם און כאראקטער איז די הילף, וואָס ווערט גע־געבן דורך „משען" — א ספעציעלע אינסטיטוציע אויף ארויסצוהעלפן א חבר אין נויט. אמאָל דורך א פשוטן גמילת חסד, אמאָל דורך א קאָנסטרוקטיווער הילף

איינצואָרדענען זיך, אַמאָל דורך העלפן זיך אויסבילדן אין אַ פאַך. בלויז אין יאָר 1958 האָט „משען" ארויסגעהאָלפן איבער 40 טויזנט חברים מיט הלוואות, אויף אַ סומע פון קרוב 2.5 מיליאָן פונט. עס האָבן גענאָסן פון די הלוואות אַלטע חברים און נייע עולים, אין די גרויסע שטעט און אין די קליינע עולים־שטעטלעך, ווי קרית מלאכי, מגדל העמק, בית שאן, עזתה, באר יעקב, בית ליד, אפקים, אשדוד, דימונה, כפר ירוחם א. א. וו.

איבער 555 טויזנט פונט האָט „משען" אויסגעגעבן אין אין יאָר 1958 אויף הלוואות־אוואנסן פאר ארבעטער, וועלכע האָבן געארבעט ביי ספּעציעלע נויט־אַרבעטן. חברים אַרבעטסלאָזע און קראַנקע, וועלכע האָבן נישט קיין סטאַבילע הכנסה באַקומען פון „משען אומזיסט די שטייער־מאַרקעס פון „מס אחיד„, כדי זיי נישט פאַרלירן זייערע רעכט אין קופּת חולים.

„משען" העלפט אויך אַרויס מיט א באַשטימטער סובסידיע די אַנשטאַלטן פון די „אַרבעטנדיקע מוטערס" („אמהות עובדות") און האלט אליין אויס א ריי קינדער־אַנשטאַלטן: „אונים" און „עלומים" אין כפר סבא און אויך אין קרית עמל און אין יבנה.

אַ גאַר גרויסער אויפטו פון „משען" זענען די „עלטערן־היימען" (בתי אבות) אין חולון, הר הכרמל, קטמון אין ירושלים און אין אפעל ביי תל־אביב. דער עלטע־רער חבר האָט באַקומען פאר זיך א היים, ווו ער קאָן זיך אויסלעבן געזעלשאפט־לעך און קולטורעל אין א סביבה צוגעפּאסט פאר אים און זיין צושטאנד. דאָ איז ער פריי פון יעדע זאָרג און ער געניסט פון גוטער פלעגע, פון מעדיצינישער הילף, פון כלערליי קולטורעלע פארוויילונגען. דאָ געפינט ער א לערן־ און שטודיר־קריין, אַ רייכע ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל, אַ שאך־קרייז, אַ קינאָ־פילם, אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. צו זיין רשות שטייען ווארשטאטן, ווו ער קאָן זיך אָפּגעבן מיט דער אָדער יענער פיזישער באַשעפטיקונג.

די אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג

47% פון דער גאַנצער הסתדרות־מיטגלידערשאַפט מאַכן אויס די פרויען. שוין פון דעם אַליין ווערט קלאָר, פאַרוואָס די אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער אַרבעט פון הסתדרות. די פרוי איז דאָך נישט נאָר אַן אַרבעטערין, זי איז אויך אַ מוטער, אַ דערציערין פון קינדער און טראָגט דעם עיקר־עול פון דער משפחה און פון דער הויז־ווירטשאַפט. די אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג האָט גענומען אויף זיך די פאַרצווייגטע זאָרג פאַר דער פרוי, דער חברטע אין הסתדרות. פאַר איר פאַך־אויסבילדונג, פאַר איינוואָרצלען זי אין דער אַרבעט און זיכערן איר אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער פּראָדוקציע און גלייכצייטיק אַרויסהעלפן איר, אַלס מוטער און דערציערין.

די אַרבעטער־פרויען־אָרגאַניזאַציע איז איינגעטיילט אין צוויי הויפּט־סעקציעס: א. די סעקציע פון לוין־אַרבעט; ב. די סעקציע פון הויזווירטשאַפט.

די סעקציע פון לוין־אַרבעט באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיטן אַכטונג געבן, אַז די אַרבעטערין זאָל געניסן פון אירע פולע רעכט אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. די סעקציע לייגט די גרעסטע אַכט אויף דער פאַך־אויסבילדונג, כדי די אַרבעטערין זאָל זיך פילן געזיכערט און פאַרוואָרצלט אין דער אַרבעט. האָט מען געשאַפן אַ ריי קורסן פון שניידעריי, טעקסטיל, שערעריי, האָטעל־דינסט, הויזווירטשאַפט, קינד־אַרבעט, קינדער־פלעגע און ביוראָ־אַרבעט.

די פרויען־אָרגאַניזאַציע האָט געלייגט דעם גרעסטן אַכט אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסבילדונג און דערציונג דורך ספּעציעלע שולן און ווירטשאַפטן.

כדי צו העלפן די נייע עולות, ביי זייערע ערשטע טריט אין לאַנד, זיי זאָלן זיך וואָס שנעלער און לייכטער אריינפּאַסן אין דער נייער פאַר זיי סביבה, האָט די אָרגאַניזאַציע אויפגעשטעלט אין תל־אביב, חיפה, ירושלים, נתניה די בתי חלוצות, דורך וועלכע עס זענען במשך פון יאָרן אַדורך צענדליקער טויזנטער חברטעס און געפונען דאָרט אַ היים, אַ סביבה און אַ פאַך־שול.

די זעלבע פונקציע האָבן אויסגעפילט אויך די בתי עולות, וואָס האָבן אויפגענומען הין נייע עולות, הן באַפרייטע זעלנערינס, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין אַ דאַך איבערן קאָפּ און אין ערשטער הילף נאָך זייער באַפרייונג פון מיליטער.

די צווייטע סעקציע, וואָס נעמט אַרום די חברטעס פון הסתדרות — די מוטערס און די, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין דער אייגענער הויזווירטשאַפט — האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ גאָר ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אויפן סאָציאַלן און דערציערישן געביט. די סעקציע פון די „אַרבעטנדיקע מוטערס" האָט אויפגעשטעלט און איבערגענומען די זאָרג איבער צענדליקער טאָג־היימען, קינדער־היימען, אינטערנאַטן, קלובן, זומער־לאַגערס.

אָט די קינדער־אַנשטאַלטן האָבן מעגלעך געמאַכט פאַר דער אַרבעטערין, וועלכע איז געוואָרן אַ מוטער, אָנגיין ווייטער מיט איר אַרבעט. און נאָך אַ גרויסע מעלה פאַרמאָגט די סעקציע פון די „אַרבעטנדיקע מוטערס": זי איז געבויט אין אַ גאָר גרויסער מאָס אויף פרייוויליקייט, אויף דער פרייוויליקער און איבערגעגעבענער אַרבעט פון טויזנטער חברטעס. דאָס איז נישט בלויז אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר דער אַרבעט גופא, נאָר אויך אַ דערהייבונג פאַר די חברטעס, וועלכע גייען אַרויס פון די שמאָלע ד' אמות פון זייער הויזווירטשאַפט און ווערן אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר ביים אויפנעמען די נייע עליה און העלפן איר איינלעבן זיך אין לאַנד, אין דער נייער סביבה.

דער גרויסער פאַרנעם אין דער אַרבעט פון דער אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג האָט זי באַרייכערט מיט אַ גאָר היפּשן פאַרמעגן פון צענדליקער בנינים, בתי חלוצות, קינדער־אַנשטאַלטן, ווירטשאַפטן און שולן. אָט דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז יורידיש פאַררעגיסטרירט און פאַרשריבן אויפן נאָמען פון אַ ספּעציעלער געזעלשאַפט „הבונה" — אַ „טאָכטער־געזעלשאַפט" פון חברת עובדים, ד. ה. פון דער ווירטשאַפטלעכער הסתדרות־צענטראַלע.

פרויען־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד

די אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג האָט אויפגעשטעלט סעקציעס אין 12 לענדער. די סעקציעס פירן אַ גרויסע אַרבעט, אויף מקרב צו זיין טויזנטער פרויען אין דער הסתדרות און העלפן איר דורכפירן מיט דערפאָלג פינאַנסיעלע אַקציעס.

די פרויען־אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס אירס אַ ספּעציעלן וואָכן־אָרגאַן:

„דבר הפועלת" (די ארבעטערין) — איינער פון די צום בעסטן רעדאַגירטע און אינהאַלטסרייכע זשורנאַלן אין לאַנד.

די אָרגאַניזאַציע פירט דורך פאַר די חברטעס סיסטעמאַטישע פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן, שטודיר־סעמינאַרן, פילם־פאָרשטעלונגען און שאַפּצירן איבערן לאַנד.

די אויספיר־אָרגאַנען פון דער באַוועגונג זענען: דער צענטראַלער סעקרעטאַריאַט, דער ארבעטערינס־ראַט און די ארבעטערינס־קאָנפערענץ.

פ י נ פ ט ע ר   ק א פ י ט ל

דער צוזאמענפלעכט פון ווירטשאפטלעכער און פאליטישער שליחות

א. די ארבעטער־ווירטשאפט

ב. די הסתדרות אלס פאליטישע קראפט

א.

די אַרבעטער־ווירטשאַפט

די ווירטשאַפטלעכע שליחות און איר טרייב־קראַפט

פונקט ווי דער מאָדערנער ציוניזם הייבט זיך אָן פון דער פּאָליטישער אויטאָעמאַנציפּאַציע, ד. ה. פון דעם באַוווּסטזיין, אַז נישט קיין אַנדערע, נאָר מיר אַליין וועלן ברענגען די גאולה, אַזוי האָט אויך דער אַרבעטער־ציוניזם, דער ציוניסטישער סאָציאַליזם אָנגעהויבן פון דער ווירטשאַפטלעכער און פּראָפעסיאָנעלער אויטאָעמאַנציפּאַציע, ד. ה. פונעם באַוווּסטזיין, אַז דער כוח פונעם יידישן אַרבעטער ליגט קודם־כל אין אים אַליין — אין זיין אייגענער ווירטשאַפטלעכער און פּראָפעסיאָנעלער פּאָזיציע.

דער יידישער אַרבעטער האָט זיך שטענדיק באַטראַכט ווי דער שליח פון דער יידישער געשיכטע. עס האָט אים באַגלייט פון אָנהייב אָן דאָס באַוווּסטזיין, אַז ארץ־ישראל וועט אויפגעבויט ווערן דורך דעם יידישן אַרבעטער אָדער זי וועט בכלל נישט אויפגעבויט ווערן, ווי עס האָט אַמאָל פּראָקלאַמירט ב. באָראָכאָוו.

אָבער, כדי צו קאָנען אויספירן די שליחות און שאַפן דעם יש אין דעם ליידיקן חלל — שאַפן אַן אַרבעטער־קלאַס, אַ באַנייט יידיש פאָלק, אַ יידישע מדינה, מוז מען דאָך פריער פאַר אַלץ שאַפן דעם טרעגער — דעם אַרבעטער־קלאַס. און שאַפן קאָן מען אים ערשט ווען ס'איז דאָ אַ ווירטשאַפטלעכער פונדאַמענט, אַ יידישע ווירטשאַפט.

עס האָט געמוזט פאַרלייגט ווערן די „סטראַטעגישע באַזע" פאַר דעם קיום און אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט. און גראַד דאָ האָט די אַרבעטער־ווירטשאַפט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל, ווייל די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט איז געווען קליין, דאַר און קוואַר.

ביז די יאָרן 22—1921, ד. ה. ביז דעם אויפקום פון הסתדרות, האָט די ווערט פון אַלע פּריוואַטע אינדוסטריעלע אינוועסטיציעס באַטראָפן בסך־הכל 500 טויזנט פונט און די יערלעכע פּראָדוקציע — קרוב 600 טויזנט פונט. די ציוניס־

טישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום איניציאַטיוו און מינדסטע פֿעיקייט עפּעס אויפֿצוטאָן, נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און אויפֿן שוועל פֿון דער דריטער עליה.

אין אויגוסט 1919 האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר, ווו עס ווערט געזאָגט נישט מער און נישט ווייניקער: „זאָל דאָס פֿאָלק נישט וואַגן עולה זיין, לויפֿט נישט העגנדום־פֿענדום!"* דער זשורנאַל „הפּועל הצעיר" האָט געוואָרנט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ קאַטאַסטראָפֿע, ווייל „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט מיט קיין פֿינגער נישט אַ קלאַפּ געטאָן, כדי צו באַשעפֿטיקן כאָטש איין מענטש".

מיט וואָס־זשע האָט זיך יאָ באַשעפֿטיקט דער 12־טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד, אין סעפּטעמבער 1921?

אָט וואָס עס דערציילט אונדז דער פּראָטאָקאָל פֿון קאָנגרעס:

„סימאָן און דע־לימא האָבן דיסקוטירט וועגן אונדזער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט, וועגן די קבוצות. זיי האָבן געהאַלטן אין איין טנעהן און באַקלאָגן זיך, אַז ס'איז אַ פֿאַרשווענדערישע און אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די בראַנדעסיסטן (די אַמעריקאַנער ציוניסטן — א. מ.) און פֿאַרלאַנגט, אַז די אַרבעט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין „אַ קאָאָרדינירנדיקע, אויספֿירנדיקע, קאָנטראָלירנדיקע און קאָנסטרוקטירנדיקע" און ס'האָבן זיך געפֿונען אַ טייל דעלעגאַטן, וואָס האָבן געפּאַטשט בראַוואָ אָט דער פּלוידעריי... קורץ: אָן אַ שיעור טומל — און מעשים נישט אויף אַ האָר. פֿערזענלעכע רייסערייען פֿון אָנהייב ביזן סוף...**

אויפֿן פֿאָן פֿון אָט דעם טרויעריקן צושטאַנד און אין אָנבליק פֿון דער בירגערלעך־ציוניסטישער אימפּאָטענץ האָט די צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון הסתדרות אין יאַנואַר 1923 דערקלערט, אַז זי נעמט אויף זיך די אויפֿגאַבע צו פֿאַרלייגן דעם פֿונדאַמענט פֿון אַ נייער יידישער ווירטשאַפֿט: „בויען שטעט און דערפֿער, אויפֿשטעלן וואַרשטאַטן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, בויען וועגן, שאָסייען,

---

* י. רזניצנקו, העליה השלישית, תל־אביב, 1946.

** קונטרס, צ"ג, י"ג אלול תרפ"א.

אייזנבאַן־ליניעס; קראַפט־סטאַציעס, וואָס זאָלן באַזאָרגן מיט וואַסער, ליכט און עלעקטרי־ענערגיע, פאַרלייגן בריקן, דאַמבעס, טונעלן, קאַנאַלן, האַפנס, פּלי־פּלעצער, זוכן און גראָבן מינעראַלן און אַנטוויקלען אַ שווער־אינדוסטריע".

דאָ פילט איר גלייך דעם רעוואָלוציאָנערן שווונג וואָס האָט באַפליגלט די הסתדרות און געגעבן איר מוט אָנצוהייבן פון בראשית און שאַפן אַ יידישע אַרבע־טער־ווירטשאַפט.

מען קאָן זאָגן, אַז די הסתדרות איז צוויי מאָל געגרינדעט געוואָרן: אין דעצעמבער 1920, ווען ס'איז אויסגעשמידט געוואָרן דאָס פּראָפעסיאָנעלע געווער, און אין יאַנואַר 1923, ווען ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן „חברת עובדים" (די אַר־בעטער־געזעלשאַפט) — די ווירטשאַפטלעכע צענטראַלע פון דער הסתדרות.

„דאָס זענען נישט קיין צוויי אָפּגעטיילטע אינסטאַנצן, ווי עס האָט אויפגעק־לערט בן גוריון". „ביי אונדז איז נישטאָ קיין שייד־ליניע צווישן דער פּראָפע־סיאָנעלער און ווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אַזאַ מחיצה וואָלט געווען אין סתירה מיט די עצם־עיקרים פון אונדזער באַוועגונג". און ס'איז אמת: דער כוח און די מאַכט פון הסתדרות זענען אַ רעזולטאַט פון דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן פּראָפעסיאָנעלן און ווירטשאַפטלעכן אויפטו.

„חברת עובדים" — די אַרבעטער־געזעלשאַפט

אין חודש טבת תרפ"ג האָט בן גוריון פאַרעפנטלעכט אין „פנקס" אַ פּראָיעקט־פאָרשלאָג צו דער צווייטער קאָנפערענץ פון הסתדרות וועגן אויפשטעלן די „חברת עובדים".

אויף דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע (וועד הפועל) האָט בן גוריון באַ־גרינדעט זיין פאָרשלאָג מיט צוויי מאָטיוון:

א. ס'איז דאָ אַ געפאַר, אַז אין דער הסתדרות זאָלן געשאַפן ווערן צוויי פאַרשידענע קלאַסן. אַ קלאַס, וואָס געניסט פון אַ נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטלעך אייגנ־טום (מושבים און קבוצות) און אַ קלאַס פון לוין־אַרבעטער. דאָס הייסט: פון איין זייט קומט אויף אַ שיכט פון אייגנטימער און פון דער צווייטער זייט אַ שיכט פון פּראָלעטאַריער לוין־אַרבעטער, וואָס האָט נישט קיין שום פאַרבינדונג און אינטע־

רעס צו די ארבעטער־ווירטשאַפטן. כדי דאָס אויסצומיידן מוז דאָס אייגנטום־רעכט אויף די ארבעטער־ווירטשאַפטן איבערגעגעבן ווערן דעם גאנצן ארבעטער־כלל. די גאנצע ארבעטערשאַפט דאַרף וויסן, אז אלע ווירטשאַפטן געהערן איר.

ב. ביז אַהער האָבן מיר געטראַכט, אז ציוניזם וועט רעאַליזירט ווערן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. לויט דעם האָבן מיר אויך געפירט אונדזער אַרבעט. ווייזט זיך אַרויס, אז אָט דער געדאַנק האָט אונדז פאַרפירט. מיר מוזן געפינען אן אנדערן אינסטרומענט אויף צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. איך מיין, אַז די הסתדרות איז אָט דער אינסטרומענט. בלויז זי איז נאָך בכוח צו וועקן די הערצער פון די, וועלכע באַציִען זיך מיט כבוד צום עצם־ווערק אונדזערן און צו דער באַוועגונג. אנדערע זענען צו ז׳עם נישט מסוגל. און מאַכן וועלן מיר עס נישט מיטן כוח פון טעאָריעס, נאָר מיטן כוח פון מעשים. און מאַכן וועט עס דער יידישער ארבעטער — דער, וועלכער פאַרווירקלעכט דעם ציוניזם מיט זיין אייגן לעבן און מיט דער טאָט... נישט די פאָרשטייער פון די ציוניסטישע שקל־צאָלער וועלן אויפהייבן אַ פאָלקס־באַוועגונג, נאָר די אַרבעטער.*

בן גוריונס פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן א העפטיקע דיסקוסיע. י. שפרינצאַק האָט געטענהט, אז „בן גוריונס פאָרשלאָג וועט נישט ראַטעווען די הסתדרות, וואָס פאַראייניקט אלע ארבעטנדיקע, פון די אומפאַרמיידלעכע סתירות". דוב האָז האָט געצווייפלט, צי מען קאָן דורך דעם פאָרשלאָג אויסמיידן די קעגנזאצן צווישן שטאָט און דאָרף. דוד רמז האָט באַצייכנט דעם פאָרשלאָג אלס א „שוואַכן" און ס׳איז בכלל נישט קלאָר, וואָס ער איז אויסן צו רעפאָרמירן. הוגאָ בערגמאַנען (היינט פּראָפעסאָר און דער לאַנגיאָריקער דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק) איז גראָד געפעלן געוואָרן בן גוריונס פּרווו „געבן דער הסתדרות־קאָנפערענץ אַ צענטראַלע אידעע, הגם ער איז שטאַרק מסופק צי עס וועט אים געלינגען".

די קאָנפערענץ האָט דעם פאָרשלאָג אקצעפּטירט און אזוי ארום איז אוועקגעלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר „חברת עובדים", וואָס איז היינט־צו־טאָג

* „פנקס" — טבת תרפ״ג, ירושלים.

די העכסטע אינסטאַנץ און דער קאָאָרדינאַטאָר פון אַלע ווירטשאַפט־לעכע הסתדרות־אַנשטאַלטן. „חברת עובדים" האָט פאַרזיכערט איר דעצידירנדיקע ווירקונג דורך דעם, וואָס זי קאָנצענטרירט אין אירע הענט די מערהייט אַקציעס פון די ווירטשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן.

1. דער רוב געזעלשאפטלעכע בנינים פון הסתדרות אין די שטעט און קאָלאָניעס געהערן יורידיש צו „חברת עובדים", אָדער אירע טאָכטער־געזעלשאפטן.
2. אלע אקציעס פון „סולל בונה", די מערהייט אקציעס פון „בנק הפועלים", פון „הסנה", פון דעם ארבעטער־שיכון, פון חברת „ניר", געהערן דער „חברת עובדים".
3. „חברת עובדים" האָט אַ העלפט פון די גרונט־אַקציעס פון „מקורות" (די צענטראלע וואסער־געזעלשאפט), פון „צים" (די ישראל־שיף־גע־זעלשאַפט.
4. אויסערדעם האָט „חברת עובדים" זיך פאַרזיכערט א טייל פון די אק־ציעס אין א גאנצער ריי הסתדרותישע פאַראיינען און געזעלשאַפטן פון ווירטשאַפטלעכן כאראקטער.
5. „חברת עובדים" האָט רעכט אויף מינימום 5% פון דעם ריינעם ריווח אין אַלע ווירטשאַפטלעכע אנשטאַלטן, אויסער דעם געוויינלעכן דיווי־דענד אויף די אקציעס.

קורץ: „חברת עובדים" האָט געצוימט און פּאַראַליזירט די סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן אויפן ווירטשאפטלעכן געביט און פארזיכערט דער הסתדרות די אומ־אָפּפרעגלעכע שליטה איבער דער גאנצער פארצווייגטער נעץ פון די ווירטשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס.

די אַרבעטער־ווירטשאַפט אויפן לאַנד

די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די ארבעטער־באַוועגונג אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער צווייטער עליה. ביז דאַן האָבן נאַטירלעך אויך עק־זיסטירט דאָ און דאָרט איינצלנע ארבעטער־פאַראיינען, אָבער נישט זיי האָבן געהאַט אַ קלאָרן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן ציל, נישט זיי האָבן פארמאָגט א סאָציאַליסטישן געדאנק בכלל. און נאָך עפּעס מוז דאָ פארצייכנט ווערן. פונקט ווי די ציוניסטישע באַוועגונג האָט באַקומען אַן ערנסטן פּאָליטישן כאראקטער בלויז מיט דעם אויפ־קום פונעם קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס, אַזוי איז די יידישע ארבעטער־באַוועגונג אין לאַנד געוואָרן פאקטיש א יש מיט דעם אָנהייב פון דער ארבעטער־קאָלאָניזאַציע, מיטן פארלייגן די „סטראַטעגישע באזע" פון דער ארבעטערשאפט. ווייל אין די באדינגונגען פון א קאָלאָניזאציע־לאנד דעצידירט די לאַנדווירטשאפט. אין ארץ־ישראל האָט די זעלבשטענדיקע ארבעטער־ווירטשאפט געבראכט צו א גרינטלע־כער ענדערונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור אין דער עליה און צום אויפקום פון אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס.

די ארבעטער־קאָלאָניזאַציע איז געוואָרן די בריק, וואָס האָט אַריבערגעפירט די יוגנט פון מיטלשטאַנד צום אַרבעטער־ לאַגער. די קאָלאָניזאציע איז געוואָרן דער אינסטרומענט פאר פּראָדוקטיוויזירן די פּויפּעריזירטע יידישע מאַסן. זי איז געוואָרן דער צענטראלער שליאַך פון דעם פּראָלעטאַריזאציע־פּראָצעס, און ארץ־ישראל איז געוואָרן דאָס איינציקע לאַנד ווו אימיגראציע איז פארוואַנדלט געוואָרן אין אַ באוועגונג פון אַן ארבעטער־קאָלאָניזאַציע.

איז דעריבער פארשטענדלעך פאַרוואָס די ארבעטער־באַוועגונג האָט געזען אין דער קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק דעם שליסל צו איר קלאַסן־פּאָליטיק און האָט אָרגאַניש פארבינדן די קאָלאָניזאציע־ארבעט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער ארבעט.

עס איז, אגב, ממש סימבאָליש, וואָס פּונקט אין זעלבן יאָר 1923, ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דגניה — די ערשטע ארבעטער־ווירטשאפט — איז טאַקע אין דער זעלבער דגניה, אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון די ארבעטער פֿון גליל, פֿאַרלייגט געוואָרן די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פֿון גליל, און אין דעם זעלבן יאָר אין עין גנים — די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע אין יהודה.

אין שויס פֿון דעם קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס איז אַלזאָ אויסגעוואקסן הן די יידישע ארבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, הן די ספּעציפֿישע אייגנאַרטיקייט אירע: לוין־ארבעט אין דער קאָלאָניע, ווי א נאציאָנאלע און סאָציאלע שליחות און זעלב־שטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפֿט — די קבוצה; פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג און קאָאָפּעראַטיווע לאַנדווירטשאַפֿט. דער כוח, וואָס האָט פֿאַראייניקט און פֿאַרבונדן אין איין גוס ביידע פֿונקציעס — די פּראָפֿעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע — איז געווען א ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, די גרויסע אידעע פֿון נאַציאָנאלן און סאָציאלן רענעסאַנס. טאַקע אדאַנק אָט דער אידעע איז די ישראל־קבוצה געוואָרן א לעבעדיקע ווירקלעכקייט, און נישט קיין עפּיזאָד, ווי די קאָמונעס אין אמעריקע און רוסלאַנד. ווייל די קבוצה איז לכתחילה געווען נישט בלויז אַן ענין פֿון יחידים, וועלכע זוכן א לייזונג, א תיקון־נשמה פֿאַר זיך, נאָר אַן אויפֿטו פֿון גאַנצן ארבעטער־כלל, וואָס רעאַליזירט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעע. די קיבוצישע באַוועגונג איז געוואָרן אויך דער וועגווייזער, ווי צו פּלאַנירן די ווירט־שאַפֿט אויפֿן יסוד פֿון סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע.

וועגן דעם האָט נאָך געטרוימט נחמן סירקין, ווען ער האָט אַפּעלירט „אויס־צוזוכן נייע וועגן אין גייסט פֿון אונדזערע היסטאָרישע אידעאלן און אין איינקלאַנג מיט אונדזער רעוואָלוציאָנערער תקופֿה; און דאָס מיינט — נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן, די אינדוסטריע, דעם האַנדל און איינפֿירן דעם קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ אין אַלע לעבנס־צווייגן... מען דאַרף, לכתחילה, נאציאָנאַליזירן די אינדוסטריע, אויפֿ־שטעלן נאַציאָנאַלע פֿאַבריקן און איבערגעבן זיי אין אַרענדע פֿון ארבעטער־גרופּן, אונטער דער קאָנטראָל פֿון די נאציאָנאַלע אינסטאַנצן. מיר רופֿן נישט צו א סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע, נאָר צו אַ סאָציאַלער שאַפֿונג".*

* ילקוט „אחדות העבודה", באַנד 2, תרצ"ב.

די קיבוצישעווירטשאַפט איז געוואָרן מיט דער צייט אַן אָנערקענטע פאָרם פון א סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, געבויט אויף אייגענער ארבעט און אויף דער־מאָקראַטישן סאָציאַליזם. עס איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש און אינטערעסאַנט, אַז דעם פוילישן סטודענטן־אָרגאַן „פּאָ פּראָסטו“, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין יאָר 1957, ביי א שטורמישן פּראָטעסט מצד די סטודענטן, האָט מען צווישן אנדערע חטאים אינקרימינירט אויך דעם „חטא“, וואָס ער האָט „באַצייכנט די קיבוצים אלס די העכסטע פאָרם פון סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג, צו וועלכער די מענטשהייט איז דערגאַנגען“.

פאַקטן און ציפערן

די ארבעטער־קאָלאָניזאַציע איז דער רוקנביין פון דער ארבעטער־ווירט־שאַפט אין לאַנד און זי מאַכט אויס 70% פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט. אויך די ווערט פון איר פּראָדוקציע מאַכט אויס 70% פון ווערט פון דער גאַנצער יידישער לאַנדווירטשאַפט. די ארבעטער־קאָלאָניזאַציע איז אַן ערשטראַנגיקער פאַקטאָר ביים אויפנעמען און פאַרוואָרצלען די נייע עליה. זי איז אויך די שוץ־וואַנט פון דער מדינה.

אזוי זעט אויס דער אויסערגעוויינלעכער אויפטו פונעם יידישן ארבעטער־קלאַס אין לאַנד און אויפן לאַנד. ער, דער ארבעטער־כלל און זיין הסתדרות, האָבן עס אויסגעפורעמט די באַדינגונגען פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה, און אַ לאַנגע צייט איז דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעטער געווען דער הויפּט־טרעגער און דער העגעמאָן פונעם קלאַסן־קאַמף אין לאַנד

הקיבוץ המאוחד — דער פאַראייניקטער קיבוץ

י״א אלול תר״פ איז געגרינדעט געוואָרן דער באַרימטער „גדוד העבודה“ (ארבעטס־לעגיאָן) אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל „אויפצובויען דאָס לאַנד דורך שאַפן די אלגעמיינע קאָמונע פון די יידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל“. דאָס איז געווען די גרעסטע לאַנד־קאָמונע, וואָס איז אַמאָל אויפגעקומען.



גרובן־אַרבעטער אין נגב

יובל גד — רערן־פאַבריק אין מגדל אשקלון



לאַנדווירטשאַפט

„המשביר המרכזי“ (צענטראַלער קנאָסום־פאַרבאַנד) — אַ פיליע אין אַן אַראַביש דאָרף

אין יאָר 1921 האָט זיך אָנגעהויבן די אויסלייזונג פון עמק יזרעאל דורך קרן קימת. שלמה לביא האָט געוואָרפן דעם געדאַנק פון אויפשטעלן א גרויסע ספּעציעלע קבוצה, וואָס זאָל איבערנעמען די ארבעט און באַזעצן זיך אין עמק. אין זעלבן יאָר טאַקע איז אַ קבוצה פון גדוד העבודה אַריבער קיין עמק מיטן ציל אויפצושטעלן א ווירטשאַפט ביים קוואַל עין חרוד.

היות ווי דער גדוד האָט געפירט א צענטראַלע קאַסע פאַר אלע זיינע אָפּטיילונגען, האָט די עין־חרוד־גרופּע פאַרלאַנגט פאַר זיך פולע אויטאָנאָמיע. די אָנפירונג פון גדוד האָט נישט אָנגענומען די פאָדערונג און דאַן איז אין דער קבוצה אין יאָר 1923, פאָרגעקומען א שפּאַלטונג. די, וועלכע זענען געבליבן געטריי דעם גדוד האָבן זיך קאָנצענטרירט אין תל יוסף און די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטיילט פון גדוד האָבן זיך קאָנצענטרירט אין עין חרוד.

שפּעטער האָט זיך די גרופּע עין חרוד פאַראייניקט מיט „חברת העמק" און אזוי איז פאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פון קיבוץ עין חרוד, וואָס האָט געציילט 215 חברים. אין יאָר 1927, אויפן ראַט אין פתח תקוה, איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון עין חרוד מיט אנדערע קיבוצים: יגור, אילת השחר, גשר, קיבוץ השומר הצעיר פון ס.ס.ס.ר., „הכובש" און פאַרשידענע גדוד־אָפּטיילונגען אין די שטעט. אזוי איז אויפגעקומען דער „קיבוץ המאוחד", וואָס האָט פאָרמולירט זיין פּראָגראַם אין דריי הויפּט־פּונקטן:

„בשותפותדיקע קאָלאָניזאַציע פון אלע זיינע חברים אין גרויסע און אָפענע קאָמונעס";

„די ווירטשאַפטן פון קיבוץ געהערן דער „חברת עובדים" און זיי נעמען אויף זיך די פּערמאַנענטע קאָנטראָל און די פּאַקטישע דיסציפּלין פון די אויטאָריטעטע הסתדרות־אינסטאַנצן";

„דער קיבוץ זעט אין דער הסתדרות די העכסטע קלאַסן־אינסטאַנץ פון די יידישע ארבעטער".

דער רוב פון די ישובים פון קיבוץ המאוחד ליגט אויף די גרענעצן: ביי לבנון, סיריע, ביי די בערג פון חברון, אין עזה־פּאַס, אין דרום־נגב און אילת.

דער צענטראַלער פאָנד („קרן הקיבוץ״)

דער פאָנד האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן ווי אַ פינאַנסיעלער אינסטרומענט אין יאנואר 1944. במשך פון יאָרן האָט זיך אָנגעזאמלט א גאנץ ערנסטער קאַפיטאל, הן דורך די רעגולערע שטייערן, הן דורך ספעציעלע אונטערנעמונגען. דער פאָנד העלפט ארויס די יונגע קיבוצים דורך הלוואות, ערבות, הן פאר זייערע ערשטע הצטרכותן, הן אויף איינצופונדעווען זיך אין דער ווירטשאַפט, אין די פארשידענע שטחים.

די געזעלשאַפט „משק הקיבוץ המאוחד״

די דאָזיקע געזעלשאפט איז רעגיסטרירט ווי א יורידישע קערפערשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַזאָרגן די קיבוצים מיט באַקליידונג און שיך, מיט קיך־געשיר און רעזערוו־טיילן, מיט לאנדווירטשאַפטלעכע מעכאניזאציע און בוי־מאַטעריאַלן, פאַרזיכערונג א.א.וו.

מפעל הבניה (דאָס בוי־ווערק)

איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1949. דאָס איז דער בוי־אַפּאַראַט פון קיבוץ, וואָס ארבעט אין אלע ישובים מיט אייגענע אינזשיניערן, טעכניקער און פונקציאָנאַרן. צווי ספעציעלע הויפּט־ביוראָען זענען פאַראַן אין תל־אביב און אין חיפה.

דער באַזאָרגונגס־פונקט

פון „הקיבוץ המאוחד״ באַדינט אלע ישובים פון קיבוץ מיט ביכער און צייטונגען. אין תל־אביב איז דאָ א ספעציעל געשעפט, אָפן פאר יעדערן, ווו מען קאָן באַקומען ביכער, צייטונגען, שפילצייג פאר קינדער, מכשירים פאר שולן און קינדער־גערטנער.

אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען

אין די ישובים פון „קיבוץ המאוחד" זענען פאַראַן פאַרשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון כלערליי בראַנזשעס: מעטאַל, האָלץ, שפּייז־אַרטיקלען, בוי־מאַטעריאַלן א.א.וו. איבער 30% פון די הכנסות קומען פון אָט די אונטערנעמונגען. מען דאַרף ספּעציעל פאַרצייכענען די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און רעזערוו־טיילן, וואָס דער קיבוץ פּראָדוצירט.

צוזאמען מיט אנדערע ווירטשאַפטן האָט דער קיבוץ אויפגעשטעלט די גיפּס־פּראָדוקציע אין „גשר", וואָס באַזאָרגט די קעראַמישע אינדוסטריע, די בוי־אינדוסטריע מיט געברענטן גיפּס. דער קיבוץ פאַרמאָגט אויך אַן אונטערנעמונג פון אויסגעטריקנטן און צעמאָלענעם קרייד, וואָס איז א נייטיקער באַשטאַנדטייל פאַר דער מינעראַלן־פּראָדוקציע. אין „כיסופים" איז דאָ אַן אינדוסטריעלע אונטערנע־מונג „מיסבים", וואָס שאַפט טיילן (מיסבים) פאַר מאַשינען; אין גבר־עם איז דאָ אַ זייף־פאַבריק „צבר".

די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע ברייטערט אויס און פאַרפעסטיקט באַדיי־טנדיק די ווירטשאַפטלעכע באַזע פון די קיבוצים.

קולטור און דערציונג

דער סעמינאר אין „אפעל" דינט ווי א מין גייסטיקער צענטער פאר דער צענטראַלער קולטור־ארבעט פון „הקיבוץ המאוחד". דאָ קומען פאָר כסדר פארשי־דענע סעמינארן און קורסן און כמעט שטענדיק געפינען זיך דאָ 150—100 תלמידים־חברים און חברטעס, וועלכע שטודירן פלייסיק די אָדער יענע צווייגן פון קולטור און ווירטשאַפט.

אַ סעמינאַר פאַר אָרגאַניזאַטאָריש־ווירטשאַפטלעכע פראַגן

אַזאַ סעמינאר קומט פאָר יעדעס יאָר אין עין חרוד. דער קורס איז אויס־גערעכנט אויף 8 חדשים. אין דורכשניט באַטייליקן זיך אין קורס אַרום 50 חברים און חברטעס.

דער הויכער לאַנדווירטשאַפטלעכער קורס אין רחובות

דער „הקיבוץ המאוחד״ האלט אויס אַ צוויייאָריקן קורס פאַר הויכער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג. לויטן פאַרנעם און שטודיר מאַטעריאַל איז עס א קורס פון אן אוניוועוזיטעט־מדרגה.

אַ הויכער קורס פאַר סאָציאַלע שטודיעס אין „אפעל״

דאָס לערן־פּראָגראַם איז אויסגערעכנט אויף 2 יאָר און נעמט ארום אַ ברייטן קאָמפּלעקס פראַגן פון סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע, ציוניזם, אלגעמיינע און יידישע ארבעטער־באַוועגונג, סאָציאַליזם און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען.

פאַרלאַג־ און פּעריאָדישע אויסגאַבן

„הקיבוץ המאוחד״ פארמאָגט א גאַר־ערנסטן פארלאג, וואָס האָט שוין ארויסגעגעבן הונדערטער ביכער. באַזונדערס — וויסנשאַפטלעכע און טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען. די זשורנאַליסטישע טעטיקייט פון קיבוץ שליסט איין: דעם וואָכנזשורנאַל „בקיבוץ״, דעם „מבפנים״ — א סאָלידע אויסגאַבע, וואָס דערשיינט יעדע 3 חדשים, „העפטן איבער דערציונגס־פּראָבלעמען״, „יחדיו״ („צוזאַמען״), „נעורים״ (יוגנט), אויסגאַבן פון די יוגנט־סעקציעס — מענער און פרויען א.א.וו.

די קיבוצישע יוגנט־באַוועגונג

איז קאָנצענטרירט אין „דרור״, אין „דרור באַראָכאָוו״ און „החלוץ הצעיר״. אין אויסלאַנד זענען דאָ הכשרה־קיבוצים פון דער יוגנט, וועלכע בילדן דעם רע־זערוו פאַר די קיבוצים אין לאַנד.

די ישובים פון „קיבוץ המאוחד״

אלונים, אפק, אשדות יעקב, אילת, בארי, בית אורן, בית גוברין; בית השטה, בית קשת, גבעת ברנר, גבעת השלושה, גבעת חיים, גבר־עם, גבת, גדות;

גליל ים, גינוסר, גשר, דפנה, הגושרים, החותרים, חולתא, חקוק, חפצי־בה, יגור, יד חנה, יראון, כברי, כיסופים, כפר סולד, לוחמי הגיטאות, מחניים, מלכיה, מנרה, מעגן מיכאל, משאבי שדה, משגב עם, משמר הנגב, נוה אור, נחשולים, נען, נתיב הל״ה, עין חרוד, פלמחים, פרוד, צובה, קדמה, קציעות, רביבים, רמת הכובש, רעים, שדה נחום, שחריה, שפיים. — בסך־הכל 53 קיבוצישע ישובים, פונאַנדער־געוואָרפן איבערן גאנצן לאנד, פון אילת ביז צו די סאמע צפון־גרענעצן.

הקיבוץ הארצי „השומר הצעיר״ — דער לאַנד־קיבוץ „השומר הצעיר״

אין אַפּריל 1927 האָבן זיך פאַראייניקט די קיבוצים פון „השומר הצעיר״ אין לאנד און די יוגנט־גרופּן פון „השומר הצעיר״ אין דער וועלט און געשאפן די איינהייטלעכע ראם — דעם „הקיבוץ הארצי״.

אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן די אידעאָ־לאָגישע יסודות פון „הקיבוץ הארצי השומר הצעיר״, וואָס זעט אין קיבוץ:

1. די חלוצישע קעמערלעך פון דער נייער געזעלשאפט;
2. דעם אינסטרומענט פון יידישן ארבעטער־קלאס פאר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט;
3. דעם אויפנעם־פּלאַץ פאר דער ארבעטער־עליה;
4. דעם המשך פון פּראָלעטאַרישן קלאסן־קאמף.

„הקיבוץ הארצי״ האָט געלייגט דעם טראָפּ בעיקר אויף דער געזעלשאַפט־לעכער הכשרה און אויף דער אינדיווידועלער חלוצישער דערציונג אין דער יוגנט־באוועגונג „השומר הצעיר״ אין גלות און פרעציז פאָרמולירט זיין אידעישן און אָרגאַניזאטאָרישן וועג:

א. אָנפירן מיט דער בשותפותדיקער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט פון די קיבוצים אין דער הסתדרות און אין דער פראָפעסיאָ־נעלער באַוועגונג.

ב. שאַפן דעם אָרגאַנישן בונד צווישן הקיבוץ הארצי און דער וועלט־

אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר" און מיט אַנדערע אידעיש־נאָענטע באַ־וועגונגען, כדי צוזאַמען באַהאַנדלען און קלאָר מאַכן אַלע אידעאָלאָגישע און דערציִונגס־פראַגן; אויפנעמען די קיבוצישע עליה און העלפן איינאָרדענען זי ביי דער אַרבעט; באַטייליקן די שליחים פון „הקיבוץ הארצי" אין דער אַרבעט פון דער „השומר הצעיר"־אָרגאַניזאַציע און אַנדערע נאָענטע באַוועגונגען.

ג. צוזאַמען אָנפירן מיט דער קולטור־אַרבעט, שאַפן דערציִונגס־אַנשטאַלטן, זאָרגן וועגן ליטעראַרישע אויסגאַבן א.א.וו.

ד. רעאַליזירן שטופנווייז די יסודות פאַר קעגנזייטיקער הילף און פאַר איינשטעלן גלייכהייט צווישן די קיבוצים לויט די באַשלוסן פון די באַרופענע אינסטאַנצן אין „הקיבוץ הארצי" בתנאי, עס זאָל אָפּגעהיט ווערן דיווירטשאַפטלעכע אויטאָנאָמיע פון יעדן קיבוץ.

ה. צוזאַמען זאָרגן פאַר אויסגעפינען אַרבעט און פאַר נייער קאָלאָניזאַציע, שאַפן געמיינזאַמע קאָלאָניזאַציע־ווערק אויף דער באַזע פון טעריטאָ־ריאַלער קאָנצענטראַציע פון די קיבוצים אין „הקיבוץ הארצי".

אָבער נישט בלויז ווירטשאַפטלעכע, נאָר אויך פּאָליטישע פונקציעס האָט אויף זיך גענומען דער „הקיבוץ הארצי", וואָס האָט נאָך גלייך ביי זיין גרינדונג דערקלערט, אַז ער באַטראַכט זיך „ווי א זעלבשטענדיקע פּאָליטישע ריכטונג אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג", געבויט אויף „אידעישן קאָלעק־טיוויזם".

אויך דער „הקיבוץ הארצי" שטרייכט אונטער, אַז „דער אַנטייל פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין די היסטאָרישע אויפגאַבן פון בנין הארץ און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס איז מחויב צו פּאַרפעסטיקן די הסתדרות".

אַ ריי קיבוצים פון „הקיבוץ הארצי" האָבן געוויזן גאָר הויכע דערגריי־כונגען אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט, ווי למשל: גן שמואל, עין שמר, מרחביה, וואָס זענען פּרעמירט געוואָרן דורך דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן מיניסטעריום פאַר רעקאָרד־גערעטענישן פון זומער־תבואה, מיט און אָן באַוואַסערונג.

האַנטווערקעריי און אינדוסטריע

אויך „הקיבוץ הארצי„ האָט אַ סך אויפגעטאָן אויפן געביט פון צונויפבינדן לאַנדווירטשאַפט מיט אינדוסטריע. די גרעסטע דריי אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען: נעמן, גלעם און אסקר געהערן אָבער נישט צו דעם אָדער יענעם קיבוץ, נאָר צום „הקיבוץ הארצי״ אַלס כלל.

נ ע מ ן. אַ ציגל־פאַבריק, פּראָדוצירט ספּעציעלע צעמענט־ציגל, וואָס קאָנען אויסהאַלטן הויכע טעמפּעראַטורן. די פאַבריק ארבעט אויך אויס קעראַמיק — קיך־געשיר און כלים פאַרן טיש.

ג ל ־ ע ם. א פאַבריק פאַר פּראָדוקציע פון גלוקאָזע און קראָכמאַל.

א ס ק ר. איינע פון די גרעסטע פאַבריקן אין דער כעמישער אינדוסטריע פון ישראל און פון נאָענטן מזרח. די פאַבריק האָט 3 אָפּטיילונגען: 1. אַספאַלט־פּראָדוקציע; 2. אייל־ראַפינעריע; 3. פאַרבן־פּראָדוקציע.

עס איז כדאי אויך צו דערמאָנען „לשת״ — א פאַבריק פאַר אויסאַרבעטן לאַנדווירטשאַפטלעכע אפּאַראַטור — אין קיבוץ אילון. אין קיבוץ „עוגן״ — איינע פון די גרעסטע פאַבריקן פאַר גומי־אויסארבעטונגען; „ארד״ אין קיבוץ דליה — אַן אונטערנעמונג פאַר פּרעציזער מעכאַניק.

בדרך־כלל באַשעפטיקט „הקיבוץ הארצי״ ביי 20—23% פון די חברים אין זיינע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען.

די אָנפירונג מיט דער גאנצער אינדוסטריעלער נעץ און האַנטווערקעריי ליגט אין די הענט פון „תכן״ — אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט ביים „הקיבוץ הארצי״. „תכן״ פּלאַנירט, פינאַנסירט, אינסטרוּירט טעכניש, באַזאָרגט דעם נייטיקן רוי־שטאָף און זאָרגט פאַרן אָפּזאַץ־מאַרק פון דער פּראָדוקציע אין לאַנד און אין אויס־לאַנד. אין די אונטערנעמונגען פון „תכן״ זענען אינוועסטירט געוואָרן איבער צוויי מיליאָן פונט און דער ווערט פון דער פּראָדוקציע מאַכט אויס כמעט אַ דריטל פון דעם גאנצן אומזאַץ אין אַלע ווירטשאַפטן פון „הקיבוץ הארצי״.

„קרן השומר הצעיר״

איז דער צענטראַלער פינאַנסיעלער אינסטרומענט פון „הקיבוץ הארצי״.

„הקיבוץ הארצי״ פאַרמאָגט א טעכנישע סעקציע, וואָס פּלאַנירט דעם בוי פון די קיבוצים און א בוי־סעקציע, וואָס פירט אויס די גאַנצע בוי־אַרבעט אין די קיבוצים.

אויפן געביט פון קולטור און דערציונג

דאַרף אויפן ערשטן אָרט פאַרצייכנט ווערן דער סעמינאַר אין גבעת חביבה, ווו עס קומען פאָר סיסטעמאַטיש און פּערמאַנענט כלערליי קורסן און ספּעציעלע סעמינאַרן. אין גבעת חביבה דערגענצן זייער דערציונג און שטודיעס די תלמידים, וועלכע האָבן געענדיקט די 12 קלאַסן פון שול. אויך די דערציונגס־באַוועגונג פון „השומר הצעיר״ האלט אָפּ אירע סעמינאַרן אין גבעת חביבה.

„ספרית הפועלים״ — איז דער „אַרבעטער־פאַרלאַג״ פון „הקיבוץ הארצי״, וואָס האָט שוין ארויסגעגעבן הונדערטער ביכער — אָריגינעלע און איבערגעזעצטע. דער פאַרלאַג פאַרמאָגט טויזנטער אבאָנענטן אין שטאָט און אין דאָרף.

אין די ראמען פון „הקיבוץ הארצי״ האָבן זיך אָרגאניזירט מאָלער, סקולפּ־טאָרן, שרייבער, רעזשיסערן, אַקטיאָרן, מוזיקער און פילם־אַרבעטער — חברים פון קיבוץ.

„הקיבוץ הארצי״ פאַרמאָגט אויך א בשותפותדיקן אַנשטאלט מיטן „הקיבוץ המאוחד״ — דעם „סעמינאר פון די קיבוצים״ אין תל־אביב און אורנים, וואָס גרייט לערער, פּרעבליסטינס און קינדער־פלעגערינס. דער סעמינאר שטייט אויף אַ גאָר הויכן פּעדאַגאָגישן ניוואָ.

פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער האַלט אויס „הקיבוץ הארצי״ אַ ספּעציעלן לערן־אנשטאלט „וורדים״.

„השומר הצעיר״ — די יוגנט־באַוועגונג

איז פאַרשפּרייט אין גאָר דער וועלט און דינט ווי אַ רעזערוואר פאַרן „הקיבוץ הארצי״ אויף צו שטאַרקן און אויסברייטערן אים.

די ישובים פון „הקיבוץ האַרצי״

זענען: אדמית, אילון, בית אלפא, בית זרע, בית ניר, בית קמה, ברעם,

ברקאי, גבולות, גבעת עוז, גזית, גל־און, גן שמואל, געש, געתון גת, דביר, דליה, דן, הזורע, המעפיל, העוגן, הראל, זיקים, חצור, יד מרדכי, יחי־עם, יסעור, יקום, כפר מנחם, כפר מסריק, כרמיה, להב, להבות הבשן, להבות חביבה, מגידו, מגן, מזרע, מסילות, מעברות, מענית, מצר, מרחביה, משמר העמק, נגבה, נחשון, נחשונים, ניר דוד, ניר יצחק, נירים, ניר עוז, סאסא, סער, עברון, עין דור, עין החורש, עין המפרץ, עין השופט, עין שמר, עמיר, רבדים, רוחמה, רמות מנשה, רמת השופט, רשפים, שובל, שמיר, שדה יואב, שדמות שיזף, שמרת, שער הגולן, שער העמקים, שריד.

איחוד הקבוצות והקיבוצים — די פאַראייניקונג פון די קבוצות און קיבוצים

דעם יסוד פאַר אָט דער קיבוצישער באַוועגונג האָט געלייגט „חבר הקבוצות", וואָס איז נאָך אויפגעקומען אין יאָר 1924, ווי אַ פאַראייניקונג הויפטזעכלעך פון „הפועל־הצעיר"־ווירטשאַפטן. אמת, אין זיין ערשטן גלגול, אויף דער קאָנפערענץ אין בית אלפא האָט „חבר הקבוצות" פרובירט פאַראייניקן קבוצות פון אַלע שאַטי־רונגען. אָבער שוין אין 1927 האָט זיך די קיבוצישע באַוועגונג קלאָר דיפערענצירט און ס'איז געשאַפן געוואָרן: חבר הקבוצות, הקיבוץ המאוחד און הקיבוץ הארצי. אין אויסלאַנד האָט „חבר הקבוצות" געהאַט אן אייגענע יוגנט־באַוועגונג „גורדוניה", וואָס האָט געקרעפטיקט „חבר הקבוצות" מיט א יוגנט־עליה.

אין יאָר 1951, נאָך דער שפּאַלטונג אין „הקיבוץ המאוחד", איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון חבר הקבוצות מיט איחוד הקיבוצים — מיט די ווירטשאַפטן פון מפא"י אין „הקיבוץ המאוחד". אויף דער קאָנפערענץ אין כנרת, אין יאָר 1951, איז געגרינדעט געוואָרן די נייע ראַם: „איחוד הקבוצות והקיבוצים".

די גרונט־יסודות פון דער נייער פאַראייניקונג זענען פאָרמולירט אַזוי:

ליקווידירן יעדע פאָרם פון אונטערדריקונג — געזעלשאַפטלעכע, נאַציאָ־נאַלע, רעליגיעזע אָדער פון געשלעכט.

אויספורעמען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס פאַרזיכערט די פריי־הייט פון מענטשן און וואַרפט אָפּ דעם טאָטאַליטאַריזם אין זיינע אַלע אַנטפּלע־קונגען.

דער מהות פון דער קבוצה מיינט: בילדן לכתחילה אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, באַזירט אויף אייגענער פּראַצע, אויף דעם גלייכן ווערט פון יעדן מענטש, אויף קאָלעקטיוון אייגנטום. ארבעט, פּראָדוקציע און פאַרקויף, אויף דעם פּרינציפּ: „פון יעדן לויט זיינע מעגלעכקייטן, יעדן לויט זיינע באַדערפעניש".

די אינדוסטריע

אינעם באַריכט, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון „איחוד הקבוצות והקיבוצים" (אין קיבוץ אפיקים, אין יאָר 1953), איז אונטער־געשטראָכן געוואָרן, אז דער „איחוד" פאַרמאָגט די גרעסטע קיבוצישע אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען. די פאבריק „קלט" אין אפיקים און „תעל" אין משמרות, וואָס ארבעטן אויס 85% פון דער דיקטן־פּראָדוקציע אין לאנד. די פאבריק „ספן" — די איינציקע אין לאנד, וואָס ארבעט אויס צעלאטעקס און מאזאניט — איז אַ בשותפותדיקע אונטערנעמונג פון 5 קיבוצים אין „איחוד" (אפיקים—אשדות—דגניה א'—דגניה ב'—כנרת) און קיבוץ מזרע פון „השומר הצעיר". „ספן" איז, אגב, איינע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין לאנד, מיט אַן אינוועסטיציע פון 2 מיליאָן דאָלאר און צוויי מיליאָן ישראל־פונטן.

די פאבריקן פון פרוכט־זאַפט און קאָנסערוון זענען פאַרבליבן בשותפותדיקע אונטערנעמונגען פון „איחוד" און „הקיבוץ המאוחד". אין דורות און כפר הנשיא זענען דאָ וויכטיקע גיסערייען פון וואַסער־אינסטאלאציע־אפּאַראטור. דער „איחוד" איז אויך אַ שיתוף צום מלוכהשן טראַנספּאָרט, וואָס ליפערט די פאָספאטן פון נגב און די פּראָדוקציע פון ים המלח.

„ייצור ופיתוח"

איינע פון די אינטערעסאנטע אונטערנעמונגען, וואָס דער „איחוד" האָט אויפגעשטעלט, איז די „חברה לייצור ופיתוח" (די געזעלשאפט פאַר פּראָדוצירן און אַנטוויקלען). מיטן אויפקום פון דער מדינה און פון גרויסן עליה־שטראָם, איז אויסגעוואַקסן די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו פאַרסירן די אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאַפט און וואָס שנעלער געווען שפּייז. דאָס האָט באַוויגן דעם „איחוד" צו באַשליסן:

א. אַז די אַלע באָדנס, וואָס די ווירטשאַפטן פון „איחוד" קאָנען נישט באַ־ארבעטן מיט אייגענער ארבעטס־קראַפט און אייגענע כלים — הגם ס'איז דורכאויס נייטיק זיי צו באַארבעטן אינטענסיוו, כדי צו פאַר־גרעסערן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע — זאָל מען אָט די באָדנס איבערגעבן אין רשות פון דער גאַנצער „איחוד"־באַוועגונג, וואָס וועט אויפשטעלן אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפט פאַר אָט דעם ציל.

ב. די „איחוד"־באַוועגונג איז שטאַרק באַזאָרגט און באַאומרויקט דערפון, וואָס די לוין־ארבעט פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער אין די ווירטשאַפטן און טרעפט דערמיט שווער אין עצם וועזן פון קיבוץ. עס מוזן אויסגעפינען ווערן מיטלען צו צוימען דעם ווייטערדיקן דראַנג פון דער לוין־ארבעט און גלייכצייטיק זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָל נישט ליידן דער פּראָדוקציע־גאַנג.

ג. מען מוז גלייכצייטיק אויסשעפּן די שוין פאַראַנענע לוין־אַרבעט אין די קיבוצים.

אָט דאָס זענען געווען די דריי הויפּט־פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַוויגן דעם „איחוד" צו שאַפן די „חברה לייצור ופיתוח". דריי שותפים האָבן געשאַפן די געזעלשאַפט: דער „איחוד", די יידישע אַגענץ און די „חברת עובדים" פון הסתדרות — אַלע מיט גלייכע רעכט און גלייכער פאַרטרעטערשאַפט אין דער אָנפירונג פון דער געזעלשאַפט. יעדע ווירטשאַפט פון „איחוד", וואָס פאַרבינדט זיך מיט דער געזעלשאַפט, שטעלט אין איר רשות אַ שטח באָדן, אַ כמות פון וואַסער און אַ באַ־שטימטע צאָל מענטשן, חברים פון קיבוץ, צו באַארבעטן דעם שטח, און אויך אַ טייל פון די נייטיקע ארבעטס־געצייג. די געזעלשאַפט פון איר זייט שטעלט צו די איבעריקע ארבעטס־קראַפט און די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, וואָס פעלן אויס. די געזעלשאַפט צאָלט אויס דעם קיבוץ דעם ארבעטס־לוין פאַר דער אינ־וועסטירטער ארבעט פון זיינע חברים און אויך פאַר באַנוצן די ארבעטס־געצייג פון קיבוץ.

קורץ: דער קיבוץ הערט אויף צו זיין אַן ארבעטס־געבער, וואָס באַשעפ־טיקט לוין־ארבעטער. פאַרקערט, ער פירט אויס ארבעטן פון דער געזעלשאַפט

און באַקומט אַן עקוויוואַלענט פאַר דער ארבעט. די געזעלשאַפט „ייצור ופיתוח" האָט אויך אויפגעשטעלט לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמעס אין עמק בית שאן און אין דרום פון לאַנד.

דער פאָנד פון „איחוד"

ווי אַלע קיבוצישע באַוועגונגען פאַרמאָגט אויך דער „איחוד" אַ צענטראַלן פינאַנסיעלן אינסטרומענט — דעם פאָנד פון „איחוד". ביים צענטראַלן פאָנד פונקציאָנירן א ריי ספּעציעלע פאָנדן: פאַר די קיכן, פאַר העלפן קרובים, פאַר היגיענע און געזונטהייט, פאַר קולטור און דערציונג, פאַר אינדוסטריעלער איניציאַטיוו און חובות־קאָנסאָלידאַציע. אַן איינקויף־צענטראַלע „משקי האיחוד" באַזאָרגט דאָס נייטיקע פאַר די קיבוצים; די בוי־אָפּטיילונג ווערט געפירט בשותפות מיט „סולל בונה".

קולטור און דערציונג

אין צופית, אין בית ברל, איז פאַראַן א לערער־סעמינאַר, וואָס גרייט לערער פאַר שולן און קינדערגערטנער.

ס׳זענען אויך דאָ קורצטערמיניקע סעמינאַרן פאַר חברים פון פאַרשידענע קיבוצים. ביי פתח תקוה איז פאַראַן א ספּעציעלע שול פאַר אָפּגעשטאַנענע און דעפעקטיווע קינדער.

פּרעסע

דער „איחוד" גיט ארויס „אגרת לחברים" (אַ וואָכנשריפט); „ניבים" (אַ חודש־זשורנאַל פאַר יוגנט); „ניב הקבוצה" — אַ פּערטליאָריקע אויסגאַבע.

די ווירטשאַפטן זענען:

אבן יצחק, אורים, אילת השחר, אלומות, אפיקים, ארז, אשדות יעקב, בית העמק, בית קציר, ברור חיל, גבים, גבע, גבעות זייד, גבעת חיים, גונן, גלעד, גניגר, גשר הזיו, דברת, דגניה א׳ דגניה ב׳, דורות, האון, הדסה־גזר, הסוללים, חולדה, חמדיה, חניתה, חצרים, יזרעאל, יטבתה, יפעת, יפתח, כנרת, כפר בלום,

כפר גליקסון, כפר גלעדי, כפר החורש, כפר המכבי, כפר הנשיא, כפר עזה, כפר רופין, מגל, מסדה, מעגן, מעין ברוך, מעין צבי, מעלה החמישה, מפלסים, מצובה, משמר דוד, משמר השרון, משמרות, נאות מרדכי, נוה איתן, נוה ים, נחלת עוז, ניצנים ניר אליהו, ניר־עם, נצר סירני, עין גב, עין גדי, עין השלושה, עין חרוד, עינת, עמיעד, צאלים, צרעה, קרית ענבים, ראש הנקרה, רמת דוד, רמת יוחנן, רמת רחל, שדה נחמיה, שילר, תל יוסף, תל יצחק, תלמי יפה.

מושבי עובדים — אַרבעטער־קאָלאָניעס

פאראלעל מיט דער קיבוצישער לאנדווירטשאפט האָט זיך נאָך ביים אָנהייב פון דער ארבעטער־קאָלאָניזאציע אנטוויקלט א צווייטע פאָרם: די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאפט פון זעלבשטענדיקע לאנדווירטן (מושבי עובדים). די ערשטע וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק פון מושבי עובדים זענען געווען בערל כצנלסון, יצחק ווילקאָנסקי און אליעזר יפה.

נאָך אין יאָר 1913, אויף דער דריטער קאָנפערענץ פון דער לאנדווירט־שאַפטלעכער הסתדרות אין יהודה, האָט בערל קצנלסון אָנגעוויזן אין זיין רעפע־ראַט, אז מושב העובדים דאַרף אָנערקענט ווערן ווי א שיטה אין דער קאָלאָני־זאציע. די יסודות פון מושב העובדים זענען: אייגענע ארבעט, דער אויסוואַל פון חברים, קעגנזייטיקע אחריות און לעבנסלענגלעכע אַרענדע פונעם נאַציאָנאלן באָדן... רעכט פון ירושה, אויב די קינדער באארבעטן דעם באָדן, אָבער קיין שום רעכט צו פארקויפן אָדער שפעקולירן מיט אים... אָן די דאָזיקע יסודות האָט דער מושב העובדים קיין זכות הקיום נישט".

יצחק ווילקאנסקי (מ. ציוני), א הייסער אָנהענגער פון מושבי עובדים האָט אין יאָר 1914 פאַרעפנטלעכט אין „הפועל הצעיר" אַן ארטיקל, ווו ער האָט אָנגעג־צייכנט די גענוי־דעטאַליזירטע פאָרם פון אָט דער קאָלאָניזאציע־שיטה. ווילקאנסקי האַלט „אז דער שטח באָדן טאָר נישט זיין גרעסער, ווי עס קאָן אים באַאַרבעטן די משפחה במשך א גאנץ יאָר"; דער באָדן געהערט נישט דעם פּרט, נאָר דעם קרן קימת. „די קאָלאָניסטן זענען נישט מער ווי פּאַכטערס פון באָדן; דאָר רעכט אויף פּאַכט גייט איבער בירושה, אויב די יורשים באַאַרבעטן דעם באָדן; אויב

דער פּאַכטער פּארלאָזט זיין נחלה, גייט זי אריבער אין רשות פון דעם גאנצן מושב און דער מושבניק באַקומט א באַשטימטע קאָמפּענסאציע־סומע פאַר דער ארבעט, וואָס ער האָט אינוועסטירט אין באָדן און אים אויסגעברייטערט.״

אליעזר יפה האָט סומירט און אויסגעברייטערט די הנחות פון בערל כצנלסון און יצחק ווילקאָנסקי אין זיין בראָשור „יסוד מושבי עובדים״.

די ערשטע מושבי עובדים

אין יאָר תרע״ט האָבן צוויי גרופּן — איינע פון „הפועל הצעיר״ און איינע פון „אחדות העבודה״ — זיך פּאַראייניקט און געלייגט דעם יסוד פאַר כפר יחזקאל. אין אלול תרפ״א איז געגרינדעט געוואָרן נהלל. שפּעטער זענען צוגעקומען: תל עדשים, עין חי, כרכור, נחלת יהודה, עטרות.

אַזוי ארום איז אין יאָר 1930 געשאפן געוואָרן די לאנד־באוועגונג פון די מושבים (תנועת המושבים).

די קאָנסטיטוציע פון תנועת המושבים

אין יאָר 1951, אויף דער 8־טער קאָנפערענץ פון תנועת המושבים זענען באַשטעטיקט געוואָרן די גרונט־פּרינציפּן פון מושב: נאַציאָנאַלער באָדן, אייגענע אַרבעט, קעגנזייטיקע הילף, קאָאָפּעראַטיווער איינקויף און פאַרקויף דורך די אנט־שפּרעכנדיקע אינסטאַנצן פון חברת העובדים.

אין מושב עובדים ווערן אויפגענומען אַלס חברים בלויז די, וועלכע זענען מיטגלידער אין הסתדרות און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס רעכט אויף אַ נחלה אין מושב עובדים האָט מען נאָר דאַן, אויב מען באַאַרבעט סיסטע־מאַטיש אליין דעם באָדן; בלויז אין אויסנאַם־פאַלן קאָן דער וועד המושב דערלויבן צו באארבעטן דעם באָדן מיט דער הילף פון לוין־ארבעטער; דער מושב אַלס א גאנצער באקומט אין ארענדע דעם באָדן פון קרן קימת און גיט עס איבער יעדן חבר אין פּאַכט; א חבר אין מושב טאָר נישט אָננעמען קיין שום זייטיקע ארבעט אחוץ דעם מושב, סיידן ער האָט באַקומען אויף דעם א דערלויבעניש פון וועד המושב; אויב די אינטענסיפיקאַציע פון דערווירטשאַפט דערמעגלעכט אַ קיום

אויף א קלענערן שטח, ווי עס איז פריער באַשטימט געוואָרן, פארקלענערט מען דעם שטח פאַר דער משפחה, כדי צו באַזעצן אַנדערע אויפן באַפרייטן שטח.

ווירטשאפטלעכע אינסטאַנצן פון תנועת המושבים:

א. די ווירטשאַפטס־קאָמיסיע (וועדת המשק): **קאָנצענטרירט און רעגו־לירט אַלע ווירטשאַפטלעכע אקטיוויטעטן פון תנועת המושבים און האלט אָן דעם קאָנטאַקט מיט די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען פון דער מדינה און הסתדרות.**

ב. דער פאָנד פון די מושבים (קרן המושבים): **דער צענטראַלער פינאַנ־סיעלער אָרגאַן פון תנועת המושבים.**

ג. דער פאָנד פון די מושבי עולים — **אַ ספעציעלער פאָנד פאַר העלפן די מושבים פון די נייע עולים. שותפים אין פאָנד זענען: חברת עובדים (די הסתדרות), די יידישע אַגענץ און תנועת המושבים.**

ד. די אסעקוראציע־אָפטיילונג — **באַשעפטיקט זיך מיט אַלע פאָרמען פון אַסעקוראציע פאַר די מושבי עובדים.**

ה. מת״ח (מפעלי תעסוקה חקלאיים) — **אַ ספעציעלע געזעלשאַפט פאַר סטימולירן די אַנטוויקלונג פון די פארשידענע ווירטשאַפט־צווייגן אין די ישובים פון די נייע עולים. די געזעלשאַפט גיט זיך אָפּ בעיקר מיט 4 ארבעטס־שטחים:**

1. **אַנטוויקלען די האַנט־ארבעט, וואָס זאָל געבן באַשעפטיקונג דער פרוי ביי זיך אין דער היים;**

2. **אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן, בעיקר אין די אָפּגעשטאַנענע מושבים.**

3. **אַנטוויקלען דעם צענטראַלן גאראַזש פון די מושבים אין דרום.**

4. **באַטייליקן זיך און אויפשטעלן דאָס פאבריק־ווערק פאַר סע־לעקציאָנירן דעם ביינוול־פאָדעם.**

אינסטרוקטאַזש־ארבעט אין די מושבי עולים

דאָס איז, באמת, אַ פּרעכטיק קאַפּיטל אין די אויפטועו פון תנועת המושבים. הונדערטער חברים, קינדער פון די אלטע מושבניקעס און טיילווייז פון איחוד הקבוצות והקיבוצים, האָבן זיך מיט זייערע משפּחות אַרויסגעלאָזט אין די מושבי עולים, איינגעשפּאַנט זיך אין דער אַרבעט און גענומען לערנען און אינ־סטרוירן די ניי־געקומענע ווי אזוי צו בויען א ווירטשאַפט און פאַרוואַרצלען זיך אין דער ארבעט. איבער 287 אינסטרוקטאָרן האָבן געאַרבעט אין יאָר 1955 אין 41 נייע מושבים.

קולטור־ און דערציונגס־אנשטאַלטן

אין אַלע מושבי עובדים זענען אויפגעשטעלט געוואָרן קלובן, וווּ עס קומען זיך צונויף דערוואַקסענע און יוגנט.

אין נהלל פונקציאָנירט אַ סעמינאַר פאַר דאָרפישע לערער. דער קורס איז אויסגערעכנט אויף א יאָר, — אויף צו פאַרפולקאָמען און דערגענצן די פּעדאַגאָ־גישע ידיעות פון די נישט־דיפּלאָמירטע לערער. די תנועת המושבים האָט איר אייגענע פּרעסע: „תלמים" — אַ צווייוואָכן־זשורנאַל, דער צענטראַלער אָרגאַן פון תנועת המושבים; „מענית" — דער אָרגאַן פון דער יוגנט אין די מושבים; „התלם" — אַ חודש־זשורנאַל מיט נקודות ספּעציעל פאַר נייע עולים.

מושב שיתופי — דער קאָלעקטיווער מושב

אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון לאנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע — אַ מין סינטעז פון מושב און קיבוץ — שטעלט מיט זיך פאָר דער קאָלעקטיווער מושב.

דער ערשטער מושב פון דעם מין איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אין יאָר 1935, אין כפר חטים. דער געדאַנק און דער אויפטו האָט געשלאָגן וואָרצלען באַ־זונדערס נאָכן באַפרייונגס־קריג, ווען א סך פון די באַפרייטע זעלנער זענען אוועק אויפן לאנד און גראַד אויסגעקליבן די פאָרם פון קאָלעקטיוון מושב.

פון קיבוץ האָט דער קאָלעקטיווער מושב איבערגענומען פאָלגנדיקע עלע־מענטן: 1. דאָס אייגנטום־רעכט אויפן גאנצן באָדן געהערט דעם כלל, דעם קאָלעק־



די קאָמבינאַטן „חמת“ — „וולקן“ — „פניציה“





יק אין באר־שבע

פּאָרט־אַרבעטער ביי אויסלאָדונגס־אַרבעט

טיוו פון מושב; 2. אלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט ווערן באַאַרבעט קאָלעקטיוו ווי אין קיבוץ; 3. די הכנסה פון דער גאַנצער ארבעט און פּראָדוקציע איז קאָנצענ־טרירט ביי דעם קאָלעקטיוו. די ארבעטס־איינטיילונג איז פּונקט ווי אין קיבוץ: די חברים ארבעטן אין אלע צווייגן לויטן סדר, וואָס איז באַשטימט פון דער אָנפי־רונג אין מושב.

אַנדערש איז אָבער מיטן פאַרברויך און מיט דער פארטיילונג פון די פאַרדינסטן. דאָ גילט שוין דער אינדיווידועלער פּרינציפּ פון מושב. די הכנסה ווערט פארטיילט צווישן די משפחות לויט א באשטימטן בודזשעט און לויט דער גרויס פון דער משפחה. יעדע משפחה האָט רעכט צו באַנוצן איר הכנסה אַזוי ווי זי האלט פאר נייטיק.

דער קאָלעקטיווער מושב, הייסט עס, איז געבויט אויף בשותפות פּראָדוצירן און אויף פּריוואַטן אייגנטום־רעכט, אויף די פּרוכטן פון דער אַרבעט.

„העובד הציוני״ אין דער לאַנדווירטשאַפט

די לאנדווירטשאַפטלעכע ישובים פון „הנוער הציוני״ זענען אַן אָרגאנישער באַשטאַנדטייל פון דעם „העובד הציוני״, וואָס איז איינגעגלידערט אין דער פּראָ־גרעסיווער פּאַרטיי.

„הנוער הציוני״ פאַרמאָגט 8 קיבוצים: הסוללים, כפר גליקסון, להגשמה, נצנים, עין השלושה, צור־מעון, תלמי יפה און תל יצחק; 10 מושבים: עלה־רש, כפר שמואל, ניר ישראל, פתחיה, בית נחמיה, אחוזם, כפר בן־נון, בית יהושע, יד נתן, שדה עוזיה; 4 קאָלעקטיווע מושבים: מאבק, נוה יער, תימורים, מבקיעים, שורש.

דערציונגס־אַנשטאַלטן

דער „העובד הציוני״ פאַרמאָגט 5 לאַנדווירטשאַפטלעכע דערציונגס־אַנ־שטאַלטן:

1. א. נ. אלוני יצחק ביי כפר גליקסון;
2. אַ פערמע אויפן נאָמען ד״ר ישראל גאָלדשטיין — ירושלים, קטמון;

3. נוה הדסה ביי תל יצחק;
4. כפר הנוער „ניצנים";
5. אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול אין מגדיאל א. נ. פון ד"ר מאַסינזאָן.

דער צענטראַלער פינאַנסיעלער אָרגאַן פון „העובד הציוני" איז א יורידישע קערפּערשאַפט מיטן נאָמען „מפעלי העובד הציוני".

די צאָל פון די קיבוצים און מושבים צום סוף יאָר 1958

די פאָרם פון ישוב	די צאָל ישובים	די צאָל נפשות
קבוצות און קיבוצים	226	83.100
מושבים	319	102.000
סה"כ	545	185.100

די קיבוצים לויט די אידעישע ריכטונגען — סוף 1958

די ריכטונג	די צאָל חברים	די צאָל נפשות
איחוד הקבוצות והקיבוצים	73	25.251
העובד הציוני	6	1.282
הקיבוץ הארצי „השומר הצעיר"	72	27.633
הקיבוץ המאוחד	58	23.918
אומאָפּהענגיקע	4	842
דער רעליגיעזער קיבוץ „הפועל המזרחי"	11	3.591
פּועלי אגודת ישראל	2	556
סה"כ	226	83.073

די לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַראייניקונג — „ניר־שיתופי"

דאָס איז די דאַך־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַראייניקט אין אַ בשותפותדיקער ראַם דעם לוין־אַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט און די ארבעטער־קאָלאָניזאַציע. יורידיש שטעלט זי מיט זיך פאָר א קערפּערשאַפט „ניר־שיתופי", וואָס אויף איר נאָמען איז פאַרשריבן דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. הגם די פאַרשידענע ריכטונגען אין דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע זענען פּאָליטיש מחולק צווישן זיך, געפינט זיי אָבער ווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעך איין אינטערעס און אָט די איינהייט קומט צום אויסדרוק אין „ניר־שיתופי". לויט דער קאָנסטי־טוציע פון „חברת עובדים", ווו „ניר־שיתופי" איז אַ טאָכטער־געזעלשאַפט, מוזן אלע קאָלעקטיווע און קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן זיין מיטגלידער אין „ניר־שי־תופי".

די קאָנטראָל איבער די ווירטשאַפטן ווערט רעאַליזירט דורך אַ ספּעציעלן אָרגאַן פון „ניר־שיתופי" אונטערן נאָמען „ברית הפיקוח לקואופרציה החקלאית העובדת" (אויפזיכטס־פאַרבאנד פון דער לאנדווירטשאַפטלעכער ארבעטער־קאָאָ־פּעראַציע).

אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן פון די ארבעטער־ראַטן אין די קאָלאָ־ניעס איז על פי רוב פארשריבן אויפן נאָמען פון „ניר־שיתופי"

„ניר־החברה"

„ניר־שיתופי" איז אָבער נישט בלויז אַ קאָנטראָל־אָרגאַן, זי איז מיט דער הילף פון דער געזעלשאַפט „ניר" פארוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן פינאַנסי־רונגס־אָרגאַן פאַר דער ארבעטער־קאָלאָניזאַציע. זי העלפט ארויס די ווירטשאַפטן מיט קרעדיט און באַטייליקט זיך אין אויפשטעלן מלאכה־ און אינדוסטריע־אונטער־נעמונגען אין די ווירטשאַפטן. דעם יסוד פאַר איר אייגענעם קאפּיטאל בילדן די יערלעכע אָפּצאָלן פון די ווירטשאַפטן. „ניר" אָפּערירט אָבער אויך מיט גאָר גרוי־סע סומעס דורך אַקציעס און אָבליגאַציעס.

„יכין־חק״ל״

אַ ווירטשאַפטלעכע קערפּערשאַפט פון אַ גאָר גרויסער חשיבות שטעלט מיט זיך פאָר „יכין־חק״ל״ ביי דער לאַנדווירטשאַפטלעכער הסתדרות. דאָס איז אַ געזעלשאַפט, וואָס פירט אויס זעלבשטענדיק כלערליי ארבעטן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט: פעלד־אַרבעט, פלאַנצונגען פון ביינוול און צוקער־בוריקעס, פון ערד־ניסלעך און מעלאָנען אויף עקספּאָרט. אָבער דער עיקר איז די אויפמערקזאַמקייט פון „יכין־חק״ל״ געווענדט אויף אויסברייטערן די מאַראַנצן־פּלאַנטאַציעס, וואָס פאַרנעמען אזא וויכטיק אָרט אין אונדזער עקאָנאָמיק.

„יכין־חק״ל״ איז געווען די ערשטע קערפּערשאַפט, וואָס האָט תיכף נאָכן באַפרייאונגס־קריג זיך גענומען ענערגיש צום רעסטאַוורירן די חרוב־געוואָרענע מאַראַנצן־פּלאַנטאַציעס. „יכין־חק״ל״ פירט אויס אַלע אַרבעטס־אָפּעראַציעס: פון פאַרפלאַנצן און באַאַרבעטן ביז צו פאַרפּאַקן און עקספּאָרטירן. „יכין־חק״ל״ האָט זיך קונה שם געווען מיט איר רעיעלער ארבעט, אדאנק איר דערפאַרונג, איר קוואַליפיצירטער ארבעטס־קראַפט און דעם מאָדערנעם אַסאָרטימענט פון כלים און געצייג. אין יאָר 1958 האָט „יכין־חק״ל״ אָפּגעקויפט און אָרגאַניזירט אַ פּרוכט־קאָנסערוון־פאַבריק אין פתח תקוה, וועלכע איז היינט־צו־טאָג איינע פון די גרעסטע און מאָדערנסטע אין לאַנד. אויך אין אשקלון האַלט „יכין־חק״ל״ ביי אויפשטעלן אַ פאַבריק צו באַאַרבעטן פּרוכטן און גרינס.

„המשביר המרכזי״ — די צענטראַלע פאַר איינקויף און פאַרקויף

צוויי צענטראַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָט אויפגעשטעלט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטערשאַפט: דעם „המשביר״ און „תנובה״.

„המשביר״ איז געגרינדעט געוואָרן אין גליל נאָך אין יאָר 1916, אָן קיין שום הילף פון דרויסן, אויסשליסלעך מיט אַרבעטער־פּרוטות. באַלד ביי דער גרינדונג איז „המשביר״ געוואָרן דער אָרגאַן, וואָס האָט גענומען אויף זיך צו באַ־זאָרגן די ארבעטער, אויף זייערע צעוואָרפענע פלעצער, מיט די נייטיקסטע לעבנס־אַרטיקלען. גלייכצייטיק האָט ער גענומען אויף זיך אָפּצוזצן אויפן מאַרק די פּראָ־

דוקציע פון די ארבעטער־ווירטשאַפטן. אין יאָר 1926 איז באַשלאָסן געוואָרן אויס־טיילן פון „המשביר" אָט די פונקציע און איבערגעבן זי א ספּעציעלער קערפּער־שאַפט: „תנובה".

אין יאָר 1930 איז פּאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע פון „המשביר" און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „המשביר המרכזי" — אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאר באַזאָרגן פּראָדוקטן די יידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל. „המשביר" באַזאָרגט די ווירטשאַפטן, די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, די עולים־דערפער, די מעברות, די פארשידענע קאָאָפּעראטיוון און אָרגאַניזאַציעס מיט שפּייז־אַרטיקלען, בוי־מאַטע־ריאַלן, זריעה און ברען־שטאָף, מיט קליידער, שיך א.א.וו.

„המשביר המרכזי" איז אָבער נישט בלויז א ליפעראַנט פון פּראָדוקטן. פּונקט ווי די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין אויסלאנד, האָט אויך „המשביר" אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן און ווערן אַן ערנסטער פאקטאָר אין מסחר, אַ פאַקטאָר, וואָס באַפרייט אין אַ גרויסער מאָס די ווירטשאַפטן פון פּריוואַטן האנדל מיט זיינע ווילקירלעכע קאַלקולאַציעס און רווחים־אַפּעטיטן.

„המשביר" אין דער מסחר־וועלט

צוזאַמען מיט „תנובה" האָט „המשביר" אויפגעשטעלט אַ „געזעלשאַפט פאַר עקספּאָרטירן ערד־ניסלעך (פיסטושקעס) און ביינוול".

בשותפות מיטן פריוואַטן האַנדלס־סעקטאָר האָט „המשביר" געשאפן די געזעלשאַפט „המשביר־עמיזון" אויף אימפּאָרטירן פּראָדוקטן פארן פרייען מאַרק. אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפט „מעבר" פאַרנעמט זיך מיט באַפרייען די סחורות אין פּאָרט און רעגולירן די גרענעץ־אָפּצאָלן. „המשביר" איז אויך אַ שותף אין „דלק" — די נאַציאָנאַלע געזעלשאפט פאר אימפּאָרטירן און פאַרקויפן ברען־שטאָף.

„המשביר לצרכן"

אויך אין דעטאַל־האַנדל פאַרנעמט „המשביר" אַ גאָר חשובן פּלאַץ. ער האָט בשותפות מיט דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אויפגעשטעלט א ריי אוניווערסאַלע געשעפטן אונטערן נאָמען „המשביר לצרכן". דער ערשטער אוניווערסאַלער מאגאַ־

זין איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין תל־אביב, אין אַ ריזיקן בנין פון 5 שטאָק און דערנאָך אויך אין די אַנדערע שטעט.

די גרויסע קאָנצענטרירטע קניות פון סחורות, דער אַלץ וואַקסנדיקער היפּשער טייל פון אייגענער פּראָדוקציע, די ראַציאָנעלע פּלאַנירונג פון די קניות דערמעגלעכט „המשביר" צו פארקויפן ביליקער, און אָפּהיטן דערביי שטרענג די קוואַליטעט פון די סחורות. אין קעגנזאַץ צום מנהג פון פּריוואטן האנדל צו אַנאָנ־סירן אַ סעזאָן פון „אַן אלגעמיינעם אויספאַרקויף פאַר ביליקע פּרייזן", זענען די ביליקע פּרייזן אין „המשביר" אַ נאָרמאלע דערשיינונג א גאנץ יאָר. אין „המשביר לצרכן" באקומט איר אלץ, וואָס איר ווילט און באדארפט: קאָנפעקציע און שיך, מאַנופאקטור, מעבל, שרייב־געצייג, ארטיקלען פון היזווירטשאַפט, זייף, קאָסמע־טיק, גאַלאַנטעריע. עס זענען פאַראַן ספּעציעלע אָפּטיילונגען פאר מענער, פרויען און קינדער.

דער אינדוסטריעלער צווייג

ווי געזאָגט, איז „המשביר" נישט בלויז א ליפעראנט פון פארטיקע פּראָ־דוקציע, נאָר אויך אַ פּראָדוצירער. אַזוי ארום קאָן „המשביר" זיך דערלויבן איינ־צושטעלן א ביליקערע פּרייזן־קאלקולאציע און א בעסערע באַדינונג פון דער קונדשאַפט.

לויטן באַריכט אויף דער 9־טער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ, איז „המשביר" געווען באַטייליקט אין 27 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — אַ העלפט אייגענע און אַ העלפט בשותפות מיט אַנדערע.

אָט זענען די הויפּט־אונטערנעמונגען: „שמן" אין חיפה — פּראָדוצירט איבער 60 אַרטיקלען פון זייפן און אייל־פאַבריקאַציע, אַן אונטערנעמונג מיט אַ גוטן שם אין לאנד און אין אויסלאנד; „סלילים" — איינע פון די גרעסטע טעק־סטיל־פאַבריקן אין לאַנד; מילן אין תל־אביב, יפו און באר שבע. פון יאָר צו יאָר וואקסט די פּראָדוקציע פון אָט די מילן; די פּאַפּיר־פאַבריק אין ירושלים; אַ אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער לאנדווירטשאַפט האָט די פאַבריק „דובינס" פון עלעקטרישע אינקובאַטאָרן און די פאבריק אין אַזור, וואָס פּראָדוצירט קליינע

טראַקטאָרן. דער „המשביר" איז א שותף אין דער צוקער־פאַבריק אין עפולה; אין דער צעמענט־פאַבריק „נשר"; אין דער רערן־פּראָדוקציע פון צריפין; אין דער גרויסער כעמישער אונטערנעמונג „דשנים והמרים כימיים; אין „המגפר", חיפה, פאַר גומי־אויסאַרבעטונגען; אין „פשתן" — אויסאַרבעטונג פון לייוונטענע גאַרן אין באר טוביה; אין דער בעקעריי „לחמנו" אין תל־אביב; אין „המלחים" — איינע פון די גרעסטע פאַבריקן אין לאַנד, וואָס פּראָדוצירט דאַמף־קעסלען:

„תנובה" — דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו

די צווייטע אינסטיטוציע, מיט וועלכער די לאַנדווירטשאַפט קאָן מיט רעכט שטאָלצירן, איז „תנובה". נאָכדעם, ווי זי האָט, אין יאָר 1926, זיך אויסגעטיילט פון „המשביר" און געוואָרן א זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע, האָט זיך „תנובה" אַלץ מער צעוואַקסן אין אַ ריזיקן קאָאָפּעראַטיוו פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע און איז היינט־צו־טאָג דער גרעסטער ליפעראַנט אין לאַנד. אין יאָר 1958 האָט „תנובה" באַדינט די באַפעלקערונג מיט 70% פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

„תנובה האָט אַנטוויקלט אויף א גאָר גרויסן פאַרנעם אַן אינדוסטריע, וואָס באַארבעט די לאַנווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע: מילכערייען, וואָס גיבן ארויס פּאַסטעריזירטע מילך אין פלעשער און כלערליי סאָרטן פון מילך־פּראָדוקטן; קאָנצענטראַטן פון מאַראַנצן, ספּירט־עקסטראַקט פון מאַראַנצן־שאָל, „תנובה" פאַרמאָגט אירע פיש־באַסיינען, אירע אָראַנזשעריעס, וווּ איר באַקומט בלומען, פלאַנצונגען א.א.וו. „תנובה" ליפערט 59% פון דער אייער־פּראָדוקציע, 53% פון עופות־פלייש, 79% פון דער מילך־פּראָדוקציע, 85% פון פרוכטן אין לאַנד (אויסער ציטרוס־פּרוכט).

די אונטערנעמונגען פון „תנובה" אין יאָר 1958

8 ראַיאָן־מילכערייען: אין בית הלל, (גליל העליון), דגניה א' (עמק הירדן און גליל התחתון), חיפה, ירושלים, כפר מל"ל (השרון), רחובות, תל־אביב, תל יוסף (עמק יזרעאל); „זית" — אַן איינריכטונג פאַר פרעסן אָליוון אין תל יוסף;

„פרי תנובה" — אַ פאַבריק פאַר ציטרוס־קאָנצענטראַטן, פּרוכט־קאָנסערוון און ספּירט־ראַפינעריע.

פאַבריקן, וואָס זענען פאַרבינדן מיט „תנובה"

פאָלגנדיקע פאַבריקן פאַרקויפן זייער קאָנסערוון־פּראָדוקציע (גרינס־, פּרוכט־, קאָנפיטור־זאַפטן, אָליוון־קאָנסערוון) דורך „תנובה":

„אשד" (אשדות יעקב), רמון (גבעת ברנר), גת (גבעת חיים), פּרי־תנובה (רחובות), שקם (יד מרדכי) און די אָליוון־פּרעסערייען אין בית השטה, חולדה, יגור א. א.

„תנובה" אלס פאַרמיטלער צווישן פּראָדוצענט און קאָנסומענט

דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוצענט באַקומט פון „תנובה" אויף יעדן פונט, וואָס דער קאָנסומענט צאָלט: 74% פאַר מילך, 83% פאַר אייער, 79% פאַר קאַרפּן־פיש, 58% פאַר גרינס. לײַדער, מאַכן אויס די טראַנספּאָרט־הוצאות פון גרינצייג ביז זיי דערגרייכן דעם דעטאַל־פאַרקויף ביי 20—25%, און דאַן ערשט מאַכט אויס דער ריווח פון גרינס־סוחר 27—36%. ס'איז קלאָר, אז אָט די פאַרמיטלונג פאַרטייערט די סחורה על חשבון פון דעם פּראָדוצענט און קאָנסומענט צוזאַמען.

כדי צו פאַרקלענערן אָט די „פּרייזן־שער", האָט „תנובה" אָנגעהויבן עפענען אייגענע געשעפטן, אָדער געשלאָסן ספּעציעל אָפמאַכן מיט דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, כדי אַראָפּצוזעצן די פּרייזן.

טעכטער־געזעלשאַפטן פון „תנובה"

„תנובה־עקספּאָרט" איז אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט, וועלכע אָרגאַניזירט און פירט אויס דעם עקספּאָרט פון דער ציטרוס־פּראָדוקציע און פון אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען.

„תנובה כספים וביטוח" איז דער פינאַנסיעלער אָרגאַן, וואָס זאָרגט פאַרן

אומזאָץ־קאַפּיטאל און פאר קאַפּיטאַל־אינוועסטיציע אין די אונטערנעמונגען פון „תנובה".

„ציוד ואספקה", א געזעלשאפט, וואָס זאָרגט פאר פּראָדוצירן און שאפן פּאַקונג־מאַטעריאַל פאַר די סחורות.

„לים" — אַ בשותפותדיקע אינסטיטוציע מיט „המשביר" — באַזאָרגט די שיפן מיט אַלע נייטיקע פּראָדוקטן.

„נוב" — אַ געזעלשאַפט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די ווירטשאַפטן אין די עולים־דערפער, וועלכע זענען נישט פאַרבינדן מיט דער הסתדרות. אַט די ווירט־שאַפטן האָבן בלויז באַראַטונגס־רעכט אין „תנובה" און קאָנען נישט דעצידירן אין די סטאַטוט־פראַגן פון „תנובה".

לויט אַ ספּעציעלן אָפּמאַך מיט דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ האָט „נוב" גענומען אויף זיך צו פאַרקויפן די גאַנצע פּראָדוקציע פון אַט די נייע, נישט־הסתדרותישע ווירטשאַפטן: גרינס, קאַרטאָפל און פרוכטן. די קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג באַטייליקט זיך מיט אַ געוויסן פּראָצענט אין די אויס־גאבן און היזקות פון „נוב". היינט־צו־טאָג באַדינט „תנובה" איבער 85% פון דער נייער קאָלאָניזאַציע.

ארגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען אין „תנובה"

דער ריזיקער וווקס פון „תנובה", — הן אין צאָל פון פאַרבינדענע מיט איר ווירווירטשאַפטן, הן אין דער פּראָדוקציע, וואָס זי ברענגט אַרויס אויפן מאַרק — און די פאַרצווייגטע אינדוסטריעלע אקטיוויקייט אירע, האָבן דרינגענדיק פאַרלאַנגט דורכצופירן אַ רעאָרגאניזאַציע אין דער אדמיניסטראַטיווער אָנפירונג — צוימען דעם צענטראַליסטישן בוי און ראַציאָנאַליזירן די ארבעט פון די פארשידענע אָפּטיי־לונגען אויפן יסוד פון א ברייטער אויטאָנאָמיע. אזא רעאָרגאניזאַציע ווערט איצט אַדורכגעפירט. די פינף הויפּט־אָפּטיילונגען וועלן אָנגעפירט דורך ספּעציעלע פאַרוואַלטונגען, געוויילטע דורך דער צענטראַלע פון „תנובה".

יעדע אָפּטיילונג וועט פּלאַנירן דעם פאַרקויף, קומען אין קאָנטאַקט מיט די פאַרשידענע געזעלשאפטלעכע און רעגירונגס־אַנשטאַלטן, געבן דירעקטיוון די

ווירטשאפטן ווי אזוי צו סעלעקציאָנירן, פּאַקן און ליפערן די פּראָדוקציע, איינ־שטעלן געוויסע סטאַנדארטן, פעסטשטעלן די טאָגטעגלעכע פרייזן, באשטימען דעם יערלעכן בודזשעט פון דער אָפּטיילונג און זאָרגן, אז ער זאָל אָפּגעהיט ווערן.

די צענטראַלע פון „תנובה" וועט קאָאָרדינירן די אַרבעט פון די אָפּטיי־לונגען, דעצידירן וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון „תנובה", פעסטשטעלן די אינוועסטיציעס אין די אָפּטיילונגען, קאָנצענטרירן די פינאַנסיעלע רעסורסן פון „תנובה", באַשטימען וועגן אריינגיין אין שותפות מיט אנדערע פאקטאָרן און באַ־שעפטיקן זיך מיט די פּראָבלעמען פון דער ארבעטס־קראַפט אין „תנובה".

מיר סומירן : „תנובה" און „המשביר" זענען די זיילן, אויף וועלכע עס שפּאַרט זיך אָן די לאנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע. אַדאַנק „המשביר" און „תנובה" האָט די לאנדווירטשאַפט געקאָנט אויסהאלטן די שווערע קריזיס־פּעריאָדן, באַקומען אַן אַלץ גרעסערן שוווּנג און ווערן דער יסוד פון דער ארבעטער־ווירט־שאַפט אין לאנד.

אינדוסטרי, אַנטוויקלונגס-אונטערנעמונגען און באַנק-וועזן

„סולל בונה"

אויסער די פאַרשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון „המשביר" און „תנובה", פון די קיבוצים און מושבים, וועלכע געפינען זיך אַלע, נאַטירלעך, אונטער דער געזעלשאַפטלעכער יוריסדיקציע פון הסתדרות, דורך „חברת עובדים" — פאַרמאָגט די הסתדרות איר צענטראַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג — „סולל בונה" — וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין א ריזיקן אינדוסטריעלן קאָמבינאַט, אין אן ערשטראַנגיקן אינסטרומענט, וואָס איז פעיק אויסצופירן יעדע אַרבעט, אין אַלע צווייגן פון בוי, אינדוסטרי און טראַנספּאָרט.

אָט איז א קורצער איבערזיכט וועגן די וויכטיקסטע אַנטוויקלונגס-עטאַפּן פון „סולל בונה".

אין יאָר 1923 האָט די צווייטע קאָנפערענץ באַשלאָסן צו גרינדן דעם „סולל בונה" אלס „א יידישע ארבעטער-געזעלשאַפט אויף אויסצופירן געזעלשאַפטלעכע, בוי- און אינדוסטריע-אַרבעטן".

אין יאָר 1927 איז די ארבעט פון „סולל בונה" איבערגעריסן געוואָרן צוליבן שווערן קריזיס אין לאנד אין דער תקופה פון דער פערטער עליה.

ערשט אין יאָר 1935 איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן „סולל בונה" — די הסתדרות-צענטראַלע פאַר אָננעמען און אויספירן אַרבעטן.

אין די יאָרן 1936/39, אין די טעג פון די בלוטיקע געשעענישן אין לאנד, האָט „סולל בונה" גענומען אויף זיך און אויסגעפירט דעם בוי פון שוץ-פעסטונגען און שאָסייען פון סטראַטעגישער באַדייטונג.

אין די יאָרן 1939/43 שטעלט אויף „סולל בונה", לויט א באשטעלונג פון דער מאנדאַט-מאכט, א ריי „ארבעטס-קעמפּן" און „מיליטערישע קעמפּן" אין לאַנד און אויך אין אויסלאנד. אין דער זעלבער תקופה קויפט אָפּ „סולל בונה" און רעאָרגאַניזירט גרינטלעך 2 פאבריקן: „וואולקאַן" — כלערליי אינסטאַלאַציע-ארטיקלען און „פניציה" — א גלאָז-פאבריק.

פון יאָר 1948 גייט איבער „סולל בונה" צו פאַרלייגן און לאָזן אין גאנג אונטערנעמונגען פון שווערער, גרונט־אינדוסטריע אין לאנד.

בוי און געזעלשאַפטלעכע ארבעטן

דאָס איז דער צענטראַלער צווייג אין דער טעטיקייט פון „סולל בונה". צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָבן באַקומען זייער פאַך־אויסבילדונג אין די גרויסע בוי־אַרבעטן פון „סולל בונה", וואָס האָט געבויט דירות פאַר עולים, געזעלשאַפטלעכע בנינים, פאַבריקן, פאַרלייגט שאָסייען, דורכגעפירט די וואַסער־אינסטאַלאַציע פון ראש העין, אויסגעפירט דאָס בוי־ווערק פון ים המלח און סדום, געעפנט דעם פּאָרט אין קישון, אויסגעברייטערט דעם פּאָרט אין חיפה, אויסגעקערעוועט דאָס וואַסער פון ירדן און אויסגעטריקנט די חולה א.א.וו. „סולל בונה" האָט אַרויסגעוויזן אַ קאָלאָסאַלן כוח פון עקספּאַנסיע. ער האָט אויפגעשטעלט אַ גאנצע ריי אונטערנעמונגען אויף אַרויסצובאַקומען און באַארבעטן דעם נייטיקן בוי־מאַטעריאַל און רוישטאָף. אַזוי איז „סולל בונה" אַריינגעדרונגען אין די פאַרשידנסטע שטחים פון אינדוסטריע, וואָס לכתחילה זענען זיי געווען געהילפס־אונטערנעמונגען פאַרן בוי און מיט דער צייט איז אויסגעוואַקסן אַן אינדוסטריעלער קאָמבינאַט, וואָס ארבעט פאַרן גאַנצן היגן מארק און פאַרן עקספּאָרט.

אָט איז די רשימה פון אינדוסטריעלן פאַרמעסט פון „סולל בונה"

די אונטערנעמונג	די פּראָדוקציע	אָרט
אַליאַנס	גומי־רעדער פאַר טראַנספּאָרט	חדרה
געזעלשאַפט „געפּאַנצערטע גלאָז"	געפּאַנצערטע גלאָז	חיפה
הימה	בוי און רעפּאַראַטור פון שיפן	חיפה
המגפר	גומי־אויסאַרבעטונגען	חיפה
חלקן	בוי־מאַטעריאַל און קאָנסטרוקציעס	חיפה
	אַקומולאַטאָרן פאַר טראַנספּאָרט־מאַשינען	חיפה
חמת	מעטאַל־אויסאַרבעטונגען	אַזור
ח. מ. ה.	טיש־סערוויזן	אזור
חסין אש	פייער־פּרוּוו־ציגל „שאמוט"	באר שבע
חימר	בעטאָן־אויסאַרבעטונגען	נס ציונה
מנועים	עלעקטרישע דיזעלן	רמלה
חרסה	סאַניטאַרע אינסטאַלאַציע	באר שבע
טלרד	טעלעפאָנען	לוד
יובל גד	בעטאָן־רערן און בעטאָן־אַרטיקלען	אשקלון
יזרם	עלעקטריק און ליכט	ירושלים
לפיד	סאַניטאַרע קעראַמיק	תל אביב
הצבע	פאַרבן	קרית חיים
מפעלי פלדה	שטאָל־גיסעריי און וואַלץ	עכו
מפעלי מתכת	מעטאַל־אויסאַרבעטונגען	חיפה
מרכבים	אויטאָמאָביל־שילדן	פתח תקוה
נשר	צעמענט־פּראָדוקציע	חיפה־רמלה
עוגן	בוי און רעפּאַראַטור פון שיפלעך	חיפה
פניציה	גלאָז־אויסאַרבעטונג	חיפה
פיניקיה	עקזאַקטע אינסטרומענטן	ירושלים
צנורות המזרח התיכון	אייזערנע רערן	עכו
תדיר	ראַדיאָ־טיילן	חולון
אבן וסיד	שטיינהאַקעריי און בעטאָן־אויסאַרבעטונגען	חיפה
בתי מלאכה	סטאָלערייען, שלאָסערייען און גאַראַזשן	חיפה

„סולכור"

אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט — סולכור — פאַרנעמט זיך מיט אָפּזעצן די פּראָדוקציע פון „סולל בונה" אויפן מאַרק. ס'איז אַ מין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנע־מונג פון אַלע „סולל בונה"־אונטערנעמונגען, וועלכע זענען פאַרפּליכטעט צו זיין אַקציאָנערן פון „סולכור".

רעאָרגאַניזאַציע אין דער סטרוקטור פון „סולל בונה"

מיט „סולל בונה" האָט פּאַסירט דאָס זעלבע, וואָס פּאַסירט אָפט מיט צע־וואַקסענע און דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען: דער אימפּעט פון דער אַנטוויקלונג איז גרויס און די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור ווערט הינטערשטעליק.

דעם 14־טן אַפּריל 1958 האָט דער וועד הפועל פון הסתדרות באַשלאָסן דורכצופירן אַ רעאָרגאַניזאַציע אין דער סטרוקטור פון „סולל בונה" מיטן ציל אָפּצושוואַכן די צענטראַליזאַציע אין דער אָנפירונג, ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט, באַטייליקן די ארבעטער פון די אונטערנעמונגען אין דער אָנפירונג און פאַר־שטאַרקן די געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל און אויפזיכט פון „חברת עובדים" איבער די אָפּעראַציעס און טעטיקייט פון „סולל בונה". לויט דעם באשלוס זענען באַשטימט געוואָרן דריי באַזונדערע אָנפירונגען פאַר די דריי אָפּעראַטיווע סעקטאָרן פון „סולל בונה": א. פאַר בוי און אונטערנעמונגען פאַרבונדענע מיט בוי; ב. פאַרן אינדוסטריעלן סעקטאָר; ג. פאַר פּאָרט־ אַרבעט און אַרבעט אין אויסלאַנד. יעדע פאַרוואַלטונג פירט זעלבשטענדיק אויס אירע ווירטשאַפטלעכע, אדמיניסטראַטיווע און פינאַנסיעלע פונקציעס. אין אַלע דריי פאַרוואַלטונגען זענען באַטייליקט פאַר־טרעטער פון די אַרבעטער. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון „חברת עובדים" האָט פעסט־געשטעלט די פאַרטיילונג פון די ארבעטס־געביטן צווישן די דריי סעקטאָרן.

דער בוי־סעקטאָר האָט באַקומען אין זיין רשות אַלץ, וואָס איז פאַרבינדן מיט בוי (אויסער פּאָרט־אַרבעט, נאַפט־אויסגראָבונגען און וואַסער־טראַסעס); די טראַנספּאָרט־ווערק און די וואַרשטאַטן. דער אינדוסטריעלער סעקטאָר „כור" האָט, נאַטירלעך, באַקומען אין זיין רשות די פאַרשידענע צווייגן און אונטערנעמונגען פון דער אינדוסטריע. דער סעקטאָר פאַר פּאָרט־בוי און ארבעט אין אויסלאַנד

שליסט איין אַלע פּאָרט־אַרבעטן, שיפן־בוי און רעפּאַראַטור, בוי פון טונעלן, פון נאַפט־ און וואַסער־טראַסעס און אַלע אַרבעטן אין אויסלאַנד.

אַלע דריי סעקטאָרן זענען פאַראייניקט אין איין הויפּט־קערפּערשאַפט — „סולל בונה". די צענטראַלע אָנפירונג קאָנטראָלירט די בילאַנסן פון די סעקטאָרן און אונטערנעמונגען, באַשטימט די פינאַנסיעלע ליניע — דעם כאַראַקטער און ריכטונג פון די אינוועסטיציעס, די קרעדיט־פראַגע, די אויסנוצונג פון מעכאַנישן פאַרמעגן א.א.וו.

געמישטע אונטערנעמונגען און געזעלשאַפטן

אחוץ די זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען האָט די הסתדרות געשאַפן אָדער געהאָלפן שאַפן בשותפות מיט אַנדערע אינוועסטיטאָרן — רעגירונג, געזעלשאַפטלעכער און פּריוואַטער קאַפּיטאַל — אַ ריי גאָר חשובע קערפּערשאַפטן.

„יכין־חק"ל" — נעמט אָן און פירט אויס אַרבעטן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט;

מחצבי ישראל — שטיינהאַקעריי און מינעראַלן־אויסגראָבונגען;

„ארקיע" — די געזעלשאַפט פאַר אינערלעכן לופט־פאַרקער אין ישראל. זייט איר גרינדונג, יאַנואַר 1950 — האָט זי דערפילט גרויסע ווירטשאַפטלעכע און זיכערקייטס־אויפגאַבן. אַ דאַנק איר טעטיקייט איז דער אילת־פּאָרט אַרויס פון זיין איזאָלאַציע און פאַרבונדן געוואָרן מיט די צענטראַלע טיילן פון לאַנד.

די געזעלשאַפט טראָגט אויך צו איר גרויסןביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער ישראל־טוריסטיק, דורך דערמעגלעכן פאַר אויסלענדישע טוריסטן צו באַזוכן אילת און דעם גליל.

די באַגרענעצטע צייט אין רשות פון די טוריסטן, וואָס באַזוכן דאָס לאַנד, פאַרפליכטעט צו אַנטוויקלען די אינערלעכע לופט־קאָמוניקאַציע מיט דער הילף פון העליקאָפּטערס, וואָס די געזעלשאַפט „ארקיע" איז געוואָרן איר פּיאָנער.

אוצר מפעלי ים — באַשעפטיקט זיך מיטן תל־אביבער פּאָרט;

„צים" — אַ בשותפותדיקע אונטערנעמונג פון הסתדרות און דער יידישער אַגענץ צו אַנטוויקלען דעם שיף־טראַנספּאָרט פון ישראל. די געזעל־

שאַפט איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1954, הגם נאָך פאַרן אויפקום פון דער מדינה איז שוין פאַרלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט. איצט, ווען די ארבעט פון „צים" האָט זיך אויסערסט צעוואקסן, האָט די הסתדרות פאַרגעלייגט דער רעגי־רונג אריינצוטרעטן אלס שותף אין „צים". אזוי ארום האָט „צים" באקומען א נייעם שוווּנג אין מלוכהשן מאסשטאב.

„מקורות" — די וואסער־געזעלשאַפט פון ישראל. אַ שותפות פון הסתדרות מיטן קרן קימת און קרן היסוד. איינע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין לאנד, וואָס ליפערט איבער 40% פון גאנצן וואסער־געברויך. אויך דאָ איז לעצטנס די רעגירונג אַריין אַלס שותף, און „מקורות" טרעט אריין אין א נייער פאַזע פון עקס־פאַנסיע, וואָס הייבט זי אַרויס נאָך מער אַלס דעצידירנדיקן פאקטאָר אין הינזיכט פון באַוואַסערונג און וואַסער־אינסטאַלאַציע.

אַסעקוראַציע

„הסנה" — פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט

„הסנה" איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1924 דורך פּריוואַטע קאַפּי־טאַליסטן. אין יאָר 1925 האָט די הסתדרות געשאפן די „קופת האחריות לביטוח הדדי" — אַ קאַסע פאר קעגנזייטיקער פארזיכערונג. אין יאָר 1927 האָט די הסתד־רות מיט דער הילף פון דעם יידישן נאַציאָנאלן ארבעטער־פארבאנד אין אמעריקע אָפּגעקויפט די אַקציעס פון „הסנה" און אַריבערגעפירט די פאַרזיכערטע פון דער קאַסע פאַר קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג צו „הסנה".

„הסנה" האָט גלייך אַרויסגעוויזן אַ דראַנג אויסצוברייטערן זיין טעטיקייט. צו לעבנס־פארזיכערונג האָט ער צוגעגעבן פארזיכערונג פון פייער, פון גניבות און איינברוכן, קאָמפּענסאציעס פאר ארבעטער, פארזיכערונג פון אומגליקס־פאַלן, פון מאַשינען א.א.וו. היינט־צו־טאָג איז „הסנה" די גרעסטע פארזיכערונגס־געזעל־שאפט אין לאנד, הן לויט דער גרויס פון די רעזערוון, הן לויט דעם פארנעם פון די אינוועסטיציעס. די וואָגיקע פּאָזיציע פון „הסנה" האָט איר פארזיכערט א וויכ־טיקן פּלאַץ אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער אַסעקוראַציע־באַוועגונג.

„הסנה" איז פאַרבונדן דורך ספּעציעלע אָפּמאַכן מיט די גרעסטע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אין דער וועלט, הן קאָאָפּעראַטיווע, הן פּריוואַטע.

די ענגע פאַרבינדונגען פון „הסנה" מיט די קאָאָפּעראַטיווע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אין ענגלאַנד, שוועדן, בעלגיע און אַנדערע לענדער פאַרלייכטערט די פינאַנסיעלע אָפּעראַציעס פון „הסנה", פאַרטיילט דעם ריזיקאָ צווישן זיי אַלע־מען. זיי האָבן אויך אַרויפגעפירט „הסנה" אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע.

די גרויסע פינאַנסיעלע אָפּעראַציעס פון „הסנה" זענען געוואָרן אַ גאָר וויכ־טיקער פאַקטאָר אין דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון הסתדרות: די מיטלען פון די פאַרזיכערטע ווערן אויסגענוצט נישט אויף צו שאַפן הכנסות פאַר פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, נאָר זיי ווערן אינוועסטירט אין קאָלאָניזאַציע־ און אין ווירטשאַפט־לעכע הסתדרות־אונטערנעמונגען, נאַטירלעך, אויפן יסוד פון פולער גאַראַנטיע, אַז די אינוועסטיציעס זענען געזיכערט און רענטאַבל.

באַנק־וועזן

בנק־הפועלים — אַרבעטער־באַנק

דער צענטראַלער פינאַנסיעלער אָרגאַן פון דער גאַנצער אַרבעטער־ווירט־שאַפט איז דער בנק־הפועלים — דער אַרבעטער־באַנק. געגרינדעט אין יאָר 1921 — איז ער געוואָרן דער טרייער באַגלייטער פון דער ווירטשאַפטלעכער זעלבּ־שטענדיקער שאַפונג פון דער הסתדרות. מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט — אין קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריע, אין בוי און טראַנספּאָרט, אין שטאָט און דאָרף — אָן דער הילף און שטיצע פונעם אַרבעטער־באַנק.

געהילפס־געזעלשאַפטן פון בנק־הפועלים

ליי־ און שפּאָר־קאַסעס

דער אַרבעטער־באַנק שטייט אין אַן ענגן קאָנטאַקט און פאַרבינדונג מיט די צענדליקער קאַסעס אין לאַנד, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין אַ „צענטראַלע פון ליי־קאַסעס".

היפּאָטעקן־באַנק פאַר הייזער־בוי

כדי אַרויסהעלפן די ארבעטער־וווינונגס־קאָאָפּעראַציע און דעם געזעלשאַפט־לעכן בוי־ווערק פון הסתדרות, איז מיט דער הילף פונעם ארבעטער־באַנק געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלער היפּאָטעקן־באַנק, וואָס גיט הלוואות אונטער א משכנתא.

„גמול״

דאָס איז די פינאַנסיעלע אינסטיטוציע, וועלכע קאָנצענטרירט די פינאַנס־רעסורסן פון די פּענסיע־ און פאַרזיכערונגס־קאַסעס, אינסטרוירט ווי צו אינוועס־טירן זיי אויף אַ פּראָדוקטיוון אופן און היט אָפּ, אַז די אינוועסטירטע מיטלען זאָלן נישט פאַרלירן זייער ווערט.

„חברה לבניני צבור״ — געזעלשאַפט פאַר אויפשטעלן געזעלשאַפטלעכע בנינים

דאָס איז א בשותפותדיקער פינאַנסיעלער אָרגאַן פון „בנק הפועלים״ און „חברת עובדים״. ער פינאַנסירט דעם געזעלשאַפטלעכן הסתדרות־בוי אין די שטעט, אין די קאָלאָניעס און אין דער אַרבעטער־לאַנדווירטשאַפט.

אגרות בע״מ — אָבליגאַציע־געזעלשאַפט

כדי צו פאַרגרעסערן דעם אומזאַץ־קאַפּיטאַל פון די ווירטשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס, איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1955 די אָבליגאַציע־געזעלשאַפט. די אַקציאָנערן פון דער געזעלשאַפט זענען: „בנק הפועלים״, „סולל בונה״, „המשביר המרכזי״, „תנובה״ און „גמול״.

די געזעלשאַפט לאָזט ארויס אַקציעס און אָבליגאַציעס און אינוועסטירט זיי, אַלס הלוואות, אין די פאַרשידענע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון הסתדרות. די הלוואות ווערן געגעבן אונטער זיכערע גאַראַנטיעס פון פאַרמעגן און ווערט־פּאַפּירן מיט דער ערבות פון בענק.

„אמפל״

מיט דער הילף פון „בנק הפועלים״ איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר

1941, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַן אויסערסט־וויכטיקע פינאַנסיעלע קערפּער־שאַפט „אמפּל" (אמעריקן־ישראל קאָרפּאָריישאָן). „אמפּל" האָט שוין אויסגעפירט און פירט אויס מיטן גרעסטן דערפאָלג א פינאנסיעלע פונקציע פון דער גרעסטער חשיבות: ער מאָביליזירט קאַפּיטאַלן אין אַמעריקע, וואָס ווערן אינוועסטירט אין לאנד. דורך „אמפּל" זענען אינוועסטירט געוואָרן באדייטנדיקע מיטלען אין אזעל־כע אונטערנעמונגען ווי „כימיקליים ודשנים" (כעמיקאליעס און כעמישע באַמיס־טיקונג); „דלק" (ברען־שטאָף); „לפידות"; „ספן" (שיפן־בוי); „צים" (ים־טראַנס־פּאָרט); „מפעלי סוכר" (צוקער־פּראָדוקציע); „יכין".

די קאָאָפּעראַציע און אירע אָפּצווייגן

די פּראָדוציר־ און באַדינונגס־קאָאָפּעראַציע

אין הסכם מיטן באַשלוס פון דער דריטער הסתדרות־קאָנפערענץ אין יאָר 1927 איז מיט אַ יאָר שפּעטער געגרינדעט געוואָרן „די קאָאָפּעראַטיווע צענטראַלע פאַר מלאכה, אינדוסטריע און געזעלשאַפטלעכער באַדינונג". צו דער צייט האָבן שוין עקזיסטירט 52 פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון מיט 663 חברים.

אין יאָר 1930 איז געשאַפן געוואָרן דער „קאָאָפּעראַציע־פאָנד" און אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די קאָאָפּעראַטיוון זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן די תקנות פאַר דער הסתדרותישער קאָאָפּעראַציע. צווישן די פאַרשידענע פּאַראַגראַפן איז כדאי צו פאַרצייכענען עטלעכע, וואָס באַשטימען דעם געזעלשאַפטלעכן מהות פון די קאָאָפּעראַטיוון. דער קאָאָפּעראַטיוו טאָר נישט באַשעפטיקן קיין לוין־אַר־בעט, סיידן עס גיבן דערויף זייער הסכמה די אויטאָריטעטע הסתדרות־אינסטאַנצן; אַ באַשטימטער פּראָצענט פונעם ריינעם ריווח ווערט געשטעלט אין רשות פון „חברת עובדים"; אָן דער הסכמה פון „חברת עובדים" קאָן דער קאָאָפּעראַטיוו נישט ענדערן זיין סטאַטוט; „חברת עובדים" האָט דאָס רעכט צו באַשטימען אירע פאַרטרעטער אין דער פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו; אַ קאָאָפּעראַטיוו קאָן זיך נישט אויפלייזן אָן דער הסכמה פון „חברת עובדים".

אָט די אַלע „האַרבע" באַגרענעצונגען האָבן, נאַטירלעך, איין ציל: אָפּהיטן דעם קאָאָפּעראַטיוו פון דער גאַנץ רעאַלער סכנה „אויסגליטשן זיך" און פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ פּשוט פּריוואַט שותפות־געשעפט, וואָס נוצט אויס פרעמדע אַרבעטס־קראַפט און ברעכט זיך אַרויס פון יעדער געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין. דאָס לעבן האָט טאַקע באַוויזן, אַז דער פּאַראַדאַקט איז נישט געווען קיין אומזיסטער: נישט ווייניק קאָאָפּעראַטיוון האָבן געאַרבעט מיט געדונגענער אַרבעטס־קראַפט, הגם זיי האָבן נישט געוואָלט איבעררייסן מיט דער הסתדרות און מבטל מאַכן דעם

געזעלשאַפטלעכן יסוד פון קאָאָפּעראַטיוו. אויף דער סעסיע פון הסתדרות־ראט אין יאָר 1945 איז גאַנץ ערנסט באהאנדלט געוואָרן אָט די אָנגעווייטיקטע פראגע און עס זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע באַשלוסן:

אין די פּראָדוציר־קאָאָפּעראטיוון

א. די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס קאָנען עקזיסטירן בלויז אויף אַליין־ארבעט גייען גלייך אריבער אויף אייגענער ארבעט מיט דער התחייבות, אז קיין שום לוין־אַרבעט וועט זיך מער נישט איבערחזרן.

ב. די קאָאָפּעראטיוון, וואָס קאָנען נישט אויסקומען מיט אַליין־ארבעט (ווי „ארגז״, למשל), טרעטן אריין אין א שותפות מיט דער הסתדרות, גלייך אויף גלייך, אין פאַרמעגן, אין קאַפּיטאל און אין דעציזיע.

ג. דער ריווח ווערט פאַרטיילט לויט די ארבעטס־טעג פון די קאָאָפּעראַ־טיוו־מיטגלידער און די לוין־ארבעטער.

ד. אויף וויפל עס סטאַביליזירט זיך דער פארנעם פון דער ארבעט ווערן אַריינגעפירט אין קאָאָפּעראטיוו נייע חברים פון די לוין־ארבעטער.

ה. דער ריווח, וואָס פאַלט אויס אויפן חלק פון די לוין־ארבעטער ווערט רעזערווירט ווי א פאָנד פאר זייער אריינטירט אלס חברים.

ו. אַ בשותפותדיקער קאָאָפּעראַטיוו (ד. ה. בשותפות מיט דער הסתדרות), וואָס וועט באשליסן אריבערצוגיין אבסאָלוט אויף אליין־ארבעט, האָט דאָס רעכט אויפצולייזן די שותפות בתנאי, אז די הסתדרות האָט די פאקטישע געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל־רעכט אויפן קאָאָפּעראטיוו.

אין דער טראנספּאָרט־קאָאָפּעראציע

א. ביז עס וועלן אריין אלס חברים אלע לוין־ארבעטער לייגט די הסתד־רות פאָר די קאָאָפּעראטיוון צו פארבינדן זיך מיט אַ ווירטשאפטלעכער הסתדרות־אינסטיטוציע און דעפּאָנירן ביי איר דעם ריווח, וואָס פאלט אויס אויפן חלק פון די לוין־ארבעטער לויטן חשבון פון די אַרבעטס־טעג.

ב. אַט די געלט־מיטלען וועלן שאַפן דעם פאָנד פאַרן אריינטריט פון די לוין־אַרבעטער אלס חברים — אַנטשפּרעכנדיק דער קוואַליפיקאַציע, דעם ארבעטס־סטאַזש און די סאָציאַלע רעכט.

ג. כדי דער באַגריף „ריווח" זאָל זיין קלאָר, דאַרף די לוין־שיטה פאַר די חברים דעפינירט ווערן מיט דער אַמאָרטיזאַציע און ווערט פון דער רעאַלער אַקציע.

ד. ס׳דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן דער באַגריף „ווירטשאַפטלעכע סטאַביליטעט".

ה. אַלס איינער פון די פאָרשלאַגן דאַרף גענומען ווערן אין אַכט דאָס אָפּטיילן די גאַראַזשן פון די אַלגעמיינע קאָמוניקאַציע־אונטערנעמונגען און דאָס פאַרוואַנדלען זיי אין אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות אָדער אין זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען — אָן לוין־אַרבעט — אָדער אין אַ שותפות פונעם קאָאָפּעראַטיוו מיט אַ הסתדרות־אינסטיטוציע.

אָבער די יסודותדיקע לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע קאָן קומען בעיקר דורך אויפשטעלן געמיינזאַמע אונטערנעמונגען פון די קאָאָפּעראַטיוון אין דער הסתדרות, כדי צו פאַרזיכערן די צוגעהעריקייט פון די קאָאָפּעראַטיוון צו „חברת עובדים", און דערמיט צו לייזן די פראַגע פון לוין־אַרבעט.

און ריכטיק איז אַזאַ באַשלוס אָנגענומען געוואָרן אויף דער פערטער קאָנפערענץ (1938) פון די קאָאָפּעראַטיוון וואָס לויטעט:

„די קאָנפערענץ דערקלערט די זעלבשטענדיקע אַרבעט אַלס דעם עיקר העיקרים פון דער אַרבעטנדיקער קאָאָפּעראַציע. אַלס איינע פון די פּאָזיטיווע לייזונגען פון דער פראַגע, זעט די קאָנפערענץ דאָס גרינדן פון שותפותדיקע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות מיט אַרבעטער גרופּן."

די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער קאָאָפּעראַציע־צענטראַלע נעמען אַרום מער ווי פופציק פאַרשידענע פאַכן אין דער פּראָדוקציע און געז. דינסט און זענען פאַרטיילט אין דריי הויפּט־קאַטעגאָריעס:

א. זעלבשטענדיקע קאָאָפּעראַטיוון,

ב. געמיינזאַמע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות און קאָאָפּעראַטיוון, אין וועלכע ס'איז אינוועסטירט הסתדרות־קאַפּיטאַל.

ג. געמיינזאַמע אונטערנעמונגען פון קאָאָפּעראַטיוון און פּריוואַט־אונטערנעמער.

בכדי דער כאַראַקטער זאָל נישט געפעלשט ווערן, איז דער אייגנטום־חלק פון די אַרבעטער אין קאָאָפּעראַטיוו אָנפּאַרטרויט געוואָרן אין די הענט פון דער הסתדרות. אַזוי אַרום דערשיינט נישט דער קאָאָפּעראַטיוו אַלס שותף צום פּריוואַט־קאַפּיטאַל נאָר די קאָאָפּעראַטיוון־קאַסע אין נאָמען פון די אַרבעטער.

די גרעסטע צווייג און נעץ פון דער פּראָדוציר און באַדינונגס־קאָאָפּעראַציע איז די נעץ פון קאָמוניקאַציע. די גאַנצע פּאַסאַזשיר־באַוועגונג אויף די וועגן איז אָרגאַניזירט אין אַ קאָאָפּעראַטיווער פאָרם. די עפנטלעכע קאָמוניקאַציע און די אויטאָבוסן איז קאָנצענטרירט אין דריי קאָאָפּעראַטיוון: „אגד", „דן" און „המקשר".

„אגד"

פון די דאָזיקע דריי קאָאָפּעראַטיוון איז „אגד" דער גרעסטער. ער פאַראייניקט אין זיך דריי קאָאָפּעראַטיוון („אגד" — „שחר" — „דרום יהודה"), וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אין נאָוועמבער 1951. פאַר דער פאַראייניקונג האָט עקזיסטירט אַ געאָגראַפישע צעטיילונג צווישן די דריי אויבנאויסגערעכנטע קאָאָפּעראַטיוון: „אגד" האָט באַדינט דעם צענטער און צפון פון לאַנד אויסער חיפה; „שחר" האָט באַדינט חיפה; און „דרום יהודה" האָט באַדינט די געגנט דרום צו תל־אביב.

ווען דער פאַראייניקטער קאָאָפּעראַטיוו „אגד" (א.ש.ד.) איז אַנטשטאַנען, האָבן זיך געפונען אויטאָבוסן פון פאַרשידענע מאָדעלן. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן שווערע פּראָבלעמען פון צושטעלן פאַרשידענע באַשטאַנד־טיילן, פאַרריכטן און אויפהאַלטן דעם בונטן אינווענטאַר. לעצטנס איז פאַרגעקומען אַ גרויסער פאָרשריט אינעם פאַראייניהייטלעכן דעם אויטאָבוס־פּאַרק פון דער גרויסער נעץ אויטאָבוסן.

אין מאָדערנע לענדער איז אָנגענומען, אַז צוויי פּראָצענט פון דער באַפעל־קערונג באַנוצן זיך יערלעך מיט דער קאָמוניקאַציע־באַדינונג. אין ישראל באַטרעפט די צאָל פון „אגד"־פּאַסאַזשירן דורכשניטלעך ניין פּראָצענט יערלעך.

„אגד" איז אַ קאָמוניקאַציע־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס זיינע חברים זענען שותפים צו אַלע רעכטן און חובות און טראָגן די פולע און גלייכע פאַראַנטוואָרטונג פאַרן אויספירן אַלע דינסטן פאַר די פּאַסאַזשירן.

די העכסטע אינסטאַנץ אין „אגד" זענען די מיטגלידער אַליין, וועלכע קומען זיך צונויף איינמאָל אין יאָר אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג קלייבן זיי אויס זייערע פאָרשטייער אין די פאַרשידענע אינסטאַנצן: ראַט, פאַרוואַלטונג, קאָנטראָל־קאָמיסיע און חברים־געריכט.

ביים רעזומירן דאַרף געזאָגט ווערן:

מער ווי אַ העלפט פון דער פּראַכט־קאָמוניקאַציע אויף לאַנגע און מיטעלע וועגן ווערט אויסגעפירט דורך די קאָאָפּעראַטיוון און ווירטשאַפטלעכע פאַרבאַנדן פאַר פּראַכט־קאָמוניקאַציע, וואָס אויך זיי זענען אָנגעשלאָסן אין דער קאָאָפּעראַציע־צענטראַלע.

די באַוועגונג פון פּראָדוציר און באַדינונגס־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון „חברת עובדים", בילדעט אַ וויכטיקן פאַקטאָר ביים פאַרגרעסערן די צאָל באַשעפטיקטע, ביים באַפרייען דעם אַרבעטער פון דער זאָרג צו זוכן אַן אַרבעטס־טאָג און ביים צוגרייטן אים צו פּראָדוקטיווער שותפות־אַרבעט.

די רעאָרגאַניזאַציע אין דער צענטראַלע פון דער קאָאָפּעראַציע

אין יאָר 1958 האָט „חברת עובדים" באַשלאָסן צו ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט פון דער צענטראַלע (מרכז הקואופרציה) דורך אויסבילדן דריי אויטאָנאָמע סעק־טאָרן: דעם פּראָדוציר־סעקטאָר, דעם טראַנספּאָרט־סעקטאָר און דעם באַדינונגס־סעקטאָר. די פאַרוואַלטונג פון יעדן סעקטאָר באַשטייט אויף אַ העלפט פון „חברת

עובדים״־פּאַרטרעטער און א העלפט פון פּאָרשטייער פון סעקטאָר. די צענטראַלע ווערט אזוי ארום אַן אויבער־קערפּערשאפט, וואָס קאָאָרדינירט די אַרבעט פון אַלע דריי סעקטאָרן און פילט אויס גלייכצייטיק פונקציעס, וואָס זענען געמיינזאם פאר אַלע דריי סעקטאָרן, ווי אן אויפזיכטס־קאָמיסיע (ברית הפיתוח), אן אָרגאַניזאַציע־אָפּטיילונג (מחלקת אירגון), יורידישע קאָנסולטאַציע און בוררות (ענף משפטי ובוררויות), קולטור־ און דערציונגס־ארבעט, אריינגערעכנט דעם חודש־אָרגאַן „שיתוף״, סטאטיסטיק, בוכפירונג און קאַסע, פארזיכערונג, אלגעמיינע אדמיניס־טראַציע א.א.וו.

די אינסטיטוציעס פון דער צענטראַלע

„קופּת הקואופרטיבים״ (די קאַסע פון די קאָאָפּעראַטיוון) איז דער פינאַנ־סיעלער אָרגאַן פון דער קאָאָפּעראַציע, וואָס פירט אויס אַלע פינאַנסיעלע אָפּעראַ־ציעס און פינאַנסירט די לויפנדיקע ארבעט.

חברת „נוע״ —אַ צענטראַלע איינקויפס־שטעלע, וואָס באַזאָרגט ברענ־שטאָף, גומי־רעדער און כלערליי מאַשין־טיילן. „נוע״ האָט אויך איניציאירט דאָס אויפשטעלן די פאבריק פאר גומי־רעדער „אַליאַנס״ און איז באטייליקט אין גע־שעפט מיט 25% פון דער קאַפּיטאַל־אינוועסטיציע.

„שתף״ — א געזעלשאפט, וואָס קויפט איין פאר די קאָאָפּעראַטיוון רוישטאָף און געצייג און פאַרקויפט זייער פּראָדוקציע.

„שתף־סחר־חוץ״ — אַ טאָכטער־געזעלשאַפט פון „שתף״ איז באַשטימט פאַר עקספּאָרט־אָפּעראַציעס פון די קאָאָפּעראַטיוון.

אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט „חברה לעידוד מפעלי תעשיה באזורי פיתוח״, פאַרנעמט זיך מיט אויפשטעלן קאָאָפּעראטיוון אָדער אַרטעלן אין די אַזוי־גערופענע „אנטוויקלונגס־ראַיאָנען״, וווּהין עס ווערט געקערעוועט די עליה.

די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע פאַרנעמט א גאנץ בכבודיקן פּלאַץ אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד און העלפט נישט ווייניק צו צוימען די קאַרטעליזאציע־פּראָ־צעסן אין לאַנד.

די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע

פונקט ווי דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין שיצט דעם ארבעטער אַלס אַ פּראָ־דוצענט, אַזוי שיצט די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אַלס א קאָנסומענט. די הכנסה און דער לעבנס־סטאַנדארט פונעם ארבעטער ווערט באַשטימט נישט בלויז דורך זיין נאָמינאַלן לוין, נאָר אויך דורך דעם פּרייז פון די געברויך־אַרטיקלען און זייער קוואַליטעט. ביליקע סחורה, פעסטע פּרייזן, רעיעלע קוואַליטעט, פּינקטלעכע וואָג — הייבן דעם רעאַלן ארבעטס־לוין, אָט פאַרוואָס די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, ביי אירע אַלע נאָך נישט אויסגעלעבטע פעלערן און שוואַכקייטן, האָט פונדעסטוועגן געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען אין לאנד און נעמט אַרום כמעט אַ דריטל פון ישוב.

דער וווקס פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע

דער ערשטער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו אין תל־אביב, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1929, האָט געציילט 46 חברים. וואָס פאַר א קאָלאָסאַלן מהלך די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע האָט דורכגעמאַכט! דעם גרויסן שווונג האָט באַקומען די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע אין דער תקופה פון צווייטן וועלט־קריג, ווען ס׳איז געוואָרן אַ דוחק אויף פּראָדוקטן און די קאָאָפּעראַציע האָט ממש ארויסגעראטעוועט די ארבעטער פון ביטערער נויט.

ביים אויסברוך פונעם באַפרייונגס־קאַמף איז עס ווידער געווען די קאָאָפּע־ראַציע, וואָס האָט מאָביליזירט און ארויסגעוויזן א גרויסע פעיקייט אַדורכצופירן די באַלאַגערונגס־רינגען און באַזאָרגן פּראָדוקטן און ארטיקלען ווו עס איז נייטיק געווען.

און אויב צום דריטן מאָל — באַלד נאָכן אויפקום פון דער מדינה, ווען עס האָט זיך צעבושעוועט די אינפלאַציע און דער שוואַרצער מאַרק האָט זיך צעהו־ליעט — איז די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע געבליבן טריי איר געזעלשאַפטלעכער שליחות און נישט דערלאָזט, אז דער ארבעטער זאָל אויסגעליפערט ווערן צום גנאָד פון דער שפּעקולאַציע. די גרויסע אוניווערסאַלע קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן, דער „המשביר לצרכן“, האָבן נישט ווייניק צוגעהאָלפן צו פאַראַליזירן די אַפּעטיטן פון די פּראָפיט־זוכער אויפן חשבון פון קאָנסומענט.

די וווינונגס־קאָאָפּעראַציע ביי דער הסתדרות

— אין יאָר 1930 האָט די הסתדרות געגרינדעט די געזעלשאַפט „שיכון" — וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט בויען קאָאָפּעראַטיווע וווין־הייזער פאַר אַרבעטער אין די שטעט. אין 1945 גרינדעט די הסתדרות די געזעלשאַפט „נוה עובד", וואָס פאַרנעמט זיך מיט בויען וווינונגען אין די קאָלאָניעס.

די פּרינציפּן פאַר די הסתדרות־שיכונים ווערן באַשטימט אויף דער 4־טער הסתדרות־קאָנפערענץ:

„די קאָנפערענץ באַשטימט ווי אַן עיקר־ליניע פאַר דער הסתדרותישער שיכון־טעטיקייט דאָס אויפשטעלן אַרבעטער וווין־זידלונגען און אַרבעטער־קוואַרטאַלן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, וועמענס אייגנטום וועט זיך געפונען אין די הענט פונעם שותפות־פאַרבאַנד פון די איינוווינער, ביים פאַרזיכערן די אַנטשיידנדע השפעה דער אַרבעטער־געזעלשאַפט".

— אין 1955 פאַראייניקן זיךביידע הסתדרותישע שיכון־אינסטיטוציעס — „שיכון" און „נוה עובד", און בילדן די געזעלשאַפט א. נ. „שיכון עובדים".

די שיכון־אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות האָבן דערמעגלעכט און דערמעגלעכן פאַר מאַסן אַרבעטער צו דערגרייכן אייגענע, גוטע און באַקוועמע וווין־באַדינגונגען, און דאָס שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע ראַם אויף די יסודות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

כדי צו דערפילן אירע אויפגאַבן, זאָרגט די שיכון־געזעלשאַפט פאַר באָדן־רעזערוון, באָדן־פּלאַנירונג און זײַער אַנטוויקלונג, דורך צוגרייטן דעם באָדן, שאַסייען־בויונג, צוגרייטונג פון וואַסער־פאַרזאָרגונג, געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס — אָנגעהויבן פון קינדער־גערטנער ביז קאָאָפּעראַטיוון געוועלב, זאָרג פאַר קוועלן פון הלוואות, לאַנגיעריקע משכנתאות פאַר די לאָקאַטאָרן א. אַנד.

ביז אין דער העלפט פון 1959 זענען אויסגעבויט געוואָרן דורך דער געז. „שיכון עובדים" 57.000 דירות, אין 270 וווין־קוואַרטאַלן פון שטאָט און מושבות פון לאַנד.

די אַרבעטער וווין־קוואַרטאַלן און זידלונגען, וואָס זענען אויפגעשטעלט

געוואָרן דורך דער געז. „שיכון עובדים", זענען פאַרזאָרגט מיט אַ נעץ פון געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי: קינדער־גאָרטנס, שולן, ספּאָרט־פּלעצער, סטאַ־דיאָנען, קאָנסום־געוועלבער, אַמבולאַטאָריעס, קלובן און פאָלקס־הייזער, וואָס דינען אויך פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן און קינאָ. די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע בנינים געהערן דער זידלונג אָדער צו קרובישע אינסטיטוציעס, אָבער זענען געבויט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו און מיט דער הילף פון דער שיכון־געזעלשאַפט.

די געז. „שיכון עובדים" איז די עיקר־אויספירערין פון די גרויסע שיכון־בוי־אונטערנעמונגען אין לאַנד. זי איז די עלטסטע און גרעסטע געזעלשאַפט אינעם זין פון דערפאַרונג און פאַך־קענטעניש אויפן געביט פון פּלאַנירונג און בוי.

די גרינדונגס־אַקציעס פון „שיכון עובדים" געפונען זיך אין די הענט פון „חברת עובדים".

ביזן בוי־סעזאָן פון 1958/59 זענען אויפגעשטעלט געוואָרן קרוב צו 55.000 דירות לויט פאָלגנדער טאַבעלע:

	אין די מושבות	אין שטעט	ס"ה
1948 (ביזן אַנטשטיין פון דער מדינה)	1.200	6.800	8.000
1948 ביז 1958 (נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה)	20.200	26.550	46.750
בס"ה	21.400	33.350	54.750

די גרויסע שינויים, וועלכע עס האָט מיט זיך געבראַכט דאָס אַנטשטיין פון דער מדינה האָבן אויך געפאָדערט צו רעווידירן די כללים און די מיטלען, די ראַמען און די צילן, לויט וועלכע עס איז רעאַליזירט געוואָרן די טעטיקייט פון דער ווינונגס־קאָאָפּעראַציע ביי דער הסתדרות.

דעם 14 אָקטאָבער 1956 באַשליסט דער עקזעקוטיוו פון דער הסתדרות אויסצוטיילן אַ קאָמיסיע, מיטן אויפטראַג צו פאָרשן די אָרגאַניזאַציאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פונעם הסתדרותישן שיכון, און ברענגען פאַרן

אויספיר־קאָמיטעט פון דער הסתדרות אירע מסקנות און פאָרשלאָגן, וואָס זענען נאָך אַן אַלגעמיינער און טיפער באַטראַכטונג פונעם באַריכט, וועלכן די קאָמיסיע האָט פאַרלאַנגט, באַשטעטיקט געוואָרן אין נאָוועמבער 1957.

עס איז באַשטימט געוואָרן אַן אויבערשטע קאָמיסיע פאַר שיכון־ענינים, באַפולמעכטיקט צו באַטראַכטן און באַשליסן אין אלע פרינציפּיעלע ענינים, וואָס זענען נוגע די פּראָבלעמען פון הסתדרותישן שיכון.

בהתאם צו די תקנות, איז דער גאַנצער טיפּול מיט די ענינים פון די שיכון־איינוווינער קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער שיכון־קאָמיסיע ביים ארבעטער־ראַט (מועצת הפועלים), צו וועלכן זיי געהערן. צו דער דאָזיקער קאָמיסיע ווענדעט זיך דער איינוווינער אין אַלע ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיין שיכון (פּרט פון די פראַגן, וואָס זענען נוגע דער שיכון־געזעלשאַפט). זי אָרדנט זיינע פאָרמעלע ענינים, דערלעדיקט פאַר אים די באַוויליקונגען און באַוואַכט סטאַביל די אינטערעסן פון די שיכון־באַוווינער.

די באַוווינער זענען באַרעכטיקט אויסצוויילן פאַר זיך איינע פון די דריי יורידישע פאָרמען פאַר רעגיסטרירן זייער דירה: א. רעגיסטראַציע אין אַ שותפות־ראַם; ב. רעגיסטראַציע אויפן וועג פון אַן אָפּמאַך פון „דריטן צד״; ג. און יעדן אַנדערן וועג, מיט דער באַשטעטיקונג פון „חברת עובדים״.

די יסודות, וואָס זענען באַשטימט פאַר דער רעגיסטראַציע אין שותפות־דיקער ראַם זענען: די באַוווינער אָרגאַניזירן זיך אין אַ שותפות־פאַרבאַנד פאַר שיכון, וועמענס סטאַטוט איז כולל אָנשלוס־אינסטרוקציעס פאַר דעם פאַרבאַנד און „חברת־עובדים״ (געזעלשאַפט פון די אַרבעטער) און אויפזיכט־ראַט פון די שיכון־פאַרבאַנדן. דער פאַרבאַנד איז דאָ דער הויפּט־פאַכטער פון באָדן און ווינד־הויז, בעת דער באַוווינער איז דער סוב־פאַכטער.

דער הויפּט פאַכט־קאָנטראַקט, וואָס ווערט רעגיסטרירט אין די ביכער פון דער זידלונג, דאַרף געחתמעט ווערן צווישן דעם באָדן־באַלעבאָס (הקרן הקיימת, באַפולמעכטיקטע פאַר אַנטוויקלונג א. אַנד.), דעם שיכון־פאַרבאַנד און אַרבעטער געזעלשאַפט. ווידער דער אָפּמאַך וועגן סוב־פאַכט דאַרף געחתמעט ווערן צווישן דעם באָדן־באַלעבאָס, דעם שיכון־פאַרבאַנד, דער אַרבעטער־געזעלשאַפט און די שיכון־באַוווינער.

אין די פֿאַכט־אָפּמאַכן זענען פֿאַרזיכערט די געזעלשאַפֿטלעכע יסודות, וואָס גילטן פֿאַר די הסתדרות־שיכונים.

די יסודות, וואָס זענען באַשטימט פֿאַר רעגיסטראַציע דורך אַן „אָפּמאַך ווי אַ דריטער צד" זענען:

א. די באַוווינער פֿאַראייניקן זיך נישט אין קיין שותפֿות־פֿאַרבאַנד און אין קיין שום אַנדערן פֿאַרבאַנד.

ב. דאָס פֿאַכט־רעכט לגבי דעם באָדן און דער וווינונגס־איינהייט ווערט רעגיסטרירט אויפֿן איינוווינער. דער פֿאַכט־אָפּמאַך, וואָס וועט רעגיסטרירט ווערן אין די ביכער פֿון דער זידלונג, ווערט געחתמעט מצד דעם באָדן־באַלעבאָס, דעם איינוווינער און דער אַרבעטער־געזעל־שאַפֿט (חברת עובדים) ווי דער דריטער צד צום אָפּמאַך. אינעם פֿאַכט־אָפּמאַך ווערן פֿאַרזיכערט די געזעלשאַפֿטלעכע יסודות פֿונעם שיכון.

ביי יעדער רעגיסטראַציע־פֿאָרעם, וועלכע די איינוווינער קלויבן אויס, ווערט אויפֿגעשטעלט אַ שותפֿות־פֿאַרבאַנד פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון עפֿנטלעכן דינסט און פֿאַר די געזעלשאַפֿטלעכע בנינים.

די געזעלשאַפֿטלעכע יסודות, אויף וועלכע ס'איז געבויט דער הסתדרות־שיכון זענען:

א. דער שיכון דינט פֿאַר וווין־צוועקן.

ב. דער באַוווינער איז באַרעכטיקט איבערגעבן זיינע רעכטן אין שיכון צו אַ צווייטן הסתדרות־חבר, מיט דער דערלויבעניש פֿונעם אַרבעטער־ראַט (מועצת הפועלים). דער פּרייַז פֿון דער דירה ווערט באַשטימט דורך אַ הסכם פֿון די פֿאַראינטערעסירטע צדדים. אויב ביידע צדדים וועלן דאָס פֿאָדערן, וועט דער אַרבעטער־ראַט אָפּשאַצן דעם ווערט פֿון דער דירה.

ג. אַ מיטגליד, וואָס איז אַן אייגנטימער פֿון אַ דירה אָדער אַ הויז, איז נישט באַרעכטיקט צו קיין צווייטן שיכון, סיידן ער באַקומט אַ ספּע־ציעלע דערלויבעניש פֿון אָרטיקן אַרבעטער־ראַט.

דער איינוווינער נויטיקט זיך נישט אין קיין שום דערלויבעניש פונעם פאַרבאַנד, צי פון אַרבעטער־ראַט אָדער דער געז. „שיכון עובדים", אין פאַל פון אויסברייטערונג אָדער ענדערונג אינעם בוי, וואָס פאַר־גרעסערט נישט די דירה אויף מער ווי 6 צימערן.

פאַר קאָנטראָל פון די בילאַנסן פון די שותפות־פאַרבאַנדן און אינסטרואירונג, עקזיסטירט דער קאָנטראָל־פאַרבאַנד פאַר שיכון־פאַרבאַנדן, וואָס איז אַן אומאָפּהענגיקע, געזעצלעכע אינסטאַנץ.

ביים קאָנטראָל־פאַרבאַנד איז געגרינדעט אַ פאָנד „אבן העזר", וואָס זיין אויפגאַבע איז צו העלפן די שותפות־פאַרבאַנדן און מיטגלידער מיט הלוואות פאַר קאָנסטרוקטיווע צוועקן, אויף באַקוועמע באַדינ־גונגען.

דער וועג צו ווירטשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע

די אַרבעטער־ווירטשאַפט ראַנגלט זיך שוין לאַנג מיטן פּראָבלעם, ווי אַזוי פאַרווירקלעכט מען ביי זיך די עיקרים פון ווירטשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע. דאָס מיינט, קודם כל: אליין ארבעטן און אליין אָנפירן מיט דער אונטערנעמונג — אין שליחות פונעם הסתדרות־כלל.

די 8־טע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1958, האָט פאָרמולירט די הויפּט־ליניע אין אָט דער ריכטונג.

„חברת עובדים" וועט פאַרפליכטן די אינדוסטריעלע הסתדרות־אונטערנע־מונגען גלייך מאַכן א פּרווו צו באַטייליקן די ארבעטער אין דער אָנפירונג און אויסגעפונען, נאָך דעם דורכגעמאַכטן פּרווו, דעם וועג ווי צו דערגרייכן דעם פולן ציל.

דעם 29־טן דעצעמבער 1957 האָט די הסתדרות־עקזעקוטיווע (הוועד הפועל) אָנגעצייכנט א ריי קאָנקרעטע מיטלען פאַר דורכפירן אין לעבן די באַשלוסן וועגן ווירטשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע.

אָט זענען די וויכטיקסטע:

אין יעדער אונטערנעמונג ווערט געשאַפן א ראַט אויף פּאַריטעטע יסודות: פון די ארבעטער און דער דירעקציע; די פארטרעטער פון ביידע צדדים האָבן די זעלבע רעכט; דער ראט קומט זיך צונויף איין מאָל א חודש, יעדנפאַלס נישט ווייניקער ווי 8 מאָל א יאָר.

אויסער די לוין־פראַגן און סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס געהערן צו דער קאָמפּעטענץ פון די ארבעטער־קאָמיטעטן און דירעקציע, וועט דער ראט באַטראַכטן אַלע ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אונטערנעמונג: דעם פּראָדוציר־פּלאַן, די אינוועסטיציעס, די איינריכטונג, דאָס אויסברייטערן די אונטערנעמונג און עפענען נייע אָפּטיילונגען, רעאָרגאַניזאַציע־פראַגן, דאָס פאַרבעסערן די פּראָדו־

ציר־שיטות און הייבן די קוואַליטעט פון די פאַבריקאַטן, די פראגע פון באַקומען רוישטאָף און פאַרזיכערן דעם אָפּזאָץ־מאַרק, די בילאַנס־ און פינאַנס־ענינים.

אין א געוויסער צאָל אַנטשפּרעכיקע אונטערנעמונגען וועט אויך די דירעקציע צוזאַמענגעשטעלט ווערן אויפן פּאַריטעטן יסוד: פון די ארבעטער און באַשטימטע דירעקציע־מיטגלידער.

איין מאָל אין יאָר קומט פאָר אן אלגעמיינע ארבעטער־פאַרזאַמלונג געדורכן ראט, ווו די דירעקציע און דער ראט גיבן אָפּ א באַריכט וועגן זייער טעטיקייט. נאָכן אויסהערן דעם באַריכט קומט פאָר אַ דיסקוסיע, ווו די ארבעטער קומען אַרויס מיט זייער קריטיק, באמערקונגען און פאָרשלאָגן. 6 חדשים נאָך דעם ווי עס ווערט אויסגעוויילט דער ראט פון דער אונטערנעמונג ווערט דער פּראָדוציר־ראַט איינגעגלידערט אין זיין ראַם.

אָט דער אַרבעטס־פּלאַן איז אויסגערעכנט אויף 3—2 יאָר ווי אַ פּרווו. במשך אָט דער תקופה וועלן אויסגעפאָרשט ווערן די פאַרשידענע פאָרמען פון דער שותפות און אַנטשפּרעכיק צו דעם וועט ענדגילטיק פעסטגעשטעלט ווערן די שיטה און די קאָנסטיטוציע פון די אונטערנעמונגען מיט געמיינזאַמער אָנפירונג, כדי צו דערגרייכן די פולע ווירטשאַפטלעכע דעמאָקראַטיע.

די הסתדרות — דער פּיאָנער פון דער יידישער ווירטשאַפט

היינט־צו־טאָג איז שווער זיך פאָרצושטעלן די מדינה אָן דעם גרויסן אויפטו פון הסתדרות, הן אין דער לאַנדווירטשאַפט, הן אין דער אינדוסטריע. אָבער דעציזירנדיק פאַר דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ווירטשאַפט זענען נישט בלויז די הערלעכע רעזולטאַטן, נאָר דער פּיאָנערישער אָנהייב. ס׳איז קלאָר, אַז אויב מען וואָלט זיך פאַרלאָזט אויפן פּריוואַטן קאַפּיטאַל און דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, וואָלטן מיר נישט זוכה געווען צו זען א פּאַרוואָרצלטע, איינגעפונדעוועטע יידישע לאַנדווירטשאַפט. זי איז אויפגעקומען נישט מיטן כוח פון יידישע פּלאַנטאַטאָרן, וועלכע לעבן דערצו נאָך אויף נישט־יידישער אַרבעט, נאָר מיטן כוח פון יידישער פּראַצע, פון אייגענער ארבעט, פון איבערגאַנג צו פעלד־אַרבעט און צו אַלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. און פּונקט אזא פּיאָנערן־ראָל האָט

אויסגעפירט די הסתדרות, נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה, אין דעם אינדוס־טריעלן שטח, באַזונדערס אין די נייע צענטערס פון דער אָנגעקומענער עליה: באר שבע, מגדל אשקלון, עכו, רמלה, לוד א.א.וו.

באר שבע, א שטייגער, האָט לכתחילה נישט געלאָקט דעם פּריוואַטן קאַפּי־טאַל. די הסתדרות איז עס געווען די, וואָס האָט זיך גענומען פאַר דער אנטוויקלונג פון באר שבע. „סולל בונה" האָט באַשעפטיקט הונדערטער ארבעטער ביי בוי און פאַרלייגט די פאַבריק „חרסה"; די געזעלשאַפט „חירות" האָט פון איר זייט באַ־שעפטיקט נייע הונדערטער ארבעטער. „אבן וסיד" האָט געלאָזט אין גאַנג שטיין־האַקערייען, קאַלך־גרובן און אנדערע ווערק. „המשקים" האָט אויסגעבויט די גרויסע מיל! „תנובה" — די ערשטע מילכעריי אין נגב. טויזנטער ארבעטער האָבן זיך סטאַביל איינגעאָרדנט און געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פאַר דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון באר שבע. ערשט דאַן, אין א צייט ארום האָבן זיך באַוויזן, מיט מזל, אויך פּריוואַטע אינוועסטיטאָרן, בפרט, אז די רעגירונג האָט זיי אַרויס־געהאָלפן מיט גאַנץ פיינע הלוואות און סובסידיעס.

די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל ווענדט זיך בעיקר צו דער פּראָדוקציע פון געברויכס־מיטלען און צו די גרויסע שטעט, אָבער ער ווייזט אַרויס אַ קנאַפּן חשק אָדער קיין שום חשק צו באַטייליקן זיך אין דער פּיאָ־נערן־ווירטשאַפט.

דערפאַר איז קיין וואונדער נישט, וואָס צום צענטן יאָר פון דער מדינה איז די צאָל באַשעפטיקטע אין דער הסתדרות־ווירטשאַפט געוואַקסן $2\frac{1}{2}$ מאָל אַזוי פיל. פון 60 טויזנט פאַרדינער מיט 10 יאָר צוריק, איז די צאָל דערגאַנגען איצטער צו 173.000 באַשעפטיקטע פאַרדינער אין דער הסתדרות־ווירטשאַפט.

אַ קורצע טאַבעלע וועט ווייזן די פאַרטיילונג פון דער אַרבעטער־קראַפט אין יאָר 1958:

דער צוזאַמענפלעכט פוןווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער שליחות

צווייג	צאָל פּאַרדינער	% פון סך הכל
לאַנדווירטשאַפט	92.000	53,2
אינדוסטריע און מלאכה	28.000	16,2
בוי	18.000	10,4
טראַנספּאָרט און פאַרקער	12.000	6,9
קאָאָפּעראַטיווער האַנדל, דערציונג, געזונטהייט א.א.וו.	23.000	13,3
ס"ה	173.000	100,0%

דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. פון 615.000 פאַרדינער אין ישראל אין יאָר 1958 האָט צו דער הסתדרות אָנגעהערט 400.000. דאָס מיינט: צוויי דריטל פון דער גאַנצער אַרבעטס־קראַפט איז הסתדרותיש. אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט זענען, בכן, באַשעפטיקט ביי 40% פון דער אַרבעטס־קראַפט, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין הסתדרות.

און צום סוף — אזא באַלערנדיקע אילוסטראַציע וועגן דער וואָגיקייט פון הסתדרות אין דער ווירטשאַפט:

70% פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע קומט פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט;

85% פון דעם גאַנצן מאָטאָריזירטן טראַנספּאָרט;

40% פון בוי־צווייג;

35% פון קרעדיט־ און פינאַנס־וועזן;

20% פון דער אינדוסטריע.

די איניציאַטיוו־קראַפט און די דרייסטקייט פון הסתדרות, פון דער אַרבעטערשאַפט, האָבן געגעבן דער ווירטשאַפט אין לאַנד א פאַרנעם און אַ שווונג, וואָס רופט אַרויס באַוואונדערונג אויך אין דער ברייטער וועלט.

אויספירן און סך־הכלען

די הסתדרות האָט געזיכערט דעם אויפקום פון דער מדינה. אָבער ערשט איצטער שיינט אויף מיט נאָך מער קראַפט דער ענדציל פון הסתדרות: אויס־

בויען די מדינה ווי א סאָציאַליסטישע ארבעטער־געזעלשאַפט. ס׳איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די הסתדרות איז אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר אין קאַמף פאַרן נצחון פון סאָציאַליזם, אָבער זי איז צוגלייך אַן ערשטראַנגיקער פאַקטאָר אין דעם עצם־בוי און אויפבוי פון א נאָרמאַלער ווירטשאַפט אין לאנד, ווו עס ווירקן פאַראַלעל ביידע סעקטאָרן: דער פּריוואַט־קאַפּיטאליסטישער און דער קאָאָפּעראַטיוו־הסתדרותישער. צווישן ביידע גייט אַ געראַנגל פאַר באַהערשן דעם פּראָצעס פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. ס׳איז א געראַנגל אַ ווירטשאפטלעכער און צוגלייך א סאָציאַל־פּאָליטישער. און ס׳איז קלאָר: וואָס גרעסער עס וועט זיין די השפעה פון דער הסתדרות אויף דער אויסבילדונג פון דער ווירטשאַפט, אַלץ לייכטער און וויניקער קרענקלעך וועט זיין דער איבערגאנג פון קאַפּיטאליזם צום סאָציאַליזם אין לאנד.

דער פּראָגרעסיווער כאַראַקטער פון דער מדינה ווערט באַשטימט דורך דעם כוח און דער ווירקונג פון דער הסתדרות. דעריבער מוז ווייטער אָנגיין די שטרעבונג פון הסתדרות אויסצובנרייטערן איר שאַפונגס־קראַפט אויף אַלע געביטן — אַנשטאָט אויפגעבן אירע פונקציעס אָדער איינשרומפּן זיי.

ב.

די הסתדרות אַלס אַ פּאָליטישע קראַפט

צוזאַמענאַרבעט פון הסתדרות מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע
און די מדינה־אַנשטאַלטן

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די דערגרייכונגען פון הסתדרות ווי אַ ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער פאַקטאָר. אָבער אויך אויפן פּאָליטישן געביט האָט די הסתדרות זיך אַרויסגעוויזן ווי די צענטראַלע טרייבקראַפט אין ישוב און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

נאָך אין יענער פריערדיקער תקופה, באַלד נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז די ארבעטער־באַוועגונג אויפגעטראָטן קעגן דער בירגערלעכער קליינקעפּלדיקייט און מאַכטלאָזיקייט, וואָס האָט שיר נישט געמאַכט א תל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון די ניי־געעפנטע פּאָליטישע פּערספּעקטיוון. שוין אויף דעם צוועלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד האָט בערל כצנלסון געשטורעמט: „ווי אַזוי האָבן מיר אויפגענומען די גרויסע שעה? פּאָליטיק־מאַכעריי איז ביי אונדז געוואָרן דאָס אויבערשטע פון שטויסל און דער עיקר — ארבעט־קאָלאָניזאַציע,עליה, ישראל־ענינים — איז פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל.דאָס פאָלק האָט מען נישט אָרגאַניזירט, די ציוניסטישע באוועגונג האָט מען צעטרענצלט, קיין כוח אין לאַנד האָט מען נישט געשאַפן, די עליה האָט מען נישט אַרויסגעהויבן און קיין באָדן האָבן מיר נישט דערוואָרבן".* און ווייטער... „די אָנפירונג באַשטייט פון לאָנדאָנער און ניו־יאָרקער נאָטאַבלען, קאָנצעלאַריע־לייט און כלערליי אַזוי־גערופענע גרויסע לייט, העלדן אויף פאַזירן פאַר קינאָ־פילמען". **

דער פּאָליטישער ציוניזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א ציוניזם פון דיפּלאָמאַטיע, וואָס רעדט שיין אָדער באַשעפטיקט זיך מיט ציטירן פסוקים פון דער תורה. די אָנפירונג איז בדרך כלל געלעגן אין די הענט פון די מערב־יידן, וועלכע

---

* ב. כצנלסון — כתבים (שריפטן), באַנד 1, ז. 281.
** דאָרט, ז' 236.

האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די „געטאָ־יידן" פון מזרח און אויף די „בייטיווס" פון ארץ ישראל.

איז געקומען די אָרגאַניזירטע ארבעטער־באַוועגונג און האָט אָנגעזאָגט, אַז אויפן אָרט פון דער באַנקראָטירטער בירגערלעכער אָנפירונג קומט אויף אַ פרײַשער כוח, וואָס וועט זיין דער אמתער יורש און וועט איבערנעמען דעם רודער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. שוין ביי זיין ערשטן אויפטריט האָט דער נייער כוח געוויזן קלאָר וווהין ער פירט: פון דער הויכער דעקלאַמאַציע און פאַרריסענער גדלות צו דעם „הייליקן שגעון" פון שאַפן און שאַצן „קלייניקייטן" — נאָך אַ סערטיפיקאַט, נאָך אַ דונאַם און ציג, נאָך אַן אויפגעשטעלטעווירטשאַפט. ווי האָט געשריבן בן גוריון אין זיין בוך: „ממעמד לעם — פון קלאַס צום פאָלק": „פּאָליטיק איז נישט קיין שפּיל אין דיפּלאָמאַטיע און אין מאַכן אַ דיפּלאָמאַטישן אָנשטעל"... „וואָס עס מאַכט אונדז פאַר אַ פּאָליטישן „יש" און וועקט רעספּעקט און אָנערקענונג צו אונדז ווי צו אַ ממשותדיקן כוח, איז אונדזער שאַפונג אין לאַנד, אונדזערע חלוצישע אָנשטרענגונגען". און די אָנשטרענגונג האָט טאַקע געגעבן פרוכט. אין יאָר 1931 איז דורכגעבראָכן געוואָרן די וואַנט, און ד"ר חיים ארלאָזאָראָוו איז אַריין אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. דער בירגערלעכער ציוניזם איז געוואָרן געפּלעפּט און עס האָט אויף אים אָנגעהויבן ציטערן די הויט, אַז די העגעמאָניע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג גליטשט זיך ארויס פון זיינע הענט.

און „ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך". אין דער וועלט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ די רעאַקציע און דער פאַשיזם האָט געהאַלטן אין שטייגן. ביי אונדז איז אויפגעקומען די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט קלאָר פאָרמולירט דורך איר פירער זשאַבאָטינסקי, איר וועג און איר ציל. אָט האָט איר אַזאַ חנעוודיקע דעקלאַראַציע זיינע: „די הסתדרות — אָט דער ראַק אויפן גוף פון ישוב, וואָס ווערט פעט פון באַלעבאַטישע נדבות — ברייטערט זיך אַלץ מער אויס און דראָט צו דערשטיקן דאָס לעבעדיקע אין ציוניזם. מוז מען זי ברעכן". און זשאַבאָטינסקי פּסקנט אַ הלכה פאַר זיינע תלמידים און חסידים: „מיטן כוח פון מיין קאָמפּעטענץ אַלס אַן ערלעכער מאַן וויש איך אָפּ פון דעם וואָרט שטרייק־ברעכער דעם מאָראַלישן פלעק. וואָס גייט אונדז אָן צי די הסתדרות דערקלערט אַ שטרייק?".

אין ישוב האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט פּולווער פון בירגער־קריג. די ביר־

גערלעכע רעאַקציע איז ארויס מיט א גענעראַל־אָפענסיווע קעגן דער אַרבעטער־באוועגונג און געדראָט ברעכן די הסתדרות. „בעסער אנארכיע איידער ארבעטער־מאַכט, בעסער חורבן, אַבי דער ארבעטער זאָל נישט שטיין אין שפּיץ". ער האָט אָבער קיין זאך נישט געהאָלפן. אויפן 20־טן קאָנגרעס איז אויסגעווילט געוואָרן אן עקזעקוטיווע פון דעם ארבעטער־פליגל און די פּראָגרעסיווע ציוניסטן. (ציונים א'). עס האָט ביי אונדז פּאַסירט דאָס פארקערטע, ווי ביי א סך אנדערע פעלקער. דאָרט האָט דער פאַשיזם באַזיגט די ארבעטער־באוועגונג און ביי אונדז האָט גראָד די רעאקציע געליטן די מפּלה. וואָס איז אונדז בייגעשטאַנען אין דעם שווערן און ביטערן געראַנגל? די פאַראייניקטע קראַפט פון הסתדרות — דאָס האָט גערעטע־וועט די ארבעטער־באוועגונג, דעם ישוב און דעם ציוניזם, און געמאכט צו־נישט די האָפענונגען פונעם בירגערלעכן לאגער מיט די רעוויזיאָניסטן בראש, אז מען וועט איינברעכן די ארבעטער.

און ווען עס זענען געקומען די פינצטערע טעג פון „ווייסבוך" אין מאַי 1939 און שפּעטער — די גרויל־טעג פון דער וועלט־מלחמה, מיטן בלוטיקן נצחון־מאַרש פון דער פאשיסטישער בעסטיע, איז עס געווען די ארבעטער־אָנפירונג, וואָס האָט פעסט, מיט א זיכערער האַנט, געפירט דעם ישוב און די ציוניסטישע באוועגונג, און ארויסגעפירט זיי פון סכנות, פּראָוואָקאַציעס און שיקאַנעס אויפן ברייטן שליאך פון עקשנותדיקן געראַנגל פאר א יידישער מדינה. בן גוריון האָט עס פאָרמולירט קלאָר און אָפן אלס תשובה אויפן „ווייסבוך", וואָס האָט געפסקנט, אַז יידן קאָנען זיך באזעצן בלויז אין דעם שטח פון 1.344.000 דונאם און אז די עליה מוז אָפּגע־שטעלט ווערן. „איצטער, ווען מיר שטייען אויפן שוועל פון דער מלחמה, מוזן מיר זיך אליין קלאָר מאכן דעם וועג און דעם ציל פון אונדזער געראַנגל. די וועלט־מלחמה 1914—18 האָט אונדז געבראַכט די באלפור־דעקלאַראַציע; היינט מוזן מיר דערגרייכן צו א יידישער מדינה... נישט קיין פאָרמול זוכן מיר, מעג זי זיין די בעסטע און אידעאלסטע, נאָר מיר ווילן שאפן דעם פאקט, דעם פאקט פון א יידי־שער מדינה!" *

---

* ד. בן־גוריון — במערכה, באַנד III, ז. 14, — 8.9.1939.

אין יאָר 1942 האָט בן גוריון באַזוכט די פּאַראייניקטע שטאַטן און דורכגע־פירט דאָרט אויף א ציוניסטישער קאָנפערענץ דעם באַרימטן „בילטמאָר"־באַשלוס וועגן א יידישער מדינה. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין ארץ ישראל האָט דעם באשלוס באשטעטיקט איינשטימיק און דערקלערט, אז דער ציל איז: „אויסבילדן ארץ־ישראל ווי א יידישע קאָמאָנוועלט, וואָס זאָל זיין פארוואָרצלט אין דער נייער דעמאָקראַטישער סטרוקטור פון דער וועלט".

29־טער יוני 1946, די מאַנדאַט־מאַכט אָרגאַניזירט א ברייט־פאַרמאָסטענע פּראָוואָקאַציע, כדי אונדז אריינצושלעפּן אין א דעצידירנדיקער שלאַכט און אַזוי ארום דערלאַנגען אונדז א טויט־קלאַפּ. אדאנק דער ארבעטערשאַפט און דער הס־תדרות איז דער אויסגערעכנטער אָנגריף אָפּגעשלאָגן געוואָרן. אונדזער באוואָפנטע שוץ־קראפט איז געוואַקסן, די קאָלאָניזאַציע־ארבעט איז אָנגעגאַנגען מיט א נאָך מער האַסטיקן טעמפּ און די „אומלעגאַלע" עליה פון מעפּילים האָט געשטראָמט צו די ברעגעס פון לאַנד. כמעט אין איין נאַכט ממש זענען פאַרלייגט געוואָרן אין נגב 11 יידישע ישובים, וואָס האָבן שפּעטער, אין באפרייונגס־קאַמף, געראַטעוועט דעם נגב און צעבראָכן די מצרישע אינוואַזיע. ווי א פּרעכטיקע און מעכטיקע קראַפט איז אויפגעקומען דער פלמ"ח, וואָס האָט דעצידירט וועגן גורל פון אונדזער באפרייונגס־קאַמף און געזיכערט אונדז דעם נצחון. און זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן מיט ליבשאַפט און יראת הכבוד די שעפער און בויער פון יידישן שוץ־כוח — אליהו גאָלאָמב און יצחק שדה, וועלכע האָבן אויסגעפורעמט די הגנה, דעם פלמ"ח. זייער אָנדענק וועט מיט אונדז תמיד פאַרבלייבן.

די לויפנדיקע פּאָליטישע טעטיקייט פון הסתדרות

קאָנטאַקט און פאַרבינדונג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג

דורך דריי קאַנאַלן פירט די הסתדרות איר פאַרצווייגטע פּאָליטישע ארבעט:

1. דורך אַקטיוו באַטייליקן זיך, אַלס מיטגליד און שותף, אין די אינטער־נאַציאָנאַלע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין זייערע צונויפקומען;
2. דורך איינלאַדן, אויפנעמען און זיך מטפל זיין מיט פאַרשידענע

אַרבעטער־דעלעגאַציעס און אַרבעטער־פאָרשטייער, וועלכע באַזוכן כסדר דאָס לאַנד;

3. דורך ברייטער שריפטלעכער אויפקלערונגס־אַרבעט אין פאַרשידענע שפּראַכן.

די הסתדרות איז פאַרטראָטן אַלס מיטגליד אין פאָלגנדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס:

א. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפעדעראַציע פון די פרייע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן.

ב. אין די פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע אינטערנאַציאָנאַלן: בוי־אַרבעטער, ביוראָ־אָנגעשטעלטע, דימענט־שלייפער, דרוק־אַרבעטער, ים־אַרבעטער, האָלץ־אַרבעטער, מעטאַליסטן, לערער א.א.וו.

ג. אין אינטערנאַציאָנאַלן קאָאָפּעראַטיוון־פאַרבאַנד. דאָס איז, אגב, די איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־קערפּערשאַפט, וואָס האָט אויסגעמיטן די פּלאָג פון שפּאַלטונג און וווּ עס באַטייליקן זיך פאָרשטייער פון 35 לענדער, אָן אונטערשיד פון פּאָליטישער ריכטונג. דער פאַרבאַנד ציילט 120 מיליאָן חברים.

ד. אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט, וואָס נעמט אַרום אַלע לענדער און דינט ווי א פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטאַנץ פאַר די אַרבעטס־ענינים.

די הסתדרות שטייט אין א לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע גיט איר א באַדייטנדיקע פּאָליטישע און מאָראַלישע שטיצע; מיט דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד, מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פראַנקרייך, בעלגיע, סקאַנדינאַוויע, דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע און אַ היפּשע צאָל לענדער אין אַזיע און אַפריקע, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן אומאָפּהענגיקייט.

אַדאַנק דער הסתדרות און איר אומדערמידלעכער אַרבעט האָט מדינת ישראל זיך דערוואָרבן צאָלרייכע, אויפריכטיקע פריינד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ווערט אַלץ מער א דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין אַלע לענדער און אין דער וועלט־פּאָליטיק.

א באַזונדערע, ממש אומגעהויערע חשיבות באַקומט די פּאָליטישע אַרבעט פון דער הסתדרות אין דעם ריזיקן שטח פון פאַרבינדונגען מיט די אויפגעוואַכטע פעלקער אין אַזיע און אַפריקע.

די 71־טע סעסיע פון הסתדרות־לאַנדראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעב־רואַר 1959, האָט טאַקע אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע סומירט די דערגרייכונג און דערמוטיקט אָט די פּרוכטבאַרע אַרבעט. „אַ באַזונדערע אָנערקענונג", ווערט גע־זאָגט אין דעם באַשלוס, „קומט דער פּיאָנערן־אַרבעט אויף אויסבויען און פעסטיקן די פריינדשאַפט צווישן ישראל און די פעלקער אין אַזיע און אַפריקע. אויף דעם געביט האָט די הסתדרות דערגרייכט פאַר דער מדינה נישט־אויסגעטראָטענע וועגן און איז געוואָרן אַ הילפס־ און שטודיר־צימער פאַר די יונגע אַרבעטער־באַוועגונגען פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע לענדער, די אַקאָרשט באַפרייטע און די, וועלכע גייען זיך באַפרייען".

מיט דער אַקטיווער הילף און איניציאַטיוו פון הסתדרות איז אין ישראל פאָרגעקומען אויך א סעמינאַר פאַר דערציונג, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון 18 לענדער, דער רוב פון אַזיע און אַפריקע.

פאַר א גרופּע באַפרייטע זעלנער פון בורמע (51 מאַן) איז מיט דער הילף פון הסתדרות איינגעאָרדנט געוואָרן א סעמינאַר מיט א קורס פון א גאַנץ יאָר אויף צו שטודירן לאַנדווירטשאַפט.

מען קאָן זאָגן אָן קיין שום איבערטרייבונג, אַז די הסתדרות איז געוואָרן אַ וועגווייזער פאַר די אַרבעטער־באַוועגונגען אין אַזיע און אַפריקע און א מוסטער אין זייער געראַנגל פאַר פּאָליטישער, ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער דעמאָ־קראַטיע.

זעקסטער קאפיטל

די תורה פון מעשים

די פארבינדונג צווישן דעם מאטעריעלן
און גייסטיק־קולטורעלן שאפן

קולטור און דערציונג

צוגלייך מיט דער ווירטשאַפטלעכער, סאָציאַלער און פּאָליטישער אַרבעט, האָט די הסתדרות תמיד געלייגט די גרעסטע אַכט אויף דער קולטור־ און דערציונגס־אַרבעט. אמת, צוערשט האָט די הסתדרות זיך קאָנצענטרירט, בעיקר, אויפן געביט פון באַקענען די נייע עולים מיט דער שפּראַך און אַריינפירן זיי אין דער קולטור־סביבה פון לאַנד, אין גייסט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער שוין אויף דער ערשטער סעסיע פון הסתדרות־לאַנדראַט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, וואָס „פאַרפליכטעט די קולטור־קאָמיסיע צו לייגן אַ באַזונדערן אַכט אויף דערציִען די אַרבעטער־קינדער און פעסטשטעלן די יסודות און פּעדאַגאָגישן צוגאַנג אין די שולן פאַר אַרבעטער־קינדער". אַזוי אַרום האָט די הסתדרות אָנגעצייכנט אַ פּאַראַלעלן וועג פון קורסן פאַר דערוואַקסענע, פאַר שולן, פאַר שפּראַך־קענטעניש און אַלגעמיינער אויפקלער־אַרבעט.

ערשט אין יאָר 1925 האָט זיך דערוועקט די פראַגע וועגן די באַזונדערע ריכטונגען אין דער קינדער דערציונג. היות דער 14־טער ציוניסטישער קאָנגרעס (אין יאָר 1925) האָט גענומען אויסאַרבעטן אַ שול־געזעץ, רעכענענדיק זיך מיט די עקזיסטירנדיקע צוויי שול־ריכטונגען: „המזרחי" און די אַלגעמיינע ריכטונג, האָט די הסתדרות פאַרלאַנגט צו אָנערקענען די אַרבעטער־ריכטונג, ווי אַ דריטע אויטאָנאָמע שול־ריכטונג. דער קאָנגרעס האָט נאָכגעגעבן די פאָדערונג און פון דאַן אָן האָבן אַ צייט לאַנג עקזיסטירט דריי שול־ריכטונגען.

אָנשטאָט דער פריערדיקער קולטור־קאָמיסיע ביי דער הסתדרות, וואָס האָט איינגעשלאָסן אַלע פאַרשידענע פונקציעס פון קולטור און דערציונג, איז אין יאָר 1934 געשאַפן געוואָרן דער „מרכז לחינוך" (די שול־ און דערציונגס־צענטראַלע). די קולטור־אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער קאָמפּעטענץ פון די לאָקאַלע אַרבעטער־ראַטן. אין יאָר 1935 איז פאָרגעקומען אַ וויטערדיקע ענדערונג. פאַראַ־

לעל מיט דער שול־צענטראַלע איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער „מרכז לתרבות״ (די קולטור־צענטראַלע).

אַ ווייטערדיקע ווענדונג איז פאָרגעקומען אין יאָר 1953, ווען די כנסת האָט אָנגענומען דאָס געזעץ וועגן איינהייטלעכער מלוכה־דערציונג און פאַר אָפּשאַפן די באַזונדערע שול־ און דערציונגס־ריכטונגען. פאַקטיש אָבער איז ליקווידירט געוואָרן נאָר די ארבעטער־ריכטונג, ווייל דער רעליגיעזער שול־סעקטאָר איז פאַרבליבן אלס א באַזונדערע אינסטאַנץ, הגם אונטער דער אלגעמיינער אויפזיכט פון מיניסטער פאַר בילדונג און דערציונג.

פון דאַן אָן עקזיסטירט ביי דער הסתדרות איין צענטראַלע אונטערן נאָמען „מרכז לתרבות ולחינוך״ (צענטראַלע פאַר קולטור און דערציונג).

דערציונג און פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג

די הסתדרותישע נעץ פאַר פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג איז אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און נעמט אַרום יוגנט פון 14 יאָר און העכער. די לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן און די לערן־פערמעס נעמען ארום איבער אַ העלפט פון די תלמידים פאַר לאַנדווירטשאַפט.

צוגלייך מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג פירט די הסתדרות אַ ברייטע ארבעט אין שטאָטישן סעקטאָר. די הסתדרות פאַרמאָגט: א לערער־סעמינאַר פאַר אויסבילדן לערער און דערציער אין די קינדער־גערטנער; שולן פאַר שפּיטאָל־שוועסטער; טעכנישע שולן פאַר מיידלעך; אַ הויכשול פאַר ביוראָ־אַרבעטער ביי דער אוניווערזיטעט און כלערליי פּראָפעסיאָנעלע שולן און קורסן אין די שטעט און דערפער.

די פּראָפעסיאָנעלע שול אויפן נאָמען פון מאַקס פיין אין תל־אביב (געגרינדעט אין יאָר 1930) איז געווען אַן אָנהייב; דערנאָך איז געקומען די שול־נעץ „עמל״, וועלכע האָט אירע בילדונגס־אַנשטאַלטן אין ירושלים, חיפה, חדרה פתח תקוה, טבריה, רמלה, באר שבע, און צוויי אַגראָטעכנישע שולן פאַר אויסבילדן מעכאַניקער: אין אפיקים (עמק הירדן) און קיבוץ שריד (עמק יזרעאל). די שולן לאָזן ארויס פאַכלייט אויף כלערליי געביטן: עלעקטראָמעכאַניקער, שלאָסער, מא־

שיניסטן, ראַדיאָמעכאַניקער, סטאָלעריי־ארבעטער, ספּעציאַליסטן פאַר אַוויאַציע־באדינונג א.א.וו.

ביי די פארשידענע שולן זענען פאראן ספּעציעלע אָוונט־קורסן פאַר דער־וואַקסענע און יוגנט, אָנגעפירט בשותפות און מיט דער הילף פונעם ארבעטס־מיניסטעריום. טויזנטער יוגנטלעכע און דערוואַקסענע אַרבעטער דערווערבן זיך אַ פאַך, א קוואליפיקאַציע אין פאַך און אן איבערקוואַליפיקאַציע פון איין פאַך צום צווייטן — דורך דער פּראָפעסיאָנעלער שול־נעץ פון דער הסתדרות.

אויסבילדונג פון אַ הסתדרות־אַקטיוו

אין יאָר 1947 איז געגרינדעט געוואָרן די שול פאַר אויסבילדן א הסתד־רות־אקטיוו (בית ספר לפעילי ההסתדרות), וואָס זאָל זיין פעיק אויסצופירן געזעל־שאפטלעכע ארבעט און שליחות. די תלמידים פון אָט דער שול ווערן אויסגעווילט און געשיקט פון די אַרבעטער־ראטן, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, לאנד־קיבוצים, ווי אויך דורך אנדערע געזעלשאַפטלעכע און הסתדרותישע אָרגאַניזאַציעס. די שול פירט דורך כלערליי סעמינאַרן, קורץ־טערמיניקע און לענגערע — פון אַ וואָך ביז א האלב יאָר. אַ ספּעציעלער אָוונט־סעמינאַר פאַר דעם אקטיוו אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט האָט געדויערט גאנצע 8 חדשים.

אויסער די סיסטעמאַטישע סעמינאַרן אָרגאניזירט די שול ספּעציעלע שטודיר־טעג אין שבתים, געווידמעט אַ באַשטימטער טעמע.

וואָס שטודירט מען אין די סעמינאַרן? עס איז געווענדט פונעם קאָדער צוהערער. עס זענען פאראן סעמינאַרן פאַר חברים פון די פאַבריקס־קאָמיטעטן, פאר ביוראָ־ארבעטער אין הסתדרות, פאר נייע עולים, פאַרן אקטיוו, וואָס אינ־כטרוירט די נייע עולים, פאַרן אקטיוו אויפן געביט פון קולטור־ און אויפקלערונגס־ארבעט, פאַר די, וועלכע ווילן זיך פארפולקאָמען אין די פראגן פון ארבעטס־פּראָ־דוקטיווקייט און פּראָדוציר־פּראָצעסן, פאַר אינסטרוקטאָרן אין די יוגנט־באַוועגונגען, פאר שליחים אויף צוגרייטן חלוצים אין אויסלאנד, פאר מלוכה־אָנגע־שטעלטע, פאַר לערער און דערציער. נאַטירלעך, זענען די שטודיר־פּראָגראַמען פאַרשידענע און די טעמאַטיק איז אַן אנדערע, הגם עס ווערט געלייגט אכט, אַז די דערציערישע ארבעטער־באַזע זאָל זיין אַן איינהייטלעכע.

במשך 10 יאָר מדינה האָט די שול דורכגעפירט 437 סעמינאַרן מיט 17.766 תלמידים. אין די ספּעציעלע שטודיר־טעג און שבתים האָבן זיך באַטייליקט 35.925 צוהערער. די טויזנטער קורסאַנטן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די שול בילדן איצטער דעם געשולטן הסתדרות־קאַדער אין די פאַרשידנסטע און ווייטסטע ווינקלען אין לאַנד.

בילדונג פאַר דערוואַקסענע

שפּראַך־קענטעניש פאַר די ברייטסטע שיכטן

אַ גרויסע פּיאָנערן־ארבעט האָט אויסגעפירט און פירט אויס די הסתדרות אויפן געביט פון אויסלערנען די ברייטע אַרבעטער־שיכטן, בפרט די נייע עולים, רעדן, לייענען און שרייבן עברית. דאָס מיינט: אריינפירן די אָנגעקומענע אין אַ נייער פאַר זיי שפּראַך־ און קולטור־סביבה, זיי זאָלן זיך נישט פילן פרעמד און שטום. דער ערשטער און וויכטיקסטער אינסטרומענט דערצו איז די שפּראַך־סטודיע(אולפּן). דאָ באַקומט דער צוהערער הן די עלעמענטאַרע ידיעות אין עברית, הן די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם כאַראַקטער, וועזן און ווערטן פון דער אָר־גאַניזירטער ארבעטערשאַפט אין הסתדרות. דער אולפּן איז אויך אַ ווירקזאַמער אינסטרומענט פארן צוזאַמענטרעף פון די פאַרשידענע עדות און שבטים, פאַר אָפּ־ווישן די קעגנזייטיקע פרעמדקייט און שאַפן חברישע דערנענטערונג צווישן זיי. און ס'איז דאָך קלאָר: דער ערשטער תנאי פאַר צונויפגיסן די עדות (מיזוג גלויות) איז ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם און די עם־הארצות. הייבן דעם קולטור־ניוואָ און אויסגלייכן אים איז אַ לעבנס־פראַגע פאַר דער מדינה, פאַר דער הסתדרות.

עלעמענטאַרע גרונד־בילדונג פאַר דערוואַקסענע

אויסלערנען זיך עברית איז די ערשטע שטופע, אָבער דאָס איז, נאַטירלעך, ווייניק. עס זענען פאַראַן גאָר ברייטע שיכטן, בפרט אין די מעברות און פאַרשטעט, וואָס האָבן, צוליב עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבות, נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייט צו באַזוכן אַ שול אָדער פאַרענדיקן זי. זענען זיי געבליבן הינטערשטעליק

עולים־זידלונג — שלאָגט װאָרצלען

אַ משפּחה פון נייע עולים (אַלע זין אין צה״ל)

עולים־טיפּן

אַ אינדישע דעלעגאַציע אויף אַ באַזוך אינעם הסתדרות־הויז (הועד־הפועל)



עברית־אַוּנטקורסן



גימנאַסטיק („הפועל״-גרופּע)

פאַך־אויסבילדונג אין די „עמל״־שולן

אַרבעטער־פאַרזאַמלונג

אין אלגעמיינער בילדונג, ווי אין יידישער. די אָוונט־קורסן, וואָס די הסתדרות האָט איינגעאָרדנט אין די פאַרשידענע טיילן פון די שטעט און אין די קאָלאָניעס, האָבן זיך געשטעלט דעם ציל: קיין שום חבר פון הסתדרות זאָל נישט בלייבן אויסערן תחום פון עלעמענטאַרער בילדונג — אַלגעמיינער און יידישער.

מיטלשול־בילדונג

היינטיקע צייטן קאָן מען זיך שוין נישט באַגיין בלויז מיט עלעמענטאַרער בילדונג. אָן א מער גרינטלעכער מיטלשול־בילדונג איז שווער צו ווערן אַ קוואַליפיצירטער פאַכמאַן. די פאכן האָבן זיך אַנטוויקלט, פאָדערן א סך קענטעניש און דער ארבעטער טאָר נישט בלייבן הינטערשטעליק.

מען טאָר אויך נישט פאַרזען דעם פאקט, אז די אלע קולטורעלע און סאָציאַלע פונקציעס אין דער מדינה לייגן זיך געוויינלעך אויף דעם אויפקומענדיקן דור, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ מיטלשול. לײדער קאָן זיך נישט דער אַרבעטס־מענטש אזוי לייכט דערלויבן צו געבן זיינע קינדער אַ מיטלשול־בילדונג, צוליב דעם הויכן שכר־לימוד פון עטלעכע הונדערט פונט אַ יאָר. אפילו אין די מוניציפאַלע מיטלשולן איז דער אָפּצאָל אַ הויכער. די מיטלשול ווערט א מאָנאָפּאָל פאר די פאַרמעגלעכע. האָט די הסתדרות אויפגעשטעלט א ריי אָוונט־שולן מיט אַ מיטלשול־פּראָגראַם און דערוויזן ווי אַזוי מען קאָן פאַרבינדן אַרבעטן מיט באַקומען בילדונג. אויף אזא אופן וואַקסט אויס אַן ארבעטער־יוגנט, וואָס מאַכט דורך אין די אָוונטן דעם מיטלשול־קורס און עפּנט פאַר זיך אַ וועג פאַר שטייגן העכער הן אין וויסן, הן אין ארבעטס־קוואַליפיקאַציע.

אינסטיטוט פאַר בילדונג דורך קאָרעספּאָנדענץ

אַזאַ אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1949 און ער דערמעגלעכט צו פאַרפולקאָמען זיך, מיט דער הילף פון דער פּאָסט. אָט די שיטה עפנט נייע מעגלעכקייטן צו דערשלאָגן זיך צו בילדונג, נישט אָנקומענדיק דווקא צו א באַזוך אין שול. באַזונדערס וויכטיק איז עס פאַר ישובים, וואָס ליגן ווייט פון די צענטרען. דער קורסאַנט באַקומט צוגעשיקט די לעקציעס, די אָנווייזונגען פון

לערער, גרייט זיך לויט דעם, און שיקט אָפּ אין אינסטיטוט דאָס מאַטעריאַל, וואָס ווערט קאָרעגירט אָדער באַשטעטיקט און איבערגעשיקט צוריק צום קורסאַנט מיט די וויטערדיקע לעקציעס.

דער שטודיר־פּראָגראַם דורך דעם אינסטיטוט איז א פאַרשידנאַרטיקער און שליסט איין פאַרשידענע לימודים.

מען קאָן שטודירן:

א. מיטלשול־בילדונג און גרייטן זיך צום דיפּלאָם־עקזאַמען פון בילדונגס־מיניסטעריום;

ב. לאַנדווירטשאַפט — דורך דער אָפּטיילונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער הויכשול;

ג. ביוראָ־אַרבעט און שפּראַכן;

ד. טעכנישע לימודים;

ה. העכערע בילדונג — דורך דער אָפּטיילונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיטן אוניווערזיטעט;

ו. שפּראַך־סטודיע פאַר אויסלערנען זיך גוט עברית;

ביים אינסטיטוט זענען פאַראַן לאַבאָראַטאָריעס פאר פיזיק, כעמיע און נאַטורוויסנשאַפט.

אַזוי אַרום גיט דער אינסטיטוט אַ ברייטע מעגלעכקייט אויסצובילדן זיך, אויך דאַן, ווען מען קאָן נישט באַזוכן די שול.

קולטור־אַנשטאַלטן

דער אַרבעטס־אַרכיוו

אַ חשובן פּלאַץ צווישן די קולטור־אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות פאַר־נעמט דער אַרבעטס־אַרכיוו (ארכיון העבודה), וואָס האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן נאָך אין יאָר 1927. דער ארכיוו פארמאָגט פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: צייטונגען; דאָקומענטאַציע; ביכער; פּלאַקאַטן; פאָטאָגראַפיעס און אָביעקטן.

יעדע אָפּטיילונג איז איינגעטיילט אין סעקציעס: די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל; די ציוניסטישע ארבעטער־באַוועגונג אין אויסלאַנד; די אַלגע־

מיינע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג ; די אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער־באַוועגונג ; יידנטום ; ציוניזם א.א.וו. צום אַרכיוו קומען אָן טויזנטער דאָקומענטן, הונדערטער צייטונגען און פלוגבלעטער פון דער גאַנצער וועלט, פון אינסטיטוציעס און יחי־דים. צווישן זיי זעלטענע ביכער, בראָשורן און דאָקומענטן פון גרויסן ווערט. דער אַרכיוו שטייט אין שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט הונדערטער ישובים אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

נישט בלויז מיט זאַמלען מאַטעריאַלן פארנעמט זיך דער ארכיוו, ער אָרגאַ־ניזירט אויך אויסשטעלונגען, כדי צו באַקענען דעם ברייטן עולם מיט דעם ווערט־פולן מאַטעריאַל. ער האָט אָרגאַניזירט אַ באָראָכאָוו־אויסשטעלונג, אַן אויסשטעלונג פון דער צווייטער עליה, פון תל חי א.א.וו.

אַ ספּעציעלער אַרבעטס־צימער איז פאַראַן פאר די, וועלכע ווילן שטודירן און לערנען די מאַטעריאַלן.

שטודיר־צימערן אויפן נאָמען פון נחמן סירקין

דאָס איז די דערגענצונגס־אינסטיטוציע צום אַרבעטס־ארכיוו, איר געפינט דאָרט אַן אוצר פון טאָג־צייטונגען און זשורנאַלן פון דער השכלה־עפּאָכע, טויזנ־טער ביכער אויף פאַרשידענע געביטן : סאָציאָלאָגיע, ציוניזם, סאָציאַליזם, געשיכ־טע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין אַ צאָל, וואָס דערגרייכט שוין צו 20 טויזנט בענדער.

קולטור־אינסטיטוציעס

ביי דער צענטראַלע פאַר קולטור און דערציונג עקזיסטירט אַ אונטערנע־מונג א. נ. „אינסטיטוציע פאַר קולטור און דערציונג", וועלכע איז אַ פיליע פון „חברת עובדים" און זי גרינדעט און אַנטוויקלט פאַרשידענע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וואָס האַלטן זיך אַליין אויס.

די אינסטיטוציעס זענען :

א. אינסטיטוט פאַר בילדונג דורך קאָרעספּאָנדענץ ;

ב. די פילם־אָפּטיילונג ;

די קינאָ־סעקציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1946, באַזאָרגט די ישובים מיט בעסערע פילמען און מיט קינאָ־אַפּאַראַטן אויף גינסטיקע באַדינ־

גונגען. גלייכצייטיק גיט זיך אָפּ די סעקציע מיט שאַפן אָריגינעלע, דאָקומענטאַלע פילמען — בילדער פון לעבן אין לאַנד און אין הסתדרות.

ג. „מקול" — אָפּטייל פאַר אימפּאָרט פון קולטור־הצטרכותן;

ד. פאַרלאַג פאַר לערנביכער, פּעדאַגאָגישע און מוזיק־אויסגאַבעס;

ה. „ספרי" (מיין בוך) — אינסטיטוציע צו פאַרשפּרייטן ביכער.

„ספרי" (מיין בוך)

אַ בוך־געזעלשאַפט, וואָס דערמעגלעכט די הסתדרות־ביבליאָטעקן איינצושאַפן זיך ביכער מיט אַ הנחה און אויף אויסצאָלונגען. „ספרי" איז אַ בשותפותדיק געשעפט פון „מרכז לחינוך ותרבות", „איחוד הקבוצות והקיבוצים" און די מושבים. הונדערטער ביבליאָטעקן זענען פאַרבונדן מיט „ספרי" און צענדליקער טויזנטער ביכער האָט מען איינגעשאַפן דורך אים. דורך „ספרי" זענען אויפגעקומען אין צענדליקער ישובים נייע ביבליאָטעקן, וואָס געניסן פון קרעדיט און ראַבאַט.

אויפקלערונגס־אַרבעט: מינדלעך און שריפטלעך

די הסתדרות פירט אַ ברייטע אויפקלערונגס־ארבעט מינדלעך און שריפטלעך.

מינדלעך ווערט זי געפירט דורך:

א. פאַרלעזונגען, אָוונטן, שטודיר־טעג, צונויפטרעפן מיט כלל־טוער און אינטעלעקטועלע; דורך שמועסן אויף די ארבעטס־פּלעצער און ספּעציעלע קולטור־אונטערנעמונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען א.אַ.וו.

ב. פייערלעכע אויפטריטן אין יאָרטאָג פון הסתדרות, 1־טן מאַי;

ג. קורסן;

ד. דאָקומענטאַלע פילמען;

ה. אויספלוגן צו באַקענען זיך מיטן לאַנד;

ו. ראַדיאָ — דורך „קול ישראל" ווערט געגעבן אַ ספּעציעלער פּראָגראַם „אויף דער ארבעטס־אַרענע", וואָס שליסט איין רעפּאָרטאַזש פון דער ארבעט און ארבעטס־פּלעצער.

שריפטלעכע אויפקלערונג דורך:

א. ביכער און בראָשורן; ב. צייטונגען און זשורנאַלן.

די קולטור־צענטראַלע גיט אַרויס אַ פּאָפּולערע ביבליאָטעק וועגן די פאַרשידענע פּראָבלעמען פון הסתדרות ווי אויך אַ ביבליאָטעק וועגן מוזיק.

די הסתדרות פאַרמאָגט א צענטראַלן פאַרלאַג „עם עובד", וואָס גיט אַרויס הונדערטער ביכער, בעיקר אָריגינעלע אין עברית.

צייטונגען

צוויי טאָג־צייטונגען פאַרמאָגט די הסתדרות: „דבר" — געגרינדעט נאָך אין יאָר 1925 און „אומר" — אַ העברעישע צייטונג מיט ניקוד — די איינציקע אין לאַנד, וואָס באַדינט ספּעציעל די נייע עולים. אויסער דעם דערשיינען אַ ריי ספּעציעלע פּעריאָדישע אויסגאַבן פאַר לאַנדווירטשאַפט, דערציונג, מעדיצין, סאָציאַלע ארבעט, פון די דרוקער, פאַבריק־ארבעטער, פישער, ביוראָ־ארבעטער, בוי־אַרבעטער, ים־ארבעטער, פאַר מוניציפּאַלע פּראָבלעמען א.א.וו.

אין יאָר 1959 זענען דערשינען איבער 120 פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן אויף כלערליי געביטן.

קונסט־אַנשטאַלטן

אַ וויכטיקער אָפּשניט אין דער קולטור־אַרבעט פון הסתדרות איז די זאָרג פאַר דער קינסטלערישער דערציונג פונעם מענטש — געבן אַ באַפרידיקונג זיין נאַטירלעכער שטרעבונג צו עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, אַנטוויקלען ביי אים די פעיקייט צו באַנעמען און הנאה האָבן פון קונסט — אין בילד, מוזיק און טעאַטער. קורץ: ארויסהייבן דעם קולטור־ניוואָ פון מענטשן אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט.

דערויף עקזיסטירן ביי דער הסתדרות אַ ריי ספּעציעלע סעקציעס.

די טעאַטער־סעקציע זאָרגט פאַר אויפשטעלן דראַמאַטישע קרייזן, צוגרייטן פּאַסיקן מאַטעריאַל פאַר דעקלאַמאַציעס און רעציטאַציעס, דערמוטיקן אַמאַטאָרן און אויסבילדן אינסטרוקטאָרן און לערער אויפן געביט פון קונסט. די סעקציע אָרגאַניזירט סעמינאַרן פאַר שטודירן די קונסט פון אויסדרוק אין וואָרט, פון שפּיל און פאָרשטעלונג, פון אויספורעמען אַ מאָדערנעם סטיל צו פייערן טראַדיציאָנעלע און נייע יום־טובים און אַרויסברענגען אָריגינעלע שאַפונגען.

די מוזיק־סעקציע אָרדנט איין קורסן פאַר מוזיקאַלישער פאַרפולקאָמונג, אָרגאַניזירט כאָרן, שאַפט קורסן פאַר כאָר־דיריגענטן. איבער 200 כאָרן מיט 12 טויזנט כאָר־מיטגלידער האָט די סעקציע במשך דער צייט אויסגעבילדעט אין די שטעט, קאָלאָניעס, קיבוצים און מושבות.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער מוזיקאַלישער סעקציע זענען געשאַפן גע־וואָרן אַ ריי אָרקעסטערס און ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער פאַראייניקטער אָרקעסטער פון די קיבוצים, ווו עס באַטייליקן זיך די בעסטע מוזיק־אויספירער פון דער גאַנצער ארבעטער־קאָלאָניזאציע. אַ ספּעציעלע „מוזיק־ביבליאָטעק" (ספריה ומוסיקה) לאָזט ארויס זאַמלהעפטן פאַר יום־טובים פון די בעסטע קאָמ־פּאָזיטאָרן, מוזיק־נאָטן און בלעטער פאַר פאָלקס־כאָרן.

די סעקציע פאַר פאָלקס־טענץ אינסטרוירט און פּאָפּולאַריזירט די באַוועג־גונג פאַר פאָלקס־טענץ. אין יאָר 1955 האָט די „צענטראַלע פאַר קולטור און ביל־דונג" אויפגעשטעלט דעם צענטראַלן אנסאמבל פאַר פאָלקס־טענץ. די חברים פון אנסאמבל זענען זאָרגעוודיק אָפּגעקליבן געוואָרן, און דער אנסאמבל איז געוואָרן דער קערן, וואָס רעפּרעזענטירט ישראל אין אויסלאנד און פאַר דעלעגאציעס פון אויסלאנד.

אין יאָר 1958 איז אין קיבוץ דליה דורכגעפירט געוואָרן אַ גראַנדיעזער פעסטיוואַל פון פאָלקס־טענץ, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען ביי 100 טאַנץ־קרייזן, 28 אַנסאמבלען מיט 2500 טענצער, דערין הונדערטער פון דער נייער עליה און צענדליקער פאַרטרעטער פון פאַרשידענע עדות און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. איבער 75 טויזנט צושויער האָבן בייגעוווינט דעם פעסטיוואַל.

תל"ם (אַ טעאַטער פאַר נייע עולים) איז אַן אייגנאַרטיקער אויפטו. ער זאָרגט

פאַר אריבערברענגען אין די ישובים פון די נייע עולים די בעסטע טעאַטער־פאָר־שטעלונגען מיט אויסגעוויילטע אַרטיסטישע אַנסאַמבלען. די ארבעט ווערט גע־פירט בשותפות מיט דער יידישער אַגענץ און מיטן בילדונגס־מיניסטעריום.

דער קולטור־אויפטו

צענדליקער טויזנטער לערנען און לערנען זיך אויס עברית, ווערן גייסטיק אַקלימאַטיזירט אין דער אלגעמיינער קולטור־סביבה; צענדליקער טויזנטער באַזוכן די אָוונט־קורסן און שאפן זיך איין עלעמענטארע, מיטלשול־ און הויכשול־בילדונג. צענדליקער טויזנטער מאַכן דורך שטודיר־טעג אין סעמינאַרן, קורץ און לאַנג־טערמיניקע.

צענדליקער טויזנטער באַטייליקן זיך אין אויספלוגן, אָרגאַניזירטע דורך דער קולטור־צענטראַלע, אַרבעטער־ראַטן און פאַרשידענע הסתדרות־אָרגאַניזאַציעס; צענדליקער טויזנטער באַטייליקן זיך און געניסן פון די כאָרן, אָרקעסטערס, טאַנץ־אנסאַמבלען, דראמאטישע קרייזן און טעאַטער־פאַרשטעלונגען.

דאָס זענען אלץ רינגען אין דער סאָלידאַריטעט־קייט, וואָס בינדט דעם חבר מיט זיין מעכטיקער אָרגאַניזאַציע — די הסתדרות.

פיזישע קולטור

„הפועל" (דער ארבעטער), די הסתדרותישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אין יאָר 1926 און האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו שטאַרקן און געזונט מאכן פיזיש דעם ארבעטער דורך אַלע צווייגן פון ספּאָרט: לייכטע אַטלעטיק, שווימען, ים־ספּאָרט, פוטבאָל א.א.וו.

די „הפועל"־אָפּטיילונגען אין שטאָט און דאָרף צעמענטירן אויפן ווירק־זאמסטן אופן די ארבעטער און יוגנט ארום דער הסתדרות. „הפועל" בילדעט אויס קוואַליפיצירטע אינסטרוקטאָרן־קאַדרען, וואָס הייבן אויף דעם ארבעטער־ספּאָרט אויף א הויכן ניוואָ.

ביז צום אויפקום פון דער מדינה האָט „הפועל" א גרויסע טייל פון זיין אַרבעט געמוזט פירן מאַסקירט, ווייל ער איז געווען דער אָנשפּאַר פאַר דער הגנה, פלי"ם (פלמ"ח אויפן ים) און אנדערע זעלבשוץ־טעטיקייטן.

מיט דער אנטשטייונג פון דער מדינה איז „הפועל" ארויס אויפן ברייטן שליאַך, ווי א ספּאָרטלעכע מאַסן־באַוועגונג.

צום סוף 1958 האָט „הפועל" געציילט 550 אָפּטיילונגען מיט איבער 60 טויזנט חברים. א גרויסע צאָל אָפּטיילונגען האָבן זיך געגרינדעט אין די ישובים פון די נייע עולים, אין די מעברות, אין די מושבים און אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען. „הפועל" האָט אין זינען נישט די אויסבילדונג פון טשעמפּיאָנען, נאָר די ספּאָרט־לעכע דערציונג פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאסן. „הפועל" האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די ארבעטס־פּלעצער און אַזוי ארום צוגעבונדן צו דער פיזישער קולטור די דערוואַקסענע מענער און פרויען. די ים־אָפּטיילונג פון „הפועל" גרייט צו קאַדרען פאַכלייט פאַרן האַנדלס־פלאָט, מיליטערישן פלאָט און פישעריי.

אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט האָבן באַקומען די בלאָז־אָרקעסטערס פון „הפועל" און זיינע פלאָקס־טענץ־אַנסאַמבלען.

אַזוי אַרום איז „הפּועל“ געוואָרן אַן עפעקטיווער אינסטרומענט פאַר אריינ־ציען די יוגנט אין דעם ווירקונגס־קרייז פון הסתדרות און ער האָט נישט ווייניק אויפגעטאָן כדי אויסצוהיטן די יוגנט פון שעדלעכע פאַרווײַלונגס־ערטער, וואָס פאַרדאַרבן דעם יונגן עלעמענט.

סך־הכלען

(די טאַט און די אידעע)

כדי דער געראַנגל פונעם ארבעטער זאָל געבן פרוכט, מוז זיין קאַמף זיין אָנגעלאָדנט מיט א הויכער גייסטיקער שפּאַנונג, ווייל אונדזער עצם־שאַפונג אין לאַנד איז א רעזולטאַט פון א ריזיקער גייסטיקער שפּאנונג, וואָס עס האָבן אַנט־וויקלט די פריערדיקע דורות.

אונדזער ווערק הייבט זיך ערשט אָן צעבליען און שלאָגן טיפע וואָרצלען. בלויז דער גרויסער גייסטיק־מאָראַלישער פאַרמעסט מיט דעם האַרבן ארום וועט אונדז געבן כוח, מוט און בטחון. „פאַרלאָזט זיך נישט אויף מאַטעריעלע דערגרייכונגען, אויף דער שפע פון דערוואָרבענע פאַרמעגנס, אנשטאַלטן און ווערק. נישט זיי זענען דער עיקר. געוועזן צייטן ווען א ייד, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון יידישן „תחום המושב“, פלעגט קומען קיין מערב, אָנגעקוקט די אַרבעטער־אינסטיטו־טוציעס, די יוניאָנס, די קאָאָפּעראַטיוון, די צייטונגס־רעדאַקציעס און דאָס האַרץ איז אים געוואקסן, געוואָרן פול מיט בטחון: אָט זענען עס די דערמונטערנדיקע טריט צום מאָרגן, זיכערע דעראָבערונגען, פעסטע דערגרייכונגען. אָבער זיי זענען זיך צעפאַלן און נישט אויסגעהאַלטן די בייזע ווינטן“.*

אַזוי האָט געוואָרנט בשעתו ב. כצנלסון און ער האָט צוגעגעבן: „אונדזער שאַ־פונג מוז מען מעסטן בלויז מיטן מאָסשטאַב פון דער אידעע, וואָס האָט אונדז דער־פירט ביז אַהער און וואָס אַדאַנק איר האָבן מיר אויפגעטאָן, וואָס מיר האָבן אויפ־געטאָן. אויך אַ באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואקסן פון א הייפל צו צענדליקער

---

* ב. כצנלסון — כתבים (שריפטן), באַנד 5, ז' 245.

טויזנטער, טאָר נישט רוען און פאַרלאָזן זיך אויף אירע דערגרייכונגען. אונדזער בנין איז נישט קיין בנין פון שטיינער, נאָר א בנין פון הערצער. א שטיין בלייבט ליגן דאָרט, ווו מען לייגט אים אוועק. א מענטשלעך הארץ האלט אין איין וויברירן, שטענדיק אין באַוועגונג און אומרו. און אָט דער בנין פאָדערט כסדר באַנייונג, קאָנטראָל און אונטערזוכונג. מען מוז זיך שטענדיק פרעגן, צי די מאָס-ליניע איז אָנגעצויגן אין דער ריכטונג פון אידעאַל".* הענגט טאַקע דעריבער אָפּ דער יידישער אַרבעטער-גערעַנגל און זיין דערפאָלג פון צוזאַמענבונד צווישן טאַט און אידעע.

אָט די אינטעגראַלע פאַרבינדונג פון טאַט און אידעע מיינט, קודם-כל, באַטראַכטן די טאַט אין אספעקט פון אלגעמיינעם מענטשלעכן אידעאל. נישט ווי א ציל פאַר זיך, נאָר ווי א מיטל צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט נאָר איין אויסטייטש: אויסבויען די יידישע ארבעטס-געזעלשאַפט אָן עקספּלאָאַטירער און עקספּלאָאַטירטע. די הסתדרות איז דער אינסטרומענט פאַר אָט דער פאַרווירקלעכונג.

דער, וואָס נעמט אויף די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג, ווי אַ ציל פאַר זיך און נישט, ווי א וועג צו רעאַליזירן די פּראָלעטאַרישע אידעע פון סאָציאַלער באַפרייונג גליטשט זיך אראָפּ צו צעכיסטישער, טרייד-יוניאָניסטישער איינשטעלונג.

דעסגלייכן, אויב מען זעט די „חברת עובדים" (די ארבעטער-געזעלשאַפט) נאָר אין שיין פון היינטיקן מאָמענט און נישט אין ליכט פון מענטשלעכן, סאָציאַליסטישן אידעאַל, ווערט מען באַהערשט פון א סטעריליזירטן עקאָנאָמיזם, פון א שמאָל-קעפּיקן, פּראַקטיציסטישן צוגאַנג, ווי מען רופט עס אין עברית „משקיזם", לאָזט מען נאָר אָפּ די שפּאַנונג פון גייסטיקער שאַפונג, פון טריישאַפט צו דער אידעע, פאַרלירט מען די ריכטונג צום אידעאַל, ווערן צעטרענצלט די ווערטן, און דער גאַנצער בנין ווערט אויסגעשטעלט אויף געפאַר.

די קולטור-אַרבעט מיינט דעריבער נישט בלויז איינשאַפן זיך וויסן, נאָר קודם-כל דערוועקן און ארויסברענגען ביים מענטש זיינע מאָראַלישע אייגנשאַפטן,

* ב. כצנלסון — כתבים (שריפטן), באַנד 9, ז' 301.

זיין קאָנסטרוקטיווע פּאָטענציעלע קראפט און ווייזן אים, אז דער פּרט, איינגע־גלידערט אין דעם גרויסן כלל, דורך זיין פרייען ווילן און פרייוויליק גענומענער אויף זיך דיסציפּלין, קאָן גובר זיין די בייזע כוחות פון אינעווייניק און פון דרויסן.

איז דער הויפּט־ציל: דערנענטערן מענטש צו מענטש, אָפּשאַפן מחיצות, פארשטאַרקן די קעגנזייטיקע אויפריכטיקע באַציונגען און רעאַליזירן די אינטער־נאַציאָנאַלע מענטשלעכע סאָלידאַריטעט.

דאָס איז דער אידעישער קאָמפּאַס, לויט וועלכן די הסתדרות קערעוועט, מוז קערעווען אַלע אירע טעטיקייטן.

די הסתדרות
און דער
הסתדרות־קאמפיין

א. באַגריסונג — יצחק בן־צבי

ב. אַ וואָרט צו יידן אין אַמעריקע און קאַנאַדע

ג. די ראָל און אויפגאַבן פון דער הסתדרות — ד. בן־גוריון

ד. אַ געשפרעך מיט פנחס לבון

ה. אַ אוניאָן וואָס בויט אַ לאַנד — מ. שרת

ו. רינגען אין דער יידישער גאָלדענער קייט — יוסף שלאָסבערג

ז. בריק צווישן דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג און ישראל — בצלאל שערמאַן

ח. הסתדרות און ישראל — אונדזער אַלעמענס שטאָלץ — וואָלטער רוט

ט. גרינדער און בויער פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפיין — ה. לאַנג

י. דער ביישטייער פון היגע יוניאָנס צו מדינת ישראל — א. העמלין

א וואָרט צו יידן
אין אמעריקע און קאנאדע

דער סאַלוט צו די בויער פון דער יידישער מדינה לכבוד דעם 40טן יובל פון זייער הסתדרות איז אויך אַ סאַלוט צו די יידן פון אַמעריקע, וואָס האָבן אין די פאַרגאַנגענע פיר צענדליק יאָר געשטיצט פינאַנציעל און דערמוטיקט מאָראַליש די אַרבעטער-פּיאָנערן פון מדינת-ישראל דורך דעם הסתדרות-קאַמפּיין. אָן דער דאָזיקער הילף פון אַמעריקאַנער יידן וואָלט נישט מעגלעך געווען דער אויפבוי פון דער מדינה, די איינאָרדענונג פון הונדערטער טויזנטער אימיגראַנטן און די עטאַבלירונג פון הונדערטער מעדיצינישע, סאָציאַלע און קולטור-אינסטיטוציעס.

די בויער פון מדינת-ישראל האָבן נאָך זייער אַרבעט נישט פאַרענדיקט. די וויסטע שטחים פון נגב און גליל דאַרפן ערשט באַזעצט און אַנטוויקלט ווערן. די אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות, וואָס דינען די קאָלאָניזאַטאָרן און העלפן פאַרוואַנדלען טויזנטער אימיגראַנטן אין פּראָדוקטיווע אַרבעטער און בויער פון לאַנד, דאַרפן אויסגעברייטערט ווערן. עס דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן נייע מעדיצינישע קליניקס אין נגב און אַנדערע אַנטוויקלונגס-געגנטן פון לאַנד; עס דאַרפן אויסגעברייטערט ווערן די „עמל"-פאַך-שולן און עס מוזן געשאַפן ווערן „סקאָלערשיפּס" פאַר הונדערטער יוגנטלעכע פון דער נייער עליה וואָס ווילן לערנען נוצלעכע פאַכן; עס מוזן פאַרגרעסערט ווערן די קאָנסטרוקטיווע פאָנדן פון „משען", וואָס גיבן הלוואות צו ניי-געקומענע אויף צו

עפענען וואַרשטאַטן און צו קריגן דירות; עס מוזן אויפגעבויט ווערן נייע קולטור-הייזער, יוגנט-צענטערן, ספּאָרט-פּלעצער פאַר דער יוגנט פון דער נייער אימיגראַציע און בתי-מדרשים פאַר די רעליגיעזע יידן; עס מוז פאָרגעזעצט ווערן די פאַרצווייגטע אַרבעט פון בויען די מדינה און פאַרוואַנדלען די אימיגראַנטן-מאַסע אין אַ שעפעריש פאָלק.

מיר רופן אייך צו סאַלוטירן די בויער פון מדינת ישראל דורך העלפן זיי אָנגיין מיט דער דאָזיקער לעבנס-וויכטיקער אַרבעט!

נאציאנאלער קאמיטעט פארן ארבעטנדיקן ישראל

יוסף שלאָסבערג, פּרעזידענט

טשאַרלס זימערמאַן, פּאָרזיצער, דירעקטאָרן באָאַרד

ראַבאַי יעקב י. ווײַנשטיין, נאַציאָנאַלער פאָרזיצער

ד״ר שלמה שטיין, עקזעקוטיוו דירעקטאר

ישראל סטאָלאַרסקי, נאַציאָנאַלער געהילפס דירעקטאָר

באַגריסונג פון מלוכה-פּרעזידענט פאַר דער הסתדרות און דעם הסתדרות-קאַמפּיין



יצחק בן-צבי

מיט פרייד שיק איך מיינע האַרציקסטע ברכות צו דעם 40טן יובל פון דער הסתדרות און צום 35טן יובל פון דער ערשטער הס־תדרות־דעלעגאַציע צו אונדזערע ברידער אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

איך האָב געהאַט די גרויסע זכיה צו עפענען דעם ערשטן גע־ווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין אַמערי־קע, צוזאַמען מיט די דריי מיט־גלידער פון דער דעלעגאַציע — די חברים ד ו ד ר מ ז ז״ל, און זיי צו לאַנגע יאָר — י ו ס ף ב ר ץ און א ב ר ה ם ה א ר צ פ ע ל ד.

קליין איז צאָל פון מיטגלידער איז דאַן געווען די הסתדרות און איר נאָמען אין דער וועלט איז נאָך געווען אומבאַקאַנט. אָבער שוין דעמאָלט האָט זי געוויזן דער וועלט אַ מוסטער פון אייניקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד, צום גרויסן פאַרמעסט פון נאַציאָנאַלן און קלאַסן־בוי, פאַר פאַרמירן דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק, נאָך איידער דאָס דאָזיקע פאָלק איז געוואָרן אַ מלוכהשער כוח מיט מלוכהשער מאַכט.

און שוין דאַן איז פון צווישן די אומות־העולם געקומען די פאַרשטענדעניש און אָפּשאַצונג פאַר דעם פאַראייניקטן כוח, דעם כוח פון טיפן גלויבן אין האָרץ

פונעם יידישן אַרבעטער, דעם גלויבן אין אַ פּאַטערלאַנד, אין זיין צוקונפט און אין דער צוקונפט פון דער מענטשהייט; און שוין דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן אינעם אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל און אין דער לייבאָר־פּאַרטיי זיך צוהערן צו דער שטים פון די פאַרטרעטער פון דעם קליינעם וואַנדער־פאָלק („קטן גויים עם נד" — ח. נ. ביאַליק), וואָס זענען דערשניען פאַר זיי דאָס ערשטע מאָל אין נאָמען פון זייער פאָלק און אין נאָמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל.

*

אונדזער װענדונג צו אַמעריקע איז קודם־כל געווען נישט צו די מעכטיקע, נישט צו די פינאַנץ־לייט, נאָר צו אונדזערע אַרבעטנדיקע ברידער, וואָס האָבן אַליין בדוחק געפונען זייער ברויט און געאַרבעט אין שווערע עקספּלואַטאַציע־באַדינגונגען, ווי מיט 40 יאָר צוריק. מיר האָבן זיך געווענדט צו די געווערקשאַפטן און צו די ציוניסטישע און אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיטן רוף וועגן הילף פאַר דעם אויפבוי־ווערק פון יידישן אַרבעטער און זיין אויפקום אינעם אייגענעם פאַטערלאַנד. און עס האָבן זיך אָפּגערופן די בעסטע צווישן די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער מיט זייערע פירער.

איך דערמאָן היינט דעם אָנדענק פון די אַרבעטער־פירער, וואָס האָבן די ערשטע געענטפערט אויף אונדזער רוף: מאַקס פיין, אברהם ליעסין, אברהם שיפּלאַקאָוו, אייב קאַהאַן, דוד פּינסקי, נחמן סירקין און חיים זשיטלאָווסקי — זאָלן זיי דערמאָנט ווערן צו לויב. איך וועל נישט אויסרעכענען די, וואָס זענען היינט טעטיק מיט אונדז צוזאַמען, אָבער איך קען נישט אַריבערגיין און נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון איינעם פון די ערשטע, וואָס שטייט בראש פון די קאַמפּיינס — דעם טייערן חבר יוסף שלאָסבערג — אים צו לאַנגע יאָרן.

*

מיר האָבן זוכה געווען צו דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל, וואָס בויט די צוקונפט פאַר זיך און פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון

אַרבעטער־קלאַס. די דערגרייכונגען פון די ערשטע 12 יאָר, שטאַרקן אין אונ־דזערע הערצער דעם טיפן גלויבן אין אונדזער גערעכטיקייט און ריכטיקן וועג, מיט וועלכן דער יידישער אַרבעטער איז אַוועק מיט צוויי דורות צוריק — אין דער צווייטער און דריטער עליה — מיט דער הילף פון חברים און פריינד, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף אונדזער זייט. אָבער פאַר אונדז איז נאָך אַ לאַנגער וועג, און דער חוב פונעם היינטיקן און קומענדיקן דור איז: ממשיך זיין און פאַרשטאַרקן דאָס אויפבוי־ווערק; בויען אַ וועלט פון גערעכטיקייט און גלייכהייט; פאַרזיכערן אמתן שלום און קעגנזייטיקע הילף צווישן פאָלק און פאָלק און צווישן מענטש און מענטש.

יצחק בן־צבי

ד׳ בחשון תשכ״א

25.10.1960

דוד בן־גוריון

די ראָל און אויפגאַבן פון דער הסתדרות

דער וווּקס, די טעטיקייט, די ווירקונג פון דער הסתדרות זענען פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג.

4.433 אַרבעטער אין דאָרף און אין שטאָט זענען געווען מיט פערציק יאָר צוריק די גרינדער פון דער הסתדרות. דער יידישער ישוב אין ישראל האָט דעמאָלט געציילט אומגעפער 65 טויזנט איינוווינער. די מיטגלידערשאַפט פון דער הסתדרות איז דעמאָלט געווען קנאַפּע זיבן פּראָצענט פון גאַנצן ישוב. ווען דער יידנשטאַט איז ווידער אַנטשטאַנען מיט צוועלף יאָר צוריק, האָבן מיר דעמאָלט געציילט אין ארץ־ישראל 650 טויזנט יידן. די צאָל מיטגלידער אין דער הסתדרות איז דעמאָלט געווען 190 טויזנט, דאָס הייסט, העכער 29 פּראָצענט פון יידישן ישוב.

דאָס יאָר ציילט די הסתדרות איבער 650 טויזנט מיטגלידער, אין דער צייט וואָס די צאָל יידן אין ישראל איז עטוואָס מער ווי אַ מיליאָן מיט 800 טויזנט, דאָס הייסט, אַז דער פּראָצענט פון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפט איז געשטיגן ביז 36. זינט דער גרינדונג פון דער הסתדרות איז דער יידישער ישוב אין לאַנד פאַרפילפאַכט געוואָרן 28 מאָל און די צאָל פון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפט איז גרעסער געוואָרן 146 מאָל.

אָבער נישט נאָר דער שנעלער וווּקס, אַבסאָלוטער און פּראָפּאָרציאָנעלער, פון דער הסתדרות איז אויסערגעוויינלעך. די אייגנאַרטיקייט פון דער הסתדרות באַשטייט הויפּטזעכלעך אין איר סטרוקטור און אירע פונקציעס.

די הסתדרות איז נישט קיין פאַרבאַנד, מער אָדער ווייניקער לויט דעם בוי פון אויטאָנאָמע יוניאָנס — נאָר אַ צענטראַליזירטער און זעלבשטענדיקער פאַראיין, וואָס אַנטהאַלט אין זיך פאַרשידנאַרטיקע אונטערגעוואָרפענע ברענטשעס.

דער מיטגליד געהערט קודם־כל צו דער הסתדרות און נאָר אין דער הסתדרות טיילט ער זיך אויף אַ מער אָדער ווייניקער אויטאָנאָמען פּראָפעסיאָנעלן פאַר־באַנד: לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, מאַטראָזן, אינדוסטריעלע אַרבעטער, לערער, אינזשינירן. א.א.וו.. אָבער די פאַראייניקונג פון די אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן איז נישט נאָר אַן איינהייטלעכע גרויסע טרעיד־יוניאָן, נאָר אַ פאָלקס־בילדנדיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט רעגולירן לוין, דערציונג, קאָלאָניזאַציע, אויפנעם פון אימיגראַנטן און קאָאָפּעראַציע אויפן געביט פון טראַנספּאָרט, אינדוסטריע, בוי, געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, קראַנקן־פאַרזאָרגונג, קרעדיט, הכנסה, פאַרקויף א.א.וו.

עס איז אפשר די אומפאַנגרייכסטע אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע אין דער גאַנצער וועלט. דער גאַנצער אינערשטאָטישער און צווישנשטאָטישער טראַנספּאָרט אין ישראל ווערט געפירט דורך הסתדרות־קאָאָפּעראַטיוון און די גרעסטע שיפס־געזעלשאַפט אין ישראל, „צים", געהערט אין אַ גרויסן טייל צו דער הסתדרות. דער גרויסער קאָאָפּעראַטיוו „סולל בונה" איז איינער פון די גרעסטע קאָנטראַק־טאָרן נישט נאָר אין ישראל, נאָר אין גאַנצן מיטעלן מזרח און ער פירט אויס גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן (בויען שאָסייען, פלי־פּאָרטן א. ד. גל.) אין אַ גאַנצער ריי לענדער אין אַזיע און אין אַפריקע, אין טערקיי, אין אַביסיניע און גאַנאַ א. א. וו.

ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל, מיט צוועלף יאָר צוריק, איז די הסתדרות געווען אייגנטלעך אַ כמעט מדינה (קוואַזי־שטאַט) און דער הויפּט־פאַקטאָר אין אויפבוי פון דער מדינה.

אָבער אויך אין דער פרייער יידישער מדינה האָט די הסתדרות גרויסע סאָציאַלע, קולטורעלע און עקאָנאָמישע אויפגאַבן, וואָס זענען געצילט צו דער געשטאַלטיקונג פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד אַלס אַן אַרבעטער־רעפּובליק, געבויט אויף פרייהייט, דעמאָקראַטיע, קעגנזייטיקער הילף און פרידן און, ווי ווייט מעגלעך, העלפן יונגע פעלקער אין אַזיע און אַפריקע אין זייער סאָציאַלן, קולטורעלן און עקאָנאָמישן אויפשטייג.

דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער הסתדרות.

אַ געשפּרעך מיט פּנחס לבון

אַן אינטערוויו פונעם „פֿאָרווערטס"־קאָרעספּאָנדענט שלום ראָזענפעלד מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות פּנחס לבון — די ראָל פון דער הסתדרות פאַר דער גרינדונג פון דער מדינה און איצט — די באַציִונגען מיט דער טרעד־יוניאָן־באַוועגונג און דער פרייער וועלט.

דער ווייס־האָריקער, ענערגישער און אַנטשלאָסענער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, פּנחס לבון, איז פון די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פירער, וואָס האָבן אָדער פאַרברענטע חסידים, אָדער שאַרפע קעגנער. צו אַ פערזענלעכקייט פון זיין קאַליבער, מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, קאָן מען זיך נישט באַציִען גלייכגילטיק אָדער „פּאַרעווע"; האָט ער טאַקע אינערהאַלב זיין אייגענער פּאַרטיי און אויך אין דער הסתדרות פּאַרערער, וואָס וועלן גיין אין פייער פאַר אים, אָבער אויך קעגנער, וועלכע וועלן נישט זשאַלעווען אַ שפּאַר ביסל שאַרפע ווערטער קעגן אים.

אָבער אַלע — סיי פריינד און סיי קעגנער, וועלן איינשטימיק צוגעבן, אַז אפשר מער ווי יעדער אַנדערער הסתדרות־טוער איז פּנחס לבון היינט אידענטיפיצירט מיט דער הסתדרות און מיט איר פּאָליטיק אויף אַלע געביטן. און אפשר מער ווי יעדער אַנדערער הסתדרות־טוער קאָן לבון די הסתדרות און אירע פּראָבלעמען, אירע אויפטועז און אירע שוואַכקייטן. האָבן מיר זיך טאַקע געווענדט צום גענעראַל־סעקרעטאַר פּנחס לבון און געבעטן אים אַ ספּעציעלן אינטערוויו פאַרן ספּעציעלן נומער „פֿאָרווערטס" צום יובילײ פון מדינת־ישראל און דער הסתדרות.

*

ווי אַזוי שאַצט איר אָפּ דעם וווקס פון דער הסתדרות אין די פערציק יאָר

פון איר עקזיסטענץ? — האָבן מיר געפרעגט לבונען, כדי צו געבן אונדז ביידע אַ מעגלעכקייט אַנצוהויבן דעם אינטערוויו.

לבון: די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות איז פאָרגעקומען אין יאָר 1920 אין חיפה און האָט רעפּרעזענטירט 4.000 חברים, וועלכע זענען געווען אַ מינדערהייט אין ישוב. בעת דער שאַפונג פון דער מדינה האָט די הסתדרות שוין געהאַט 175 טויזנט מיטגלידער און היינט צו טאָג ציילט די הסתדרות 700 טויזנט מיטגלידער, דאָס הייסט, אַז אין די פערציק יאָר פון איר עקזיסטענץ איז די הסתדרות געשטיגן 175־פאַכיק.

פּנחס לבון אונטערשטרייכט דערביי, אַז נישט נאָר די ציפערן זענען דאָ וויכטיק: וויכטיק איז דער פאַקט וואָס דער הסתדרות געלינגט עס צו פאַראייניקן אונטער איין דאַך די אַרבעטנדיקע עלעמענטן אין לאַנד, טראָץ טיפע אונטערשיידן וואָס זענען פאַראַן צווישן פאַרשידענע גרופּן. אויב פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, געניטע און אויך יונגע — ווי אין אַפריקע און אַזיע — פּרוּוון זיך באַזירן אויף דעם ביישפּיל פון דער הסתדרות, איז נישט ווייל די הסתדרות איז אַ „טרעד־יוניאָן" אין ענגן זין פון וואָרט, נאָר הויפּטזעכלעך צוליב דער אייגנאַרטיקער צוזאַמענשמעלצונג פון דער טעטיקייט אַלס פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און די קעגנזייטיקע הילף צווישן חברים און די קאָנסטרוקטיווע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען.

דאָס האָט אונדז געגעבן די געלעגנהייט צו שטעלן די צווייטע פראַגע:

די הסתדרות האָט געהאַט ספּעציפישע צילן אין די צייטן פון דער פרעמדער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. צי דאַרף נישט, לויט אייער מיינונג, קומען אַן ענדערונג אין דער טעטיקייט פון דער הסתדרות, נעמענדיק אין אַכט, אַז מיט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, קאָן נישט און דאַרף נישט די הסתדרות דערפילן רעגירונגס־פונקציעס?

וועגן דעם ענין, ענטפערט פּנחס לבון:

ס'איז קלאָר, אַז די אַנטשטייונג פון דער מדינה ברענגט געוויסע ענדערונגען. פאַר דער מדינה האָט די הסתדרות געמוזט דערפילן פונקציעס, וואָס ביי אַ נאָרמאַל פאָלק און נאָרמאַלע אומשטענדן געהערן זיי צו דער מלוכה. אין דער

צייט פון דער פרעמדער הערשאַפט אין ארץ־ישראל האָט די הסתדרות פּאַקטיש דערפילט פונקציעס פון אַן אויספיר־אָרגאַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, עליה און איינגלידערונג, עקאָנאָמיש־טעריטאָריעלע אויסשפרייטונג, די שטאַרקונג פון דעם ישוב אויף דעם זיכערקייטס־געביט. מיר זעען נישט קיין וועזנטלעכן ווידערשפרוך צווישן דער הסתדרות און דער מדינה. די הסתדרות, די אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל, באַזירט איר טעטיקייט אויף טרייער דינסט דעם אַרבעטער און דער מדינה גלייכצייטיק. און מיר טאָרן נישט זיין דאָגמאַטיש, פון מאָל צו מאָל מוזן מיר רעווידירן אונדזער וועג, באַזונדערס אויף דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט און די פאַרשידענע טעטיקייטן. שוין אין די ערשטע טעג פון דער מדינה האָבן מיר געבויט די באַציונגען צווישן אונדז און דער מלוכה אויף דער פעסטער באַזע פון ענגער צוזאַמענאַרבעט לטובתביידע. מיטן שטאַרקן די מאַכט פון אַרבעטער, שטאַרקן מיר דעם כוח פון דער מדינה. מיטן שטאַרקן פון דער מדינה ווערט אויך מעכטיקער דער כח פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער. אויס איבערגעגעבנקייט צום דאָזיקן פּרינציפּ האָבן מיר געפונען אין זיך דעם מוט און כח ביי צוקומען פאַרדאַכטן און געוווינהייטן און זיך נישט רעכענען מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע און אַדמיניסטראַטיווע באַקוועמלעכקייטן.

לבון גיט ווייטער צו: מיר האָבן פרייוויליק איינגעשטימט צום מלוכהשן דערציונגס־געזעץ, לויט וועלכן די מדינה טראָגט היינט די אויסשליסלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם דערציונגס־וועזן אין לאַנד. מיר האָבן איינגעשטימט, אַז די געזעלשאַפט „מקורות" (וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אַנטוויקלען די וואַסערנעץ אין ישראל), וועלכע האָט געהערט דער הסתדרות און דער יידישער אַגענטור, זאָל ווערן אַן עפנטלעכע קאָמפּאַני אין פולן זין פון וואָרט (די אַקציעס פון „מקורות" זענען איצט פאַרטיילט צווישן דער רעגירונג, דער יידישער אַגענץ און דער הסתדרות). דאָס זעלבע איז געשען מיט דער נאַציאָנאַלער שיפס־געזעלשאַפט. די לשכת־עבודה (אַרבעטס־ביוראָ) איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעגירונגס־אָרגאַן „שרות־תעסוקה ממלכתי" (רעגירונגס באַשעפטיקונגס־דינסט) א. אַ. וו. קורץ: די לעצטע יאָרן האָט די הסתדרות זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט פון די

פאַרשידענע פונקציעס, וועלכע געהערן אָרגאַניש דעם שטאַט, דער מלוכה, וועלכע די מדינה קאָן ריכטיקער און מער פּראָדוקטיוו אויספירן. פון איצט אָן און ווייטער מוזן מיר טאַקע היטן, אַז די פונקציעס און אויפגאַבן, וועלכע זענען געבליבן אין די ראַמען פון דער הסתדרות זאָלן זאָרגפעליק אויסגעפירט ווערן און נישט פאַרנאַכלעסיקט ווערן. דערפאַר מוזן מיר אויך ווייטער אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון צונויפשמעלצונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פון איין זייט און עקאָנאָמישער טעטיקייט און קעגנזייטיקער הילף פון דער צווייטער זייט.

צי איז נישטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דיביידע? — האָבן מיר געפרעגט.

לבון ענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין״!. ס'איז היינט כמעט נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט קיין „ריינער״ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. די מערהייט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אויף דער וועלט פאַרנעמען זיך היינט מיט קעגנזייטיקער הילף אויף אַ ברייטן מאָסשטאַב. אַ סך פאַראיינען פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן מעדיצינישע הילף אָדער וווינונגען פאַר זייערע מיטגלידער. אין פיל לענדער איז פאַראַן אַ זייער אינטימע פאַרבינדונג צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. אויך אין אַמעריקע האָט אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין געוואַגט צו קויפן צוויי גרויסע פאַבריקן, כדי צו פאַרזיכערן אַרבעט פאַר זיינע מיטגלידער. אין אַנטוויקלונגס־לענדער — און ישראל איז דאָך אַ לאַנד וואָס געפינט זיך אין דער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג — איז, לויט לבונס מיינונג, איבערהויפּט נישט פאַראַן קיין אַנדערע מעגלעכקייט צו לייזן די פּראָבלעמען פון אַרבעטער־באַוועגונגען אָן דער דאָזיקער קאָמבינאַציע פון פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אויף פיל געביטן. אָן דער איניציאַטיוו פון אַרבעטער־ווירטשאַפט וואָלט, לויט לבונס מיינונג, כמעט נישט מעגלעך געווען צו אַנטוויקלען די נייע עולים־שטעט ווי לוד, רמלה, אשקלון, עכו, באר־שבע און אַנדערע. איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון דער הסתדרות זעט לבון אין „אויספילן דעם טעריטאָריאַלן חלל פון דער מדינה, פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט״.

און וואָס איז די באַציונג פון דער הסתדרות — סיי אַלס פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און סיי אַלס עקאָנאָמישע קערפּערשאַפט, צו פּריוואַט איניציאַטיוו?

אויך דאָ ענטפערט לבון אָן שום קווענקלונגען: מיר זענען אַבסאָלוט איינ־פאַרשטאַנען מיטן שטאַנדפונקט פון דער רעגירונג און שטיצן אירע באַמיונגען צו דערמוטיקן דעם אימפּאָרט פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל פון אויסלאַנד און פּריוואַטע איניציאַטיוו אין לאַנד. ס׳איז דאָ גענוג פּלאַץ אין ישראל פאַר ביידע סעקטאָרן. ס׳מוז איבערהויפּט נישט זיין און ס׳איז נישטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דער עקאָנאָמישער איניציאַטיוו פון דער הסתדרות און פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען. ס׳איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר ביידע.

נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעהערט פון פּנחס לבון אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן די אויפטועך פון דער הסתדרות אויפן געביט פון עליה און איינגלידערונג (און ס׳זענען טאַקע דאָ זייער אינטערעסאַנטע און באַלערנדע ציפערן, וואָס באַווייזן ווי אַזוי נייע עולים פון צענדליקער לענדער זענען מיט דער גרעסטער הצלחה איינגעאָרדנט געוואָרן סיי אין די אַלטע אונטערנעמונגען, סיי אין די נייע פאַבריקן און אַנדערע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות, סיי אין דער אינדוסטריע, סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט, סיי אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג פון אַרבעטנדיקער יוגנט), האָבן מיר דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות געשטעלט אַ „פּראָוואָקאַטיווע" פראַגע וועגן די נישט־יידישע אַרבעטער אין ישראל. און ס׳זענען דאָך דאָ צענדליקער טויזנטער אַראַבישע אַרבעטער אין לאַנד. וואָס איז זייער פאַרבינדונג מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג?

דערציילט לבון: זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה האָט די הסתדרות געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי נענטער צו ברענגען דעם נישט־יידישן אַרבעטער צו דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג. שוין מיט זיבן יאָר צוריק זענען די טויערן פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין געעפנט געוואָרן פאַר דעם נישט־יידישן אַרבעטער. אין די וואַלן צו דעם לערער־פאַראיין און בוי־אַרבעטער פאַראיין, וועלכע זענען פאָרגעקומען מיט צוויי יאָר צוריק, האָבן שוין אָנטייל גענומען די נישט־יידישע חברים, וואָס געהערן צו די דאָזיקע פאַראיינען. אין אָנפאַנג 1957 זענען די טויערן פון דער הסתדרות געעפנט געוואָרן פאַר די דאָזיקע נישט־יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געדינט אין דער אַרמיי און זיי זענען גלייכבאַ־רעכטיקטע חברים. במשך פון די לעצטע יאָרן האָט די הסתדרות פיל מיטגע־

ווירקט צום שאַפן פון קאָאָפּעראַטיוון ביי דעם נישט־יידישן טייל פון דער באַפעל־קערונג. פונקט ווי די מדינה גיט גלייכע רעכט אַלע אירע איינוווינער און זי פאַרמינערט נישט דערמיט איר ספּעציפישן כאַראַקטער אַלס יידישע מדינה און אירע ספּעציפישע פליכטן אַלס מדינת־ישראל (ווי צום ביישפּיל עליה און איינ־גלידערונג), אַזוי פאַרמינערט אויך נישט די הסתדרות איר ספּעציפישן כאַראַקטער אַלס „הסתדרות העובדים ה ע ב ר י י ם בישראל" — די הסתדרות פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָט באַזונדערע פליכטן אין באַצוג צום ציוניזם, צום יידישן פאָלק אויף דער וועלט, דורך דעם וואָס זי נעמט אַן אויך די נישט־יידישע אַרבעטער אין אירע רייען. דער ציל פון דער הסתדרות און אירע הויפּט־אויפגאַבן בלייבן אויך ווייטער, אויך נאָך דעם אויפנעמען פון די נישט־יידישע אַרבעטער אַלס פולע מיטגלידער מיט די זעלבע רעכטן און פליכטן, צו זאָרגן פאַר דער פולער לייזונג פון די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק און פאַר דער פאַרזיכערונג פון דער מדינה און אירע זאָרגן אויף אַלע געביטן.

מיט גרויסער באַגייסטערונג רעדט לבון וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער הסתדרות און די אַרבעטער־באַוועגונגען אויף דער וועלט. היינט־צו־טאָג געפינט זיך די הסתדרות שוין אין אַ לאַגע, אַז אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונגען אויף דער וועלט ווענדן זיך צו איר נאָך הילף, פּונקט ווי זי האָט זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט (און אין אַ געוויסער מאָס אויך איצט) געווענדט נאָך הילף צו אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. די פּאָזיציע פון דער הסתדרות אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפעדעראַציע פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט זיך זייער געשטאַרקט. די הסתדרות האָט זיך דערוואָרבן אַן ערן־פּלאַץ אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די הסתדרות שיקט אירע עקספּערטן קיין ציפּערן, גריכנלאַנד, ציילאָן, כדי צו העלפן אָרגאַניזירן דאָרט די טרעיד יוניאָנס. באַזונדערס אונטערשטרייכט לבון די פריינדשאַפטס־באַציונגען צווישן דער הסתדרות און דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג (א.פ.ל.־סי.אי.אָ.). די הסתדרות האָט אַ פּערמאַנענטע פּאָליטישע פאַרטרעטערשאַפט אין אַמעריקע, וואָס איר הויפּט־אויפגאַבע איז צו שטאַרקן נאָך מער די פאַרבינדונג מיט דער אַרבע־טערשאַפט אין אַמעריקע און אירע פירער. אַרבעטער־פירער פון אַמעריקע באַזוכן ישראל און אַרבעטער־פירער פון ישראל באַזוכן אַמעריקע. אַזוי האָט לבון זיך

באַטייליקט אַלס אָפּיציעלער גאַסט אין דער לעצטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

ביי דער געלעגנהייט וויל לבון, דורך דעם „פאָרווערטס”, דאַנקען די אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע פאַר זייער ברייטהאַרציקער הילף אין אויפשטעלן דעם אַפראָאַזיאַטישן אינסטיטוט פון דער הסתדרות אין ישראל.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי אַזיע און אַפריקע, רעדט לבון מיט באַגייסטערונג וועגן דער פאַרצווייגטער אַרבעט, וואָס די הסתדרות־שליחים פירן אָן אין די דאָזיקע צוויי וועלט־טיילן. לבון גלויבט, אַז די הסתדרות קאָן דינען אַלס ווירק־זאַמער אינסטרומענט אין דער דערנענטערונג צווישן די יונגע אַרבעטער־באַווע־גונגען אין אַזיע און אַפריקע און דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל. און אין משך פון די לעצטע יאָרן זענען טאַקע אויף דעם דאָזיקן געביט געמאַכט געוואָרן זייער וויכטיקע שריט. אַזוי האָט די הסתדרות אָרגאַניזירט אַ דריי־מאָנאַטלעכן אַפראָאַזיאַטישן סעמינאַר פאַר קאָאָפּעראַציע, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט 60 מענטשן פון 17 מדינות; אַ גאַנצע דעלעגאַציע פון בורמעזישע געוועזענע סאָלדאַטן זיצט שוין מאָנאַטן לאַנג אין ישראל און שטודירט אונדזערע מעטאָדן פון בויען גרענעץ־ישובים. פון פאַרשידענע אַפריקאַנישע לענדער קומען יונגע טרעיד־יוניאָן־פירער און לערנען ביי אונדז ווירקזאַמע מעטאָדן פון פּראָפעסיאָ־נעלער אָרגאַניזאַציע און קאָאָפּעראַטיוו־וועזן און איצט לייגט מען גרויסע האָפע־נונגען אויף דעם אַפראָאַזיאַטישן אינסטיטוט פאַר קאָאָפּעראַציע און טרעיד־יוניאָניזם. אויסער דעם ווערט אויך פיל אויפגעטאָן דורך דעם „סולל בונה”, וועלכער פירט אויס גרויסע בוי־אַרבעטן און אַנטוויקלונגס־פּראָיעקטן אין פאַר־שידענע לענדער אין אַפריקע און אַזיע, מיט דער פולער צוזאַמענאַרבעט פון די רעגירונגען פון די דאָזיקע לענדער.

לבון זאָגט אויך אייניקע ווערטער וועגן דער ראָל וואָס דער קאַמפּיין פון דער הסתדרות אין אַמעריקע און קאַנאַדע פירט אויס אַלס בריק צווישן די ברייטע יידישע מאַסן אין די דאָזיקע לענדער און דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל. דער הסתדרות־קאַמפּיין דערפילט, לויט לבונען, אַ גרויסע דערציערישע ראָל אין ברייטע קרייזן פון אַמעריקאַנער יידנטום און גלייכצייטיק דערפילט ער אויך

אַ בכבודיקע און קאָנסטרוקטיווע ראָל אַלס פינאַנציעלער אינסטרומענט, וואָס העלפט דער הסתדרות דורכפירן אַ סך פון אירע סאָציאַלע אויפגאַבן.

לבון גלויבט און האָפט, אַז נאָך לאַנגע יאָרן וועט אָנגיין די פרוכטבאַרע צוזאַמענאַרבעט פון מדינת ישראל און הסתדרות פון איין זייט און דעם יידישן פאָלק אויף דער וועלט פון דער צווייטער זייט און דאָס איז טאַקע זיין ווונטש אויפן שוועל פון דרייצנטן יאָר פון מדינת ישראל און איינאונפערציקסטן יאָר פון דער הסתדרות.

משה שרת

אַ יוניאָן וואָס בויט אַ לאַנד

געוועזענער פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער פון מדינת ישראל גיט אַ גרינטלעכע אָפּשאַצונג וועגן דער אייגנאַרטיקער ראָלע פון דער הסתדרות אין דער בויונג פון דעם יידישן לאַנד. — מיט וואָס זי איז אַנדערש פון אַנדערע טרעיד־יוניאָן־פעדעראַציעס אויף דער וועלט.

די הסתדרות איז דאָס קינד פון דער דריטער עליה. די דאָזיקע עליה האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער שיבת־ציון־באַוועגונג געבראַכט אין אַ קורצער צייט צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל באַדייטנד גרעסערע צאָלן חלוצים פון די וואָס זענען געקומען ביז און אין משך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שוין דאַן איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז נייטיק אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל די אַלע חלוצים פאַראייניקן און וואָס זאָל קאָאָרדינירן זייערע באַמיונגען אין אַ ראַם, אין וועלכער מען זאָל קאָנען אַריינעמען ווייטערדיקע אימיגראַציע־כוואַליעס. ווען דער נייער פרימאָרגן האָט אַראָפּגעגנידערט פאַר דער פאַרווירק־לעכונג פון ציוניזם אין די גרויסע טעג פון נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז דער איינציקער קאָנקרעטער ענטפער אויף דער היסטאָרישער פּאַסירונג געווען די גרינדונג פון דער הסתדרות.

פאַרוואָס איז די דאָזיקע גרויסע זכיה צוגעטיילט געוואָרן דווקא צו דעם דעמאָלט ערשט־אויפגעקומענעם אַרבעטער־קלאַס און דער הסתדרות? דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דער ציל פון די הסתדרות־גרינדער איז נישט געווען אָפּצוטיילן און אָפּזונדערן די אַרבעטער; זיי האָבן זיך נישט געשטעלט קיין קלאַסן־ציל; וואָס זיי האָבן געוואָלט דערגרייכן איז געווען נישט נאָר אַ פּאָליטישע

פּאָזיציע פאַר אַ געוויסן טייל פון ישוב, נאָר אַ סך מער: זיי האָבן זיך אונטער־גענומען צו לייזן די דרינגנדיקסטע און אָנגעווייטיקטסטע נאַציאָנאַלע פּראָבלע־מען, פאַר וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין יענער צייט.

ווען מיר האָבן באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט אָנערקענט די רעכט פון יידן צו אַ נאַציאָנאַלער היים און דעם ווידעראויפבוי פון אונדזער נאַציאָנאַל לעבן, איז קלאָר געווען, אַז דער ציל פון ציוניזם צו קאָלאָניזירן דעם באָדן פון ארץ־ישראל אַזוי שנעל ווי מעגלעך מיט דער גרעסט־מעגלעכער צאָל יידן וועט נאָר דעמאָלט פאַרווירקלעכט ווערן, ווען די יידן וואָס קומען קיין ארץ־ישראל וועלן זיין גרייט מאַסנווייז צו ווערן פיזישע אַרבעטער און מענטשן וואָס לעבן פון זייער אייגענער פּראַצע.

די איבערפלאַנצונג פון יידישן פאָלק פון זיינע גלות־לענדער אויפן ארץ־ישראל־באָדן איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט נישט נאָר אין פּאָליטישן און געאָגראַפישן זין. ס'איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער שריט אויך אין סאָציאַלן זין, ווארים ס'איז אומבאַדינגט נייטיק געווען, אַז די סאָציאַלע פּיראַמידע פון יידישן פאָלק, דאָס הייסט, די באַשעפטיקונגס־סטרוקטור פון יידישן פאָלק, זאָל געענדערט ווערן פון קאָפּ ביז די פיס. מיר האָבן געדאַרפט דעמאָנסטרירן אונדזער פעיקייט צו שאַפן אַ ברייטע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע פאַר אונדזער נאַציאָ־נאַלער סטרוקטור נישט אַלס אויפזעער און לאַנדווירטן־בעלי־בתים, נאָר אַלס אַרבעטער־פּויערים, הגם אויך לאַנדווירטן־בעלי־בתים האָבן געקאָנט געפינען זייער פּלאַץ אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון ארץ־ישראל. עס איז אָבער קלאָר געווען, אַז די ברייטע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע מוז באַשטיין פון אַרבעטס־מענטשן, וואָס לעבן פון זייער אייגענער מי, וואָס אַרבעטן אונטער דער בריענ־דיקער זון און שלאַקס־רעגן, וואָס גייען דורך אַלע מעגלעכע שוועריקייטן, אָבער ציען זייער חיונה פון דירעקטן פיזישן קאָנטאַקט מיט דער מאַמע־ערד — אַ קאָנטאַקט, וועלכער איז אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער געווען איבערגעריסן און האָט געמוזט באַנייט ווערן. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אויב דאָס זאָל נישט געשען, וועט דער גרויסער נאַציאָנאַלער ציל קיינמאָל נישט דערגרייכט ווערן. אָבער נישט נאָר אין דער לאַנדווירטשאַפט, נאָר אויך אין דער אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, אין די פּאָרטן פון לאַנד, אומעטום — אויב די אַרבעטס־פּאָזיציעס

וועלן נישט ווערן קיין פּרנסה־קוואַלן פאַר שווער־אַרבעטנדיקע יידן — איז נישט געווען קיין האָפענונג, אַז אונדזערע קאָלאָניזאַציע־באַמיונגען אין ארץ־ישראל זאָלן ברענגען רעזולטאַטן..

דער אָפּרוף אויף דער געשיכטלעכער פאָדערונג, פאַר וועלכער מיר זענען דעמאָלט אַוועקגעשטעלט געוואָרן, האָט געמיינט נישט נאָר, אַז אַ סך יידן זאָלן אַריינקומען קיין ארץ־ישראל, נאָר אַז וואָס מער פון זיי זאָלן פון פאַרויס באַוווּסטזיניק זיך אַנטשליסן איינצושטעלן זייער לעבן אויף פיזישער אַרבעט און דערהייבן פיזישע אַרבעט צו אַ ווירדיקער מדרגה אויף דער לייטער פון אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן ; צו אַ פּאָזיציע פון העכסטער וויכטיקייט אין אונדזער נאַציאָנאַל לעבן און אין דעם פּראָצעס פון שאַפן אַ נייע צוקונפט פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער.

גלייכצייטיק איז אויך קלאָר געווען, אַז דער דרייסטער פּרווו פון איבערבויען סאָציאַל, עקאָנאָמיש און פּראָפעסיאָנעל די שטראָמען פון נייע אימיגראַנטן — אינטעלעקטועלע, קליינהענדלער, אָנגעשטעלטע, פאַרמיטלער און ישיבה־בחורים — און פאַרוואַנדלען זיי אין אַרבעטער, קאָן נאָר דאַן זיין דערפאָלגרייך, אויב דער דאָזיקער פאַרזוך וועט געמאַכט ווערן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, און אויב ער וועט זיך שטיצן אויף אַ פאַרצווייגטן סיסטעם פון קעגנזייטיקער הילף, לויט וועלכן מענטשן זאָלן העלפן איינער דעם אַנדערן און זאָלן האַנדלען צוזאַמען ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט.

די דאָזיקע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט האָט ביי איר אָנהייב געדאַרפט באַזירט זיין אויף צוויי גרונט־פּרינציפּן : דעם פּרינציפּ פון קעגנזייטיקער הילף און דעם פּרינציפּ פון פרייער איניציאַטיוו. אַזוי איז אין יאָר 1920 אַנטשטאַנען די הסתדרות. זי איז געווען ווי אַ פאַרבאַנד פון נייע אימיגראַנטן־אַרבעטער וואָס האָבן זיך פאַראייניקט כדי צו העלפן איינער דעם צווייטן אין זייער נייעם לאַנד. און טוענדיק דאָס, האָבן זיי זיך פונאַנדערגעלאָזט אין אַלע ריכטונגען מיט זייער זעלבשטענדיקער איניציאַטיוו. די הסתדרות איז אַזוי אַרום געוואָרן דער מעכטיקסטער אינסטרומענט אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, ווייל אירע גרינדער האָבן זייערע אייגענע לעבנס פאַרוואַנדלט אין אינסטרומענטן פון דער פאַרווירקלעכונג. ס׳איז בשום אופן נישט געווען קיין ווידערשפּרוך, קיין קאָנפליקט צווישן

זייערע קלאַסן־אינטערעסן און זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אויף ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט שאַפן אַרבעט און קאָנסאָלידירן די פּאָזיציעס פון די נייע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, אין דער זעלבער מאָס איז דער ציוניזם פּאָרויסגעגאַנגען צו זיין זיגרייכער פאָרווירקלעכונג.

דאָס ענטפערט פאָרוואָס אונדזער גאַנצער נאַציאָנאַלער פאָרמעסט, פּונקט ווי אונדזער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, איז אייגנאַרטיק. דאָס איז נישט ווייל מיר זענען בעסערע סאָציאַליסטן פון די סאָציאַליסטן אין אַנדערע לענדער און נישט דערפאַר, ווייל אונדזערע פירער זענען מער איבערגעגעבן צו די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס ווי די פירער אין אַנדערע לענדער ; דאָס איז אויך נישט דער־פאַר, ווייל אונדזער מיטגלידערשאַפט איז געווען מער קלאַסן־באַוווסטזיניק ווי די אַרבעטער אין אַנדערע לענדער. דאָס איז פשוט דערפאַר, ווייל מיר זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר פּראָבלעמען און אויפגאַבן, פאַר וועלכע קיין אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט געשטאַנען. די שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן געדאַרפט בייקומען, די פּראָבלעמען וואָס מיר האָבן געדאַרפט לייזן, די דערפאָלגן און נצחונות, וואָס מיר האָבן געדאַרפט דערגרייכן, די פעלערן קעגן וועלכע מיר האָבן זיך געדאַרפט אויסהיטן — זענען אויך אייגנאַרטיקע דערשיינונגען אָן פּאַראַלעלן און פּרעצעדענסן.

מיר ווייסן, אַז יעדע אַרבעטער־באַוועגונג, אין יעדן נאָרמאַלן לאַנד האָט געירשנט דעם אַרבעטער־קלאַס ווי אַ פּאַרטיקן פּראָדוקט פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג. זי האָט אָרגאַניזירט דעם דאָזיקע אַרבעטער־קלאַס און האָט אין אים איינגעפלאַנצט אַ געוויסע מאָס באַוווסטזיין און אַ געוויסע טראַדיציע פון קלאַסן־סאָלידאַריטעט און קלאַסן־דיסציפּלין. מיר, דאַקעגן, האָבן געדאַרפט שאַפן די אַרבעטער. און כדי צו שאַפן דעם אַרבעטער, האָבן מיר צוערשט געדאַרפט שאַפן אַרבעט. מיר האָבן זיך נישט געדאַרפט זאָרגן פאַר אַרבעטס־באַדינגונגען. אונדזער ערשטע זאָרג איז געווען פאַר אַרבעטס־מעגלעכקייטן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט שאַפן.

*

צוויי פּרינציפּן ווערן זייער שטרענג אָפּגעהיטן אין אונדזער לאַנד, און

איך גלייב, אַז די דאָזיקע פּרינציפּן וועלן קלינגען אָנגענעם אין אַמעריקאַנער אויערן: דאָס זענען פרייהייט פון אונטערנעמונג און גלייכע געלעגנהייט; אויף ענגליש הייסט דאָס: „freedom of enterprise and equality of opportunity“.

פרייהייט פון אונטערנעמונג איז אָבער ביי אונדז חל אויף אַלעמען און איז גילטיק פאַר אַלע פאָרמען פון עקאָנאָמישער איניציאַטיוו. אויך דער פּרינציפּ פון גלייכער געלעגנהייט איז גילטיק פאַר אַלעמען, נישט נאָר פאַר יחידים, וואָס האָבן צופעליק קאַפּיטאַל (און זאָלן זיי געבענטשט זיין אויב זיי אינוועסטירן דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל אין קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען), נאָר אויך פאַר גרופּן, וועמענס כוח באַשטייט אין פּראָפעסיאָנעלע קענטעניש, ענטוזיאַזם, און אויס־דויער. דאָס זענען אומשאַצבאַרע אייגנשאַפטן אין אַ ניי לאַנד, וואָס גייט דורך אַ שווערע פּיאָנערישע סטאַדיע. אויך אַזעלכע גרופּן זענען באַרעכטיקט ביי אונדז צו גלייכע געלעגנהייטן און האָבן די פרייהייט פון אונטערנעמונג.

דורך דער שטענדיקער אָנווענדונג פון די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן איז אויסגעפורעמט און אויסקריסטאַליזירט געוואָרן אין ישראל די איצטיקע געזעל־שאַפטלעכע סטרוקטור, וועלכע איז נישט מאָנאָליטיש, נאָר פּילפאָרמיק. פאַראַן ביי אונדז פאַרשידענע אייגנטום־פאָרמען און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס עקזיסטירן זייט ביי זייט, און אַרבעטן אָפטמאָל צוזאַמען, אָבער אַלע זענען זיי אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון דער מדינה, אַלע זענען באַרעכטיקט צו דער הילף פון דער מדינה און אַלע זענען פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן די דיסציפּלין פון דער מדינה. אין די דאָזיקע ברייטע נאַציאָנאַלע ראַמען האָט יעדער איינער די פולסטע רעכטן אויסצושמידן זיין אייגענע צוקונפט, צו דעמאָנסטרירן, וואָס ער קאָן אויפטאָן, און באַווייזן דאָס מיט רעזולטאַטן, וואָס ער דערגרייכט.

אַדאַנק דער אָנווענדונג פון די דאָזיקע פּרינציפּן, איז די הסתדרות, לאַנג פאַר דער עטאַבלירונג פון דער מדינה, — אין אונדזער שווערן באַרג־אַרויף צו זעלבשטענדיקייט, — געוואָרן איר רוקנביין און האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל אויפן געביט פון פּראָדוקציע און באַשעפטיקונג, אין דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד און זיין דעמאָקראַטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. ווען די הסתדרות וואָלט נישט געגרינדעט געוואָרן, ווען זי וואָלט נישט געהאַט די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זיך און צו שפּילן די ראָל וואָס זי האָט געשפּילט ביים שטאַרקן אונדזערע עקאָ־

נאַמישע פּאָזיציעס, און ביים דערמעגלעכן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַריינ־צודרינגען אין די וויכטיקסטע פּראָדוקציע־געביטן, און ווען נישט די מענטש־לעכע כוחות, וואָס די הסתדרות האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן און אַרויפצולייגן אויף זיי די אויפגאַבן פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג — איז אַ גרויסער ספק צי מיר וואָלטן אין יאָר 1948 געקאָנט אַריבערטרעטן די שוועל פון נאַציאָנאַלער אומ־אָפּהענגיקייט.

*

ביז צו דער גרינדונג פון דער מדינה, ווען מיר האָבן געלעבט אונטער פרעמדער הערשאַפט, צוערשט פון די טערקן און דאַן די ענגלענדער, וועמענס אַדמיניסטראַטיווע פּאָליטיק איז זייער זעלטן געווען לטובת דער באַפרידיקונג פון אונדזערע נויטן אַלס ציוויליזירטע מענטשן און אַלס אַ דינאַמישע באַוועגונג, וואָס שטרעבט צו פאַרגרעסערן אירע רייען און אויסצוברייטערן איר פּראָדוקציע־באַזע — האָט די הסתדרות געמוזט נעמען אויף זיך אויפגאַבן וואָס אין יעדער נאָרמאַלער געזעלשאַפט זענען זיי רעגירונגס־אויפגאַבן, ווי למשל: דערציִונג, געזונט־וועזן, עפנטלעכע דינסטן און אַ סך אַנדערע.

זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה קאָן מען אוודאי מיינען, אַז דער פאַרנעם פון דער הסתדרות־טעטיקייט איז נאַטירלעכערוויז פאַרקלענערט געוואָרן און איר וויכטיקייט איז אין איינקלאַנג דערמיט רעדוצירט געוואָרן אויף דער ליסטע פון אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן. פאַקטיש איז די לאַגע גאַנץ ווייט דער־פון. די אַנטשטייונג פון דער מדינה האָט נאָך פאַרגרעסערט די וויכטיקייט פון דער הסתדרות אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטס־מענטשן.

לאָמיר באַטראַכטן אויף אַ מינוט וואָס וואָלט געווען אונדזער לאַגע אין ישראל היינט־צו־טאָג אין דער זעלבשטענדיקער מדינה, ווען דער מדינה־אַפּאַראַט — די רעגירונג מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען און אינסטיטוציעס פון איין זייט, און די פירערשאַפט פון אַרבעטער־קלאַס, פון דער צווייטער זייט, וואָלטן געשטאַנען פּנים אל פּנים ווי צוויי אַנטאַגאָניסטישע פאַקטאָרן: ווען די צוויי וואָלטן געגאַנגען אין באַזונדערע ריכטונגען אָנשטאָט צוזאַמען, וואָלט זיך דאָס גאַנצע לאַנד געפונען אין אַן אוממעגלעכער לאַגע. דאָס איז אויסגעמיטן געוואָרן

נאָר אַדאַנק דער אייגנאַרטיק־שטאַרקער פּאָזיציע פון הסתדרות און דער אָרגאַני־זירטער אַרבעטערשאַפט אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן.

פון דער צווייטער זייט, קאָן מען דאָך זאָגן, אַז אויב די הסתדרות פאַרנעמט יאָ אַזאַ דאָמינירנדיקע פּאָזיציע אינעם לעבן פון דער מדינה, ווי אַזוי קאָן פאַרזיכערט ווערן אָביעקטיווע שטאַטסמאַנשאַפט; אויב דער שטאַט דאַרף אויספירן די באַפעלן פון דער הסתדרות און אויב דער שטאַט דאַרף צופרידנשטעלן יעדע פאָדערונג, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס קאָן אַרויסשטעלן? אויך אַזאַ צושטאַנד וואָלט געקאָנט פירן צו אַ ברוך אין אונדזער נאַציאָנאַלער סטרוקטור און צו אַ קריזיס, וואָס וואָלט געהאַט קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן. אַז קיין אייבער פון די אומגליקן איז נישט געשען און דראָט אונדז נישט אין דער קלענסטער מאָס, איז דאָס אַדאַנק דעם פאַקט, וואָס פון איין זייט האָט די הסתדרות געווירקט ווי אַ דאַמבע פאַר די עלעמענטאַרע רעכט פון פאָלקס־מענטשן צו באַשעפטיקונג, צו אַ געהע־ריקן לעבנס־סטאַנדאַרט, צו אַ דירה און צו אַלע דערציערישע און קולטורעלע מעגלעכקייטן, און פון דער צווייטער זייט האָט די הסתדרות געצוימט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן געוויסע איבערגעטריבענע פאָדערונגען פון אַרבעטער־גרופּן, וואָס דאָס נאַציאָנאַלע לעבן האָט נישט געקאָנט צופרידנשטעלן.

די הסתדרות האָט אויך באַוויזן איינצושפּאַנען די ענערגיע און די קאָנ־סטרוקטיווע פעיקייטן פון איר גאַנצער מיטגלידערשאַפט און פון אירע פאַרצווייגטע אינסטיטוציעס אין דינסט פון דער מדינה און האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מוז אונטער־וואַרפן די קורץ־טערמיניקע אינטערעסן פון דער אָדער יענער גרופּע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג צו די העכסטע אינטערעסן פון נאַציאָנאַלער זיכערקייט, פון נאַציאָנאַלן וווילזיין און פון נאַציאָנאַלן נצחון, הויפּטזעכלעך אויף דעם עקאָנאָמישן פראָנט.

די הסתדרות האָט דערפולט איר היסטאָרישע מיסיע פון דינען אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף אין אַ פיל גרעסערן היסטאָרישן זין ווי דאָס איז אפשר לכתחילה פאָרויסגעזען געוואָרן. ווען דער נייער עליה־שטראָם איז פלוצים געקומען אין 1948, האָט מדינת־ישראל אַריינגענומען אין ניין חדשים צייט, 135 טויזנט מענטשן, וואָס די מערסטע פון זיי האָבן געמוזט אַרבעטן, כדי

צו פֿאַרדינען אויף זייער חיונה. קיין קאַפּיטאַל־אינוועסטאָרן און אַרבעטס־געבער זענען צווישן די ניי־געקומענע נישט געווען. אויב מיר האָבן אין 1949 געהאַט אַן עליה פֿון 240 טויזנט — אַ דורכשניט פֿון 20 טויזנט אַ חודש — און אויב מיר ׳ענען אין די יאָרן 55־1950 אַרונטערגעגאַנגען צו 200 טויזנט אַ יאָר און אויב מיר האָפֿן איצט ווידער אויף אַ גרויסן עליה־שטראָם און מיר זענען זיכער אַז מיר קאָנען אים אויפֿנעמען — איז דאָס נאָר דערפֿאַר, ווייל עס עקזיסטירט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ראַם, אין וועלכער יעדער נייער אימיגראַנט קאָן געפֿינען אַ פּלאַץ, אויב ער איז אַן אַרבעטער און אויב ער וויל געניסן פֿון דער קעגנזייטיקער הילף און בייטראָגן צו איר. קיינער איז נישט געצוווּנגען זיך אָנצושליסן אין דער אָרגאַניזאַציע, אָבער די וואָס פֿאַרשטייען, וואָס עס איז גוט פֿאַר זיי און אויף וויפֿל זייער אייגענער ווילזיין קאָן און דאַרף האַרמאָניזירן מיט די העכסטע אינטערעסן פֿון דער נייער יידישער געזעלשאַפֿט און פֿון מדינת ישראל בכלל, איז פֿאַראַן אַ ראַם אין וועלכער זיי קאָנען זיך אָנשליסן.

ס׳איז פֿאַראַן אַ סטרוקטור, פֿון וועלכער זיי קאָנען גלייך ווערן אַ טייל און ס׳איז פֿאַראַן אַ באַשטימטע דיסציפּלין, וועלכער זיי דאַרפֿן זיך פֿרייוויליק אונטערוואַרפֿן. דערביי איז פֿאַראַן אַ ברייט פֿעלד פֿאַר איניציאַטיוו, אין וועלכער זיי קאָנען נעמען אָנטייל. דאָס איז דער גרויסער פֿאַרדינסט פֿון די הסתדרות־גרינדער מיט 40 יאָר צוריק, וואָס האָבן ערב דער גרויסער עפּאָכע, שטייענדיק אויף דער שוועל פֿון אַ נייער תקופה פֿון וווּקס און אַנטוויקלונג, מיט וויזיע און פֿאָרויסזאָגונג געלייגט דעם פֿעסטן, קאָנסטרוקטיוון פֿונדאַמענט, וועלכער האָט זיך פֿון דעמאָלט אָן געהאַלטן אין איין אויסברייטערן, אַנטוויקלען, אָרגאַניזירנדיק און דערציענדיק די גאַנצע צייט יידישע מאַסן צו אַרבעט, צו סאָלידאַריטעט און צו די פֿליכטן פֿון נאַציאָנאַלער דיסציפּלין.

ישראל קאָן זיך היינט באַרימען דערמיט, אַז טראָץ דעם וווּקס פֿון איר באַפֿעלקערונג אויף 150 פּראָצענט אין פֿאַרלויף פֿון אירע ערשטע צוועלף יאָר, איז קיין מענטש נישט פֿאַרבליבן אפֿילו אויף איין טאָג אָן ברויט; קיין איינציקע משפּחה איז אפֿילו איין נאַכט נישט געווען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ; קיין איין קינד איז נישט איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר אַרומצולויפֿן איבער די גאַסן אָן אַ שול; קיין איין קראַנקער מענטש איז נישט געלאָזט געוואָרן אָן מעדיצינישער

הילף און קיין איינציקער מענטש איז נישט פאַרפאָלגט געוואָרן פאַר רעדן קעגן דער רעגירונג; קיין איין איינציקער ציַיטונגס־רעדאַקטאָר איז נישט אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה פאַר קריטיקירן די רעגירונג. פאַרקערט, דאָס לאַנד איז באַקאַנט מיט זיין קריטיק, אָפטמאָל זייער שאַרפער קריטיק, וועלכע איז אין דער ערשטער ריי אַן אָנדייטונג פון פריַיהייט, איידער אַן אָנדייטונג פון שוועריקייטן. וואָרים געוויסע מענטשן קריטיקירן אָן אַ סיבה, אָבער דער פאַקט וואָס זיי קאָנען קריטיקירן איז זיכער אַ באַוויַיז, אַז זיי זענען פריי.

דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אין פולשטענדיקער פריַיהייט, — פריַיהייט פון וואָרט, פון פאַרזאַמלונג און פון באַוועגונג — און דער לעבעדיקסטער סימבאָל פון דער פריַיהייט איז די הסתדרות. דערפאַר איז די הסתדרות געוואָרן אַ ביַישפּיל פאַר אַלע לענדער פון אַזיע און אַפריקע, וואָס זוכן אַן אויסוועג פון דער דילעמע צווישן מזרח און מערב. נישט אַלע אין די דאָזיקע לענדער זענען אונדזערע פריַינד און אונדזערע פאַרביסנסטע שונאים. פון איין זייט זעען מיר פיינדשאַפט און פון דער צווייטער זייט — רעספעקט, פאַרערונג און אפילו קנאה. און איך וואָלט געזאָגט, אַז דער מעסעדזש פון דער הסתדרות דערגרייכט נישט נאָר אין די וויַיטע לענדער פון אַזיע און אַפריקע, נאָר זי ברעכט אויך דורך די ווענט פון פאָליטישער שנאה, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אַרום ישראל דורך אירע שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. די אָפּקלאַנגען פון אירע דערגרייכונגען, פון איר פּאָזיציע, פון אירע אויסזיכטן קלינגען ווי לעגענדעס אין זייערע אויערן, און דערפאַר פאַרזייט די הסתדרות די קערנער פון קומענדיקן שלום.

יוסף שלאָסבערג

רינגען אין דער יידישער גאָלדענער קייט

יוסף שלאָסבערג

די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין די 1880־ער, האָבן געטריבן די יידישע שעפערישקייט אויף נייע וועגן. אַ קליינע גרופּע רוסיש־פּוילישע יידן איז אַוועק אין דער אַלטער, פאַרלאָזענער, חרובער וועלט, ארץ־ישראל. זיי האָבן מיטגענומען די זכרונות פון דער אַמאָליקער יידישער גרויסקייט און האָפענונג אויף אַ נאַציאָנאַלן יידישן ווידער־געבורט. גרעסערע צאָלן זענען אַוועק אין דער נייער ווייטער וועלט, אַמעריקע. זייערע זכרונות: פּאָגראָמען און נויט; זייער האָפענונג: עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן און לעבנס־זיכערקייט.

די מזרח־אייראָפּעישע יידישע אייגוואַנדע־רער, פון די 1880־ער ביז היינט, בפרט אין די לעצטע 50 יאָר, האָבן אויפגעבויט ארץ־ישראל און געפירט צו דער גרינדונג פון דער דריטער יידישער מדינה. די מזרח־אייראָפּעישע יידישע איינ־וואַנדערער אין אַמעריקע, פון די 1880־ער ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן געגעבן דער יידישער געמיינדע אין אַמעריקע איר גרעסטן פאַרמעגן: ברייטע, דינאַמישע פאָלקסמאַסן. דאָס האָט די געמיינדע פריער נישט געהאַט.

די יידישע אימיגראַציע אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1654, אָבער מער ווי צוויי הונדערט יאָר איז די יידישע באַפעלקערונג געווען קליין און דער פּראָגרעס לאַנגזאַם, ביזן אָנקומען פון דער מזרח־אייראָפּעישער עמיגראַציע. מיר

און אונדזערע הי־געבוירענע קינדער און אייניקלעך, האָבן אין די לעצטע דריי דורות געמאַכט די אַמעריקאַנער יידישע קהילה פאַר דער גרעסטער אין דער וועלט. געניסנדיק פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט און דעמאָקראַטיע, איז זי אויך געוואָרן די מאַטעריעל דערפאָלגרייכסטע.

חלוצים, פיאָנערשאַפט איז באַוווסטזיניק באַשאַפן געוואָרן פון דער איינ־געוואַנדערטער יידישער יוגנט אין ארץ־ישראל, כדי צו בויען לאַנד, פאָלק און מדינה: אַ נייער כוח אין דער אַלטער וועלט. פיאָנערשאַפט איז אַרויסגעוואַקסן פון די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע נויטן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמע־ריקע, כדי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע און דערהייבן זייער מענטשלעכע חשיבות: אַ נייער כוח אין דעם יידיש־אַמעריקאַנישן לעבן.

די חלוצים אין ארץ־ישראל האָבן אויפגעבויט אַ שטאַרקע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט. זי איז געוואָרן דער הויפּט־אַרכיטעקט און בויער פון דער נייער געזעלשאַפט אין דער פרייער יידישער מדינה. די יידישע פיאָנערן אין אַמעריקע האָבן אויפגעבויט די ערשטע גרויסע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער יידישער געשיכטע.

די חלוצים אין ארץ־ישראל און די פיאָנערן אין אַמעריקע האָבן, ווי באַזונ־דערע שבטים, און אידעיש ווייט איינע פון די אַנדערע, אַפילו קעגנעריש, געטאָן קאָנסטרוקטיווע אַרבעטן, וואָס האָבן געמאַכט געשיכטע.

עס איז געשטאַנען אַ שטיינערנע וואַנט צווישן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און דעם ארץ־ישראל־געדאַנק. דער יידישער שיקזאַל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געבראָכן יענע וואַנט, וואָס האָט אָפּגעזונדערט יידן פון יידן. זיי האָבן זיך דערקענט ווי קינדער פון איין פאָלק, פון דעם ליידנדיקן יידישן פאָלק. די יידישע אַרבעטער אין ישראל און אין אַמעריקע זענען געוואָרן אַ פאַראייניקטע פאַמיליע. דער אויפבוי פון ארץ־ישראל איז געוואָרן דער ציל פון דער גאַנצער משפחה.

*

די חלוצים האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון סאָציאַליזם; אין אונדזער איצטי־קער צייט איז נייטיק צו באַטאָנען: פון פרייען דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. מענטשן

האָבן געפּרעגט מיט שטיינער: איז דאָס מעגלעך אין דעם פּאַרלאָזטן, חרובדיקן לאַנד? דגניה איז געווען דער פּאָזיטיווער ענטפער. דאָס איז געווען אין 1910; די ערשטע אַרבעטער־קאָלאָניע, דער ערשטער פּרווו. אין אַנדערע לענדער זענען אַזעלכע פּרווון דורכגעפאַלן, וועט עס געלינגען אין ארץ־ישראל?

עס איז געלונגען, העכסט געלונגען: דגניה פייערט איצט איר גליקלעכן פופציקסטן געבורטס־טאָג. דגניה, די ערשטע, און דעמאָלט די איינציקע, איז געוואָרן דגניה א׳; עס איז צוגעקומען אַ טאָכטער־קאָלאָניע, דגניה ב׳. אין פאַרלויף פון די יאָרן זענען אויפגעקומען אַ סך קבוצות און מושבים. דאָס זענען קליינע סאָציאַלע רעפּובליקן, אָן עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קלאַסן. אַלע פיזיש־פעיקע מענטשן אַרבעטן. אַ געזעלשאַפט פון פרייע און גלייכע, פריי אַריינצוקומען, פריי אַוועקצוגיין, פריי פון עקאָנאָמישער אומזיכערקייט — פולבלוטיקער סאָציאַליזם.

ווי אַזוי איז דער וווּנדער געשען? דאָס וואָס איז נישט מעגלעך אין לענדער מיט אַ סטאַבילן סדר, איז געווען מעגלעך, ווייל עס איז אַבסאָלוט נייטיק געווען אין ארץ־ישראל; אַנדערש וואָלט דאָס לאַנד נישט אויפגעבויט געוואָרן און די מדינה וואָלט נישט אויפגעקומען.

*

אין אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע לענדער איז די טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג אויפגעקומען ווי אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן געזעלשאַפט־סדר. אין פּאַלעסטינע, ווו עס איז דעמאָלט נישט געווען קיין סטאַבילער סאָציאַלער סיסטעם, האָבן די יונגע יידישע עולים אָרגאַניזירט יוניאָנס אויף ליניעס פון זייער חלוצישן אידעאַליזם, אויף פאַרשידענע אידעאָלאָגישע יסודות. דאָס שטרעבן צו פולער אינטעגרירונג אין דעם אַרבעטער־ישוב האָט געבראַכט די קליינע גרופּן זיך צו פאַראייניקן אין אַ גרעסערער גרופּע מיט פּלאַץ פאַר אַלעמען. אין 1920 איז געשאַפן געוואָרן די הסתדרות העובדים, וואָס איז זינט דאַן באַרימט געוואָרן אין דער יידישער וועלט און אין דער אַרבעטער־וועלט ווי די הסתדרות. עס איז געקומען די פראַגע: קאָן זיין אַ טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַ לאַנד פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער פּוסטקייט? דער ענטפער: אין 1920 האָט די הסתדרות אָנגעהויבן מיט 4,400 מיטגלידער. איצט, אין 1960, האָט זי 670 טויזנט מיטגלידער.

די אַרבעטער־קאָלאָניעס זענען געוואָרן דער יסוד און דער כוח פון דער הסתדרות, כאָטש אין אַנדערע לענדער זענען לאַנד־אַרבעטער די הינטערשטע־ליקסטע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

בעת דגניה פייערט פופציק יאָר הצלחה פון דער קאָאָפּעראַטיווער געזעל־שאַפט, פייערט די הסתדרות פערציק יאָר דערפאָלג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעט־טערשאַפט אויף פאַרשידענע געביטן, אין לאַנד און אין חוץ־לארץ, בפרט אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה. דאָס לעצטע איז שטענדיק געווען איר הויפּטציל, אַלע מאָל אויף איר טאָג־אָרדענונג. און ווייל דאָס איז געווען דער ווילן פון אירע מיטגלידער, איז די הסתדרות געוואָרן דער אַרכיטעקט און הויפּט־בויער פון מדינת ישראל. און איצט איז די הסתדרות דער גרעסטער כוח אין לאַנד און הויפּט־שטיצער פון דער מדינה.

בעת די חלוצים האָבן געבויט זייערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דאָרטן, האָבן מיר געבויט אונדזערע יוניאָנס דאָ. פון אַ ביטול־באַציונג צו די אַרבעטער אין ביידע לענדער איז עס אין ביידע פאַלן געקומען צו פולן רעספּעקט.

אין אונדזערע אייגענע רייען דאָ איז אַן אַגרעסיווע מינאָריטעט געווען אַקטיוו פיינטלעך צו ארץ־ישראל און אַ סך זענען געווען גלייכגילטיק. עס האָט געגאָלטן די פילאָזאָפיע פון „דאָיקייט", צו יידן אין יעדן לאַנד באַזונדער פאַר זיך, אָן אחריות איינע צו די אַנדערע.

זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די קעגנער פאַרלוירן זייער איינפלוס און די אַנדערע זייער גלייכגילטיקייט. די לעצטע זענען געוואָרן העלפער און מיט־אַרבעטער. די יידישע יוניאָנס האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט ארץ־ישראל און מיט דער הסתדרות. דאַן איז געקומען די קאָאָפּעראַציע פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַ־נער אַרבעטער־באַוועגונג.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן אַ היסטאָרישער פאַקט. פון 1935 ביז 1955 איז די טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע געווען געשפּאָלטן — א. פ. ל. און סי. אַי. אָ. פאַרשטייער פון די צווי באַוועגונגען האָבן נישט גערעדט איינע מיט די אַנדערע. אַזוי פירט זיך שטענדיק אין שפּאַלטונגען. זיי האָבן זיך אָבער באַגעגנט און גערעדט צוזאַמען אויף דער פּלאַטפאָרם פון אונדזער הסתדרות־קאַמפּיין. וויליאַם גרין, פּרעזידענט פון דער א. פ. ל., און פיליפּ מאָרי, פּרעזידענט פון סי. אַי. אָ., טרעיד־

יוניאָניסטיש פּאָליטישע שונאים, זענען געגאַנגען צוזאַמען צו פּרעזידענט טרומאַן אין די אינטערעסן פון ארץ־ישראל. אין דעם פּרט האָט דער אַמעריקאַנער פּרעזי־דענט געזען פאַר זיך אַ פאַראייניקטע אַרבעטערשאַפט.

*

עס איז געקומען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע אין דער וועלט־געשיכטע און אין דער יידישער געשיכטע — די צווייטע וועלט־מלחמה. די טראַגעדיע האָט פאַר־כאַפּט די גאַנצע מענטשהייט. עס האָט פאַרניכטעט דעם גרעסטן קוואַל פון יידישער גייסטיקייט, דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום. אַ דריטל פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרן אין היטלערס אויסראָטונגס־לאַגערן. דריי יאָר נאָך דער מלחמה איז געקומען דער גרעסטער יידישער נס, די נייע יידישע מדינה. דאָס איז געווען דער וווּנדער פון דעם מיטאָלאָגישן פעניקס־פויגל, וואָס איז אַרויסגעקומען לעבעדיק פון זיין אייגענעם אַש.

און די מדינה אַליין האָט דורכגעפירט אַ צווייטן נס. זי האָט פאַראייניקט די צעוואָרפענע יידן אין אַלע טיילן פון דער וועלט אין איין יידישער משפחה.

די הסתדרות אין ישראל האָט אויף איר אייגענעם אופן מאָביליזירט די פריינדשאַפט פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַנדערע לענדער, בפרט אין די נייע, זעלבשטענדיקע לענדער אין אַזיע און אַפריקע.

*

און מיר, יידישער אַרבעטער אין אַמעריקע? מיר באַטייליקן זיך אין אַלע אַלגעמיינע געלט־זאַמלונגען פאַר ישראל, און פירן אויך אונדזער אייגענעם הסתדרות־קאַמפּיין. די צענדליקער מיליאָנען דאָלאַר, וואָס מיר האָבן געזאַמלט אין די לעצטע זעקס און דרייסיק יאָר, האָבן פיל בייגעטראָגן צו די העכסט נייטיקע אַרבעטן פון די פאַכשולן, מעדיצינישע הילף פאַר די עולים, זייער קולטורעלער דערהויבונג און אַלגעמיינע אינטעגרירונג אין דער מדינה.

די גרויסע מאָראַלישע און מאַטעריעלע קאָאָפּעראַציע פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַ באמת היסטאָרישע דערגרייכונג. אָן אונדזער הסתדרות־קאַמפּיין וואָלט דאָס אונדז איינגאַנצן געפעלט. איצט האָבן מיר עס און זענען דאַנקבאַר.

ישראל וויזט דער וועלט אַ נייעם שעפערישן ייד, שעפעריש, ווייל ער איז פריי.

די הסתדרות וויזט דער וועלט אַ נייעם יידישן אַרבעטער, אַ מיטבויער פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.

מיר פרייען זיך מיט 50 יאָר דגניה, מיט 40 יאָר הסתדרות, מיט צוועלף יאָר מדינת ישראל. דאָס זענען רינגען אין דער גאָלדענער יידישער קייט.

אין אילת ביים ים־סוף, האָט די סי. אַי. אָ. אויפגעשטעלט אַן אַרבעטער־קולטור־צענטער צום אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם פרעזידענט פיליפ מאָריי, אַ קאַטאָליק.

אין חיפה האָט די אַ. פ. ל. אויפגעבויט אַן אַרבעטער־קולטור־צענטער צום אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם פרעזידענט וויליאַם גרין, אַ פראָטעסטאַנט.

דער אַ. פ. ל.—ס. אַי. אָ־עקזעקוטיוו־קאָונסיל האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק באַוויליקט 175 טויזנט דאָלאַר, ווי אַ העלפט פון די הוצאות פאַר דעם אינסטיטוט פאַר אַזיע־אַפריקאַנער אַרבעטער־פאָרשטייער אין דעם הסתדרות־קאָלעדזש אין תל־אביב. די אַנדערע העלפט פון די הוצאות דעקט די הסתדרות.

פאַריקן חודש איז אין חיפה אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון ביוראָ פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צום ערשטן מאָל אין דער יידישער מדינה.

אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד זענען אויפגעבויט געוואָרן פאַכשולן, שפּי־טאָלן, קליניקעס, און אַנדערע נייטיקע אינסטיטוציעס, פינאַנסירט פון די יידישע און נישט־יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

מיר האָבן מיט וואָס זיך צו פרייען.

בצלאל שערמאַן

בריק צווישן דער היגער אַרבעטער-באַוועגונג און ישראל

פריינדשאַפט און שטיצע פון דער אַמעריקאַנער אַרבע־טער־באַוועגונג פאַר ארץ־ישראל און שפּעטער מדינת־ישראל האַלטן אָן זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. — ווען די א. פ. אָוו ל. און די סי. אַי. אָ. זענען נאָך געווען צעטיילט, האָבן זיי געפירט געמיינשאַפטלעכע אַקציעס פאַר ישראל.

אין דער געשיכטע פון די באַציונגען צווישן אַמעריקע און ארץ־ישראל וועט דאָס קאַפּיטל, וואָס עס האָט אַריינגעשריבן די אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר־נעמען אַ גאָר חשוב אָרט. נישטאָ נאָך אַ גרופּירונג אין דעם אַמעריקאַנער פאָלק, וואָס האָט מיט אַזויפיל אויסגעהאַלטנקייט געהאָלפן דעם יידישן ישוב אין די צייטן פון דעם ענגלישן מאַנדאַט און וואָס האָט שפּעטער אַזוי וואַרעם געשטיצט מדינת־ישראל, ווי די היגע יוניאָנס פון דער אַ. פ. אָוו ל. און דער סי. אַי. אָ. און שפּע־טער פון דער פאַראייניקטער אַרבעטער־קערפּערשאַפט.

די אונטערשטיצונג פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט געווען קיין צופעליקע און זי איז נישט געגעבן געוואָרן בלויז אין צייטן ווען פריינדלעכע ווינטן, אין שייכות צו ישראל, האָבן זיך געטראָגן פון וואַשינגטאָן; נישט איין מאָל איז די יוניאָנס אויסגעקומען שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דער אַמעריקאַנער רעגירונג בנוגע שטעלונגען צו ארץ־ישראל. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס אין אירע סימפּאַטיעס צו די יידישע שטרעבונגען אין ארץ־ישראל איז די אַ. פ. אָוו ל. נישט נאָר געגאַנגען אין פאָרויס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד, נאָר זי איז אויך געגאַנגען אין פאָרויס פון גרויסע טיילן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג גופא. די אַ. פ. אָוו ל. האָט זיך סאָלידאַרי־

זירט מיט די צילן פונעם ציוניזם נאָך אין די צייטן ווען אַ פּאַקטישער חרם האָט געהערשט אין די מערסטע יידישע יוניאָנס בנוגע טעטיקייטן אין ארץ־ישראל.

דאָס קאַפּיטל אַמעריקאַנער אַרבעטער־אונטערשטיצונג פאַר ארץ־ישראל, הייבט זיך אָן מיט קאַרגע 43 יאָר צוריק. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז עטלעכע טעג נאָך דעם ווי די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע (דעם 2־טן נאָוועמבער 1917), האָט די אַ. פ. ל. אָפּגעהאַלטן אַ קאַנ־ווענשאַן אין באָפאַלאָ און דאָרט באַשלאָסן צו באַגריסן די דעקלאַראַציע ווי אַן אַקט פון היסטאָרישער גערעכטיקייט צו דעם יידישן פאָלק און ווי אַן אויסדרוק פון די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, פאַר וועלכע אַמעריקע האָט געפירט די מלחמה קעגן דייטשלאַנד (צוגעגרייט דעם אידעישן און פּאָליטישן באָדן פאַר אָט דעם באַשלוס האָט ד״ר נחמן סירקין ע״ה).

די שטעלונג פון דער אַ. פ. ל. צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט נישט ווינציק צוגעטראָגן צו דעם, אַז אויך די יידישע אַרבעטער־פירער זאָלן אָנהייבן אַרויסווייזן אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. עס איז זיכער נישט געווען קיין קאַפּריז פון דער געשיכטע, וואָס קורצע עטלעכע חדשים נאָך דער קאַנווענשאַן אין באָפאַלאָ, איז אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער באַציונג פון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג צו יידישע פּראָבלעמען בכלל און צו ארץ־ישראל בפרט. יענער קאָנגרעס האָט פאַרזייט די קערנער, פון וועלכע עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן דער געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין און דער אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן־קאָונסיל פאַר דער הסתדרות.

עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז בעת די יידישע יוניאָן־פירער האָבן אַפילו נאָך דעם אַרבעטער־קאָנגרעס אַ לאַנגע צייט אַלץ געטענהט, אַז זיי זענען נישט קיין ציוניסטן און אַז נאָר אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט שטיצן זיי די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פון די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, האָט די אַ. פ. ל. אין אירע דערקלערונגען אונטערגעשטראָכן די פּרינציפּיעלע רעכט און די נויטווענדיקייט פון דעם יידישן פאָלק צו האָבן אַן אייגן לאַנד, ווו עס זאָל קאָנען פירן אַ נאָרמאַל לעבן און אַליין שמידן זיין נאַציאָ־נאַלן גורל. דאָס איז געווען די שטעלונג פון דער אַ. פ. ל. אין די צייטן ווען אין

איר שפּיץ איז געשטאַנען אַ ייד, סעמיועל גאָמפּערס; דאָס איז געווען איר שטע־לונג ווען זי האָט געהאַט פאַר איר פּרעזידענט אַ פּראָטעסטאַנט, וויליאַם גרין, און דאָס איז איר שטעלונג איצט, ווען איר הויפּט־פירער איז אַ קאַטאָליק, דזשאָרדזש מיני. זינט 1917 איז כמעט ווי נישט דורכגעגאַנגען אַ קאָנווענשאָן פון דער דאָזי־קער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל נישט האָבן רעאַגירט אויף עפּעס אַ געשעעניש אין און אַרום ארץ־ישראל און וואָס זאָל נישט האָבן צו זאָגן עפּעס אַ וואָרט פון דער־מוטיקונג צו די בויער פון דעם יידישן היימלאַנד.

ווען מען לייענט די פאַרשידענע רעזאָלוציעס און ווען מען קוקט זיך צו צו די האַנדלונגען פון דער אַ. פּ. ל. אין שייכות צו ארץ־ישראל, באַמערקט מען, אַז זיי טראָגן קיינמאָל נישט דעם כאַראַקטער פון אַבסטראַקטע ליבעס־דערקלע־רונגען אָדער פּוסטער מליצה. זיי זענען שטענדיק קאָנקרעט, האָבן תמיד אַ באַשטימטן ציל און שטימען כסדר מיט די יידישע פאָדערונגען אין געגעבענעם מאָמענט. דערביי באַטאָנען אַלע דערקלערונגען פון דער אַ. פּ. ל. דעם אַלגעמיינעם אינטערעס, וואָס די גאַנצע דעמאָקראַטישע וועלט און גאָר באַזונדער די אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל ווי אַ פריי לאַנד. נישט נאָר דאָס יידישע פאָלק נייטיקט זיך אין אַט אַזאַ לאַנד — ווייזן־אָן די דערקלערונגען — נאָר די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט וועט פון דעם געווינען.

אין די ערשטע יאָרן ווייזט די אַ. פּ. ל. אָן אויף ארץ־ישראל ווי אויף אַ לאַנד וווּ עס קאָן און וווּ עס וועט אויפקומען אַ נייע יידישע געזעלשאַפט, וואָס וועט אויסאיבן אַ ליבעראַלע השפעה איבער דעם גאַנצן מיטעלן מזרח. אין די שפּעטערדיקע רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן, שוין נאָכדעם ווי די הסתדרות האָט זיך געגרינדעט, רעדט זיך וועגן דעם שוין נישט ווי וועגן אַ צוקונפטיקער מעגלעכקייט, נאָר ווי וועגן אַן אַקטועלן פּראָצעס: די הסתדרות בויט שוין די נייע געזעלשאַפט. די הסתדרות ווערט אַזוי אַרום די פעסטע בריק, וואָס פאַרבינדט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע מיט דעם ישוב און מיט מדינת־ישראל. אין די רעזאָלוציעס פון דער אַ. פּ. ל. געפינט זיך תמיד אַ דערמאָנונג צו די היגע יוניאָנס, אַז עס איז זייער חוב צו געבן דער הסתדרות יעדע מעגלעכע הילף.

און די יוניאָנס נעמען ערנסט די דערמאָנונג. אין אַ שטייגנדיקער מאָס באַטייליקן זיי זיך פינאַנסיעל און מאָראַליש אין דעם הסתדרות־קאַמפּיין, וואָס האָט זיך דאָ געגרינדעט מיט 36 יאָר צוריק אונטער דעם נאָמען „געווערקשאַפטן קאַמפּיין". עס איז אַ ספק צי וועלכע עס איז אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט האָט געקראָגן אַזוי פיל מאַטעריעלע הילף פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס ווי די הסתדרות. מיט דער דאָזיקער הילף האָבן די יוניאָנס אָנערקענט, אַז די הסתדרות, אויסער דעם וואָס זי איז דער רוקנביין פון מדינת־ישראל, שפּילט זי שוין אַן אָנטשיידנדיקע ראָל, און וועט אין דער צוקונפט שפּילן נאָך אַ גרעסערע ראָל אין דער אויפוואַכונג פון די קאָלאָניאַלע פעלקער און ראַסן אין די מזרח־לענדער. די באַשטייערונג פון 180 טויזנט דאָלאַר וואָס די אַ. פ. ל.—סי. אָ. אָ. האָט לעצטנס באַשטימט פאַר דער גרינדונג, צוזאַמען מיט דער הסתדרות, פון אַן אינסטיטוט אין מדינת ישראל צו דערציען אַרבעטער־פירער פאַר די ניי־אויפגעקומענע שטאַטן אין אַזיע און אַפריקע, איז נאָך אַן אויסדרוק פון דער איבערצייגונג, אַז די אַרבע־טער־באַוועגונג אין מדינת־ישראל וועט אויסאיבן אַ פּראָגרעסיוון איינפלוס אויף די דאָזיקע לענדער און וועט פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון זייער איינגלידערונג אין דער דעמאָקראַטישער ספערע.

איך האָב די גאַנצע צייט גערעדט פון דער אַ. פ. ל. דערפאַר, ווייל ווי דער גרעסטער און עלטסטער פאַרבאַנד פון די אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָנס איז איר צושטייער צו ארץ־ישראל און מדינת־ישראל, נאַטירלעך, געווען דער וויכ־טיקסטער. אָבער אויך די סי. אײַ. אָ. כל זמן זי האָט עקזיסטירט ווי אַ באַזונדערע טרעיד־יוניאָן־קערפּערשאַפט, האָט אין דעם קאַפּיטל אַרבעטער־אונטערשטיצונג פון אַמעריקע, אַריינגעשריבן אַ צאָל זייער שיינע בלעטער. עס האָט גראָד גענומען צייט איידער זי האָט אָנערקענט, אַז ארץ־ישראל איז אַן ענין וואָס דאַרף איר אָנגיין. דער איזאָלאַציאָניזם פון דזשאָן ל. לואיס פון איין זייט, און די השפּעה פון די קאָמוניסטן, פון דער אַנדערער זייט, האָבן געבראַכט דערצו, אַז די ערשטע קאָנווענשאָנס פון דער סי. אײַ. אָ. זאָלן מיט די פּראָבלעמען פון ארץ־ישראל זיך נישט פאַרנעמען. ערשט נאָכדעם ווי פיליפּ מאָרי נעמט איבער די פירערשאַפט און טרייסלט זיך אָפּ פון דער קאָמוניסטישער „קאָאָפּעראַציע" — שטעלט זיך די סי. אײַ. אָ. מיט בײדע פיס אין דעם לאַגער פון די פריינד פון ארץ־ישראל; און

איר פרײַנדשאַפט שטײַגט פון יאָר צו יאָר. גראָד געשעט עס אין די קריטישסטע יאָרן, ווען דער גורל פון ארץ־ישראל איז געהאָנגען אויף אַ האָר — און עס איז ממש נישט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דער אונטערשטיצונג וואָס די סי. אַי. אָ. האָט געגעבן פאַר און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת־ישראל. זי איז געווען די ערשטע צענטראַלע אַרבעטער־קערפּערשאַפט אין אַמעריקע צו שיקן אַן אָפּי־ציעלע דעלעגאַציע קיין ישראל, און די ברידערלעכע באַציִונגען וואָס די דאָזיקע דעלעגאַציע האָט אָנגעקניפּט מיט דער הסתדרות האָבן נאָך ענגער געשלאָסן דעם בונד צווישן די אַרבעטער פון אַמעריקע מיט די אַרבעטער פון מדינת ישראל.

דאָ איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין דער צײַט ווען די אַ. פ. ל. און די סי. אַי. אָ. האָבן זיך נאָך ביטער קעגנזײַטיק באַקעמפט און זענען געשטאַנען ווי פײַנטלעכע מחנות איינע אַנטקעגן די אַנדערע, האָבן זיי אויף דעם אינטימסטן אופן מיטגעאַרבעט אויפן געביט פון ארץ־ישראל־אינטערעסן. זיי האָבן אונטער־גענומען שותפותדיקע אַקציעס צו קרעפטיקן די יידישע פאָדערונגען, בעת די פראַגע פון ארץ־ישראל איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער יו־ען, נאָכדעם ווי ענגלאַנד האָט אויפגעגעבן דעם מאַנדאַט. וויליאַם גרין און פיליפּ מאָרי האָבן צוזאַמען געמאַכט אומצאָליקע אינטערווענצן אין דעם סטייט־דעפּאַרטמענט און נישט איינמאָל זענען זיי געגאַנגען ווי אַ געשלאָסענע דעלעגאַציע פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג צו דעם פּרעזידענט לטובת ישראל. די דאָזיקע אינטערווענצן האָבן געהאַט נישט קיין קליינעם חלק אין דעם, וואָס פּרעזידענט טרומאַן האָט אָנערקענט ישראל גלײַך ווי די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה, האָבן די אַ. פ. ל. און די סי. אַי. אָ. געפירט געמיינזאַמע אַקציעס קעגן די אַנטי־ישראל־כוחות דאָ אין לאַנד, אין ענגלאַנד, אין דער אַראַבישער וועלט און אין דעם סאָוויעטישן לאַגער. ווער ווייסט, צי די מיטאַרבעט פון די צוויי קערפּערשאַפטן אויף דעם געביט פון ארץ־ישראל האָט נישט געהאָלפן פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פאַר זייער שפּעטערדיקער צונויפ־שמעלצונג. איין זאַך איז זיכער: נאָך דער פאַראייניקונג האָבן זיי מיט נאָך מער ענערגיע פאָרגעזעצט די אַרבעט לטובת ישראל און דער הסתדרות, וואָס זיי האָבן פריער געהאַט געטאָן באַזונדער.

אַ קאָאָפּעראַציע, וואָס האַלט אָן באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט און וואָס

נעמט אָן אַזעלכע דינאַמישע פאָרמען, קאָן נישט אַרויסשטראָמען פון בלויז סענ־טימענטאַלע קוואַלן. צום גליק איז די פריינדשאַפט צווישן דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג און דער הסתדרות געבויט אויף דעם סאָלידן באָדן פון געמיינשאַפט־לעכע אינטערעסן. אויף איין מאָמענט אין דער דאָזיקער געמיינשאַפט האָב איך שוין אָנגעוויזן אויבן: אויף דעם אינטערעס וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין אַ דעמאָקראַטישן און פרידלעכן מיטעלן מזרח. נאָך אַן עלעמענט אין דער דאָזיקער געמיינשאַפט איז די אומקאָמפּראָמיסלעכע קעגנערשאַפט צום קאָמוניזם און צו אַלע אַנדערע פאָרמען פון טאָטאַליטאַריזם, וואָס עס האָבן געמיינזאַם די אַ. פ. ל.—סי. אַי. אָ. און די הסתדרות. ביידע זענען אָנגעשלאָסן אין דער וועלט־פעדעראַציע פון פרייע יוניאָנס. און עס איז אויך קיין סוד נישט, אַז די ביטערסטע קעגנערשאַפט האָבן די אַמעריקאַנער יוניאָנס און די היגע ליבעראַלע עלעמענטן אויסצושטיין דאָ אין לאַנד אַקוראַט מצד יענע רעאַקציאָנערע און קאָמוניסטישע כוחות, וואָס זענען אויך די פאַרביסענע שונאים פון מדינת־ישראל. ווי די היגע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַט גענוג געלעגנהייטן זיך איבערצוצייגן, איז דאָס נישט קיין צופאַל. דער פאַקט וואָס די אַ. פ. ל.—סי. אַי. אָ. און די הסתדרות האָבן געמיינזאַמע שונאים, שמידט נאָך פעסטער די פריינד־שאַפט־בריק צווישן זיי.

וואָלטער רוטער

הסתדרות און ישראל — אונדזער אַלעמענס שטאָלץ

פרייע אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער גאַנצער וועלט פרייט זיך מיט די דערגרייכונגען פון דעם יידישן לאַנד און איר מעכטיקער אַרבעטער־פעדעראַציע.

אין נאָמען פון די מיטגלידער פון דער אויטאָמאָביל־אַרבעטער־יוניאָן האָב איך דעם גרויסן פאַרגעניגן איבערצושיקן אונדזערע ברכות צו די 700 טויזנט מיטגלידער פון דער הסתדרות, וואָס וועלן פייערן היינטיקס יאָר דעם פערציקסטן יובל זינט דער גרינדונג פון זייער אַרבעטער־פאַרבאַנד.

מיר אַלע זענען באַזונדערס שטאָלץ אויף די גלאָררייכע בלעטער געשיכטע, וואָס די הסתדרות האָט אַריינגעשריבן אין די אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ און אויף דעם פאַקט, וואָס די ישראל־אַרבעטערשאַפט האָט פאַרווירקלעכט אויף איר אייגנאַרטיקן וועג אַ סך פון די אידעאַלן און שטרעבונגען, וואָס די פרייע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט האָט געטראָגן אויף איר פאָן אין דער גאַנצער צייט פון איר אַנטוויקלונג. די הסתדרות האָט פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ שטענדיק געגלויבט, אַז דער כח און די אייניקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זענען מער ווי אַ לאָזונג. די אַרבעטער אין אַלע טיילן פון דער פרייער וועלט האָבן דערפאַר געהאָלפן די ישראל־אַרבעטער אין זייער געראַנגל פאַר דער באַפעסטיקונג פון פאָליטישער און עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע אין דעם לאַנד, וואָס איז דאָס וויגעלע פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע.

די פרייע אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט געשטאַנען פון דער זייט, ווען די ישראל־אַרבעטערשאַפט האָט מיט מוט און העלדישקייט געקעמפט פאַר איר סאַמער עקזיסטענץ. מיר האָבן זיך מיטן גאַנצן האַרץ און נשמה סאָלידאַריזירט מיט איר, און ווען עס איז נויטיק געווען, האָבן מיר אויך געגעבן ממשותדיקע הילף. היינט

באַטייליקן מיר זיך נישט נאָר אין דעם יום־טוב פון דער ישראל־אַרבעטערשאַפט, נאָר מיר פרייען זיך אויך און שעפּן באַפרידיקונג פון די 40 יאָר קאָאָפּעראַציע מיט דער הסתדרות, אַרום אַ זאַך, וואָס גייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון סתם אַ קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. די פרייע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט און די הסתדרות האָבן אַ סך וואָס צו פאַרדאַנקען איינע דער צווייטער.

דער וויכטיקער ביישטייער פון דער הסתדרות צו דעם זיג פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין די לעצטע ישראל־וואַלן קען דינען אַלסביישפּיל פאַר אַלעמען, אַז אַן אַרבעטער־פּאָליטיק, וואָס שטיצט זיך אויף עטישע פּרינציפּן און זעט מיט אַ קלאָרן בליק די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט, איז נישט נאָר אַן און פאַר זיך גוט, נאָר געניסט אַפילו פון דער אונטערשטיצונג פון אַלע בירגער. נאָכדעם וואָס דער דאָזיקער וואַל־זיג איז געקומען אין אַ צייט ווען אין אַנדערע לענדער האָבן קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען אָפּגעהאַלטן נצחונות אין די וואַלן — בעת זיי האָבן ציניש אַפּעלירט צו די פּשוטע מאַטעריאַליסטישע אינסטינקטן פון די ווייַלער — איז דער ביישפּיל פון ישראל נאָך פון גרעסערער באַדייטונג. דאָס איז אויך אַ דערמאָנונג, אַז אַ פּרינציפּיעל־עטישער ציל איז אַ פאַרבאַדינג פאַר אַן אמת פּאָלי־טישן דערפאָלג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די לעצטע געשעענישן, וואָס האָבן אַרויפגעפירט די לענדער פון אַזיע און אַפריקע אין דעם צענטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, האָבן אויך צוגע־געבן אַ סך חשיבות די דערגרייכונגען וואָס ישראל האָט פאַרצייכנט אַ דאַנק איר אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ דאַנק דער אָנווענדונג פון די מאָדערנסטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן איז געלונגען די אַרבעטער פון ישראל צו באַהערשן אַ פיינטלעכע פיזישע סביבה און אויפצושטעלן אַן אַנטוויקלטע ציוויליזאַציע אין דעם האַרץ פון אַ וויסטעניש. דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אָן דער פאַרלעצונג פון דער מענטשלעכער פרייהייט. די הסתדרות האָט דורך דעם אַנטפּלעקט אַ ריזיקן כוח, וואָס דינט אַלס דאַמבע קעגן דעם שטענדיקן דרוק פון טאָטאַליטאַריזם, וואָס דראָט די נייַ אויפגעקומענע מדינות פון אַזיע און אַפריקע.

מיר, די אויטאָמאָביל אַרבעטער, זענען באַזונדערס שטאָלץ דאַרויף, וואָס די הסתדרות האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער ראָל פון אַ פּאַסיוון ביישפּיל אויף

דערמוטיקן דעם גייסט פון די דאָזיקע אויפגעקומענע לענדער, נאָר האָט זיך אונטערגענומען אַקטיוו צו קאָאָפּערירן מיט די פעלקער און די נייע מדינות פון דרום־אַזיע און אַפריקע. דערביי וווענדט אָן די הסתדרות מיט אַ סך טאַלאַנט עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע מעטאָדן, וואָס זענען געקרוינט געוואָרן מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג אין ישראל, צו די נוצן פון די דאָזיקע לענדער.

די נייע און אייגנאַרטיקע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין ישראל; די פּראַקטישע טעכנישע צוגרייטונג; דאָס וויסן, די דער־פאַרונג און דער גייסט פון איבערגעגעבנקייט און פרייוויליקייט, וואָס הערשט אין ישראל, — איז צונויפגעפּאָרט געוואָרן מיט דעם פלאַמיקן אידעאַל פון די פעלקער אין די נייע מדינות, כדי אויפצושטעלן אַ פעסטע עקאָנאָמישע בריק, אויף וועלכער זיי וועלן קענען אַריבערגיין פון דער אָרעמקייט אין דער פאַרגאַנ־גענהייט צו דער האָפנונג פון וווילזיין אין דער צוקונפט.

דער גייסט פון ברידערלעכקייט און וווּנדערלעכער מענטשלעכער וואַרעמ־קייט פון דעם מענטש אין ישראל, פון וועלכן יעדער באַזוכער אין ישראל ווערט באַווירקט, זענען אויך, ווי מיר האַלטן, אין אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פון דעם גוטן איינפלוס, וואָס די הסתדרות האָט אויסגעאיבט און איבט ווייטער אויס אויף מדינת ישראל. ישראל איז אַ דאַנק דער הסתדרות איינער פון די וויניקע גליקלעכע פלעצער אין דער וועלט, אין וועלכע אַ מענטש פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קען זיך אַרומקוקן און זאָגן: „דאָס איז אַ וועלט, וואָס איך האָב זיך באמת געמיט זי צו שאַפן, אַ געזעלשאַפט וואָס איז אויפגעקומען אין דעם גייסט פון מיינע האָפענונגען".

אין דעם היינטיקן יובל־יאָר פון דער הסתדרות ווייסן מיר אויך, אַז מדינת ישראל געפינט זיך נאָך אַלץ אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג און אַ סך דאַרף נאָך דאָרט געטאָן ווערן. ישראל, ווי אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט, איז אַרומגערינגלט מיט געפאַרן און קיינער ווייסט נישט וואָס די צוקונפט וועט ברענגען. ישראל, ווי יעדע אַנדערע מדינה אין דער וועלט, וועט אַליין נישט קענען אויסמיידן אַן אַטאָמישע קאַטאַסטראָפע און דערפאַר דאַרף זי זיין פאַראינטערעסירט אין אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער אַלס אָפּוועך קעגן פאַרניכטונג. דער גורל פון דעם הסתדרות־מיטגליד, פונקט ווי דער גורל פון אַלע

אַרבעטער אין דער וועלט, העגגט אָפּ פון דער ליקווידאַציע אין דער וועלט פון הונגער און קראַנקהייטן — און מיר לעבן דאָך אין אַ צייט, אין וועלכע מיר האָבן די מיטלען צו באַקעמפן און אויף אייביק באַהערשן די דאָזיקע צוויי פּלאָגן.

די לעצטע שאַנד־אַקטן פון פאַרשוועכן יידישע אינסטיטוציעס מיט האַקן־קרייצן אין פאַרשידענע מערבדיקע לענדער — צי דאָס איז די אַרבעט פון פאַרהעלטנישמעסיק קליינע גרופּן פּאָליטישע כוליגאַנעס, צי עס ווירקן דאָ גרעסערע פינצטערע כוחות — האָבן איין זאַך קלאָר באַוויזן: אין דער פאַראַכטונג און פאַרדאַמונג, וואָס דער וואַנדאַליזם האָט אַרויסגערופן אין יעדן קרייז פון פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, איז פאַראַן אַ מאָמענט פון דערמוטיקונג, ווייל דאָס דריקט אויס די אַלגעמיין אינסטינקטיווע דערשיטערונג פון די נאַצישע פאַרברעכנס, אין וועלכע די האַקנקרייצן האָבן דערמאָנט. דאָס באַווייזט אויך, אַז די מענטשהייט איז אַנטשלאָסן נישט צו דערלאָזן דערצו, אַז די ווייזער פון דער געשיכטע זאָלן צוריקגערוקט ווערן. מען קאָן אויך שעפּן דערמוטיקונג פון דעם פאַקט, וואָס די עצם־עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל און דער דעמאָקראַטישער און מאָראַלישער לעבנס־שטייגער, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס לאַנד, האָט אויך פאַרשנעלערט די באַלדיקע און אַנטשלאָסענע רעאַקציע צו די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, אַ רעאַקציע וואָס איז געווען גאַנץ אַנדערש פון דער רעאַקציע וואָס ענלעכע אַקטן האָבן אַרויסגערופן איידער מדינת־ישראל איז געשאַפן געוואָרן.

מדינת ישראל, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון דער הסתדרות, האָט געענדערט די געשטאַלט פון די יידן אויף דער וועלט. דער עם־הספר האָט זיך דערוואָרבן אַ נייעם ערן־טיטל, וואָס רופט אַרויס געפילן פון פאַרערונג, נישט געפילן פון רחמנות. די לעצטע געשעענישן דערמאָנען אונדז, אַז מען קאָן נישט פונאַנדערטיילן צווישן דער עקזיסטענץ פון ישראל און די נאַצי־גרוילטאַטן און פאַרניכטונגען. צוליב דעם באַדויערן מיר זייער דעם ביז־איצטיקן דורכפאַל פון דער יו־ען צו באַשטיין אויף די רעכט פון אַלע פעלקער, — איינשליסנדיק ישראל — צו געניסן פון אַ פרייען דורכפאָר אין סועץ־קאַנאַל, וועלכער איז אַן אינטער־נאַציאָנאַלער ים־וועג. עס איז גוט באַקאַנט, אַז דער אויפשטייג פון נאַציזם איז דערמעגלעכט געוואָרן נאָר צוליב די קאָמפּראָמיסן מיט די כוחות פון פאַשיזם. אויף דער יו־ען און אויף די לענדער, וואָס זענען אין איר אָנגעשלאָסן, ליגט די

פליכט קלאָר צו מאַכן פאַר די אַראַבישע לענדער, אַז די פאַרלעצונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַל געזעץ און פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און די אויסנוצונג פון פּליטים אַלס אַ געצייג פאַר אַוואַנטורעס — זענען נישט נאָר אַ געפאַר פאַר ישראל און אַנדערע געטראָפענע לענדער, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט.

אָבער אויך אין די דאָזיקע טעג פון געפאַרן, — ווען מיר קוקן צוריק אויף די 40 יאָר, אין וועלכע עס זענען באַפרוכפּערט געוואָרן די וויסטענישן פון ארץ־ישראל, די יאָרן אין וועלכע עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין ישראל אַ דעמאָקראַטישע פעסטונג און אַ היים פאַרן יידישן פאָלק, — זענען מיר פול מיט האָפענונג, אַז דער גייסט פון דער ישראל־אַרבעטער־באַוועגונג וועט זיגן. מיר זעען ישראל אין דער צוקונפט ווי אַ בליענדיקע און פאָרגעשריטענע מדינה, וואָס לעבט בשלום מיט אירע שכנים — אַ מדינה, וואָס איז איינגעגלידערט אין דעם גרויסן וועלט־טייל, וועלכע איז באַשעפטיקט מיט בויען אַ נייע קולטור אין אַזיע און אַפריקע, — אַ קולטור וואָס וועט אַריבערשטייגן אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט געזען אין דער מענטשלעכער געשיכטע; אַ געזעלשאַפט וואָס וועט זיין באַזירט אויף אַלגעמיינער ברידערלעכקייט, אויף די פעסטע פּרינציפּן פון יושר, אין אַ וועלט, אין וועלכער רעגירונגען וועלן איינשפּאַנען די כוחות פון דער וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע, כדי אויסצונוצן די נאַטור־אוצרות פאַר דעם וווילזיין פון אַלע מענטשן.

ה. לאַנג

גרינדער און בויער פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

אַ היסטאָריש בריוול פון יצחק בן־צבי צו מאַקס פּיין. — איינצלהייטן ווי אַזוי און פון וועמען דער קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות איז פאַרטראַכט און געשאַפן געוואָרן. — אַביסל זכרונות פון איינעם, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער גרינדונג פון דעם געווערקשאַפטן (איצט הסתדרות) קאַמפּיין.

ה. לאַנג

נישט ווייניק וואונדער האָבן מיר דעמאָלט אַרויסגעוויזן. מיר, אַ גרופּע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, דער עיקר פון יוניאָן־פירער, צווישן זיי די וויכטיקסטע אין דעמאָלטיקן יידישן אַרבעטער־לעבן מיט 36 יאָר צוריק.

אָן עפּנטלעכע דעבאַטעס האָבן מיר זיך צו־נויפגענומען און געגרינדעט דעם „געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין פאַר פאַלעסטינע", אַ ספּעציעלע הילפס־געזעלשאַפט פאַר דער אָקאָרשט אויפגע־קומענער הסתדרות, אַרבעטער־פעדעראַציע אין ארץ־ישראל.

ס׳האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ פלו־צימדיקן שריט.

דערצו זענען די מערסטע פון דער גרופּע ביז דעמאָלט געשטאַנען פון דער־ווייטנס פון יעדער פאַלעסטינע־אונטערנעמונג, שוין נישט צו רעדן פון ציוניזם.

האָט מען אויף אונדזער שריט זיך געוווּנדערט, און אינעם וווּנדערן זיך האָט מען געפּשטלט, ווער נאַאיוו און ווער מיט סאַטירע, אַז דאָס קאָן זיך האָבן אַנטפּלעקט אַ דערוואַכונג פון איינגעשלומערטע יידישע בענקשאַפטן, באַגלייט פון חרטה און תשובה...

די אַנצוהערעניש דעריך, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט געקאָנט האָבן אַ שולד־געפיל פאַר גלייכגילטיקייט לגבי יידישע פאָלקס־אינטערעסן, איז, פאַרשטייט זיך, געווען דורכאויס פאַלש.

און מ׳דאַרף עס איצט געהעריק אונטערשטרייכן. איצט, אין דעם בלענדנ־דיקן ליכט פון פערציק יאָר הסתדרות מיט איר פייערלעכן אָרט אינעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, מיט איר בויען דאָס יידישע לאַנד און אַ פאָלק פאַרן לאַנד, און מיט איר באַוואַכן און באַשיצן דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, און אין דעם בלענדנדיקן ליכט אויך פון דער היסטאָרישער ראָל דערביי פונעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וואָס מיר האָבן פאַר איר געגרינדעט.

וואַכער יידישער פאָלקס־געפיל און פולער יידישער באַוווסטזיין זענען תמיד געווען אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע אָן אַ שיעור מער ווי אירע ביז איצטיקע היסטאָריקער האָבן עס אַרויסגעבראַכט. אינעם פּראָצעס פון אויספורעמען די יידישע געזעלשאַפט אין אַמעריקע, האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג געשפּילט אַ נאַציאָנאַלע ראָל פון אַן ערשטקלאַסיקן פאַקטאָר. יעדער דראַמאַטישער מאָמענט אין די גרויסע שטרייקן ביים בויען די יוניאָנס האָט געהאַט טיף־יידישע דורכלעבונג. די שטרייקן גופא זענען געווען יידישער אויפגאַנג אין דער נייער וועלט. מ׳האָט נישט געשאַפן קיין טעאָריעס וועגן זייער יידישן כאַראַקטער. מ׳האָט עס נישט געדאַרפט. מ׳איז געווען נאַטירלעכע יידן, אָן פּראָגראַמען און אָן באַדינגונגען. מ׳האָט נישט געמאָסטן וויפל יידישקייט. ס׳איז געווען געגעבן דער ניגון פון יידישן פאָלקס־האַרץ. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט דערמיט אָרגאַניזירט די לעבנס־ענערגיע פון הונדערטער טויזנטער יידישע אימיגראַנטן. דער חשבון קאָן דערגיין צו אַ פּאָר מיליאָן. זי האָט געהאָלפן זיי ווערן אַ געזונטער פּראָדוקטיווער כוח. זי האָט זיי געגעבן אַן אידעאַל פון אַ גערעכטער וועלט־אָרדענונג. זי האָט כסדר באַרייכערט זייער גייסטיק לעבן. און מיטן אינטערנאַציאָנאַליזם ביי איר — יאָ, דווקא מיטן אינטערנאַציאָנאַליזם —

מאָרים זיגמאַן

ב. באָטוויניק

אברהם שיפּלאַקאָף

ר. גוסקין

מאַקס זאַריצקי

האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג געווירקט, אַז מ׳זאָל אין דער נייער וועלט נישט ווערן אָפּגעריסן פון אייגענעם פאָלק איבער די ימים. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט בפירוש געבויט אַ באַנייט יידיש פאָלק אין פריי־הייט — און מיטן ציוניזם האָט זי קיין מלחמות נישט פאַרפירט.

נישט געווען פאַר דעם אַ וועלכער ס׳איז באָדן, אָדער קלימאַט.

געווען איז פאַרקערט.

ס׳איז געווען אַזאַ אַטמאָספער, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג זאָל קאָנען לערנען די אַמעריקאַנער אידעען־וועלט פון ציוניזם דורך די מענטשן ביים ציוניסטישן רודער, וועלכע זענען צו איר געקומען ווי אַ מיטשאַפּנדיקער כוח.

דאָס מערקווירדיקע איז געשען וואָס ביידע, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און דער ציוניזם, האָבן אין אַמעריקע זיך דערוואָרבן אַ גלייכן אָנזען מיט גרויסן פּרעסטיזש אין די זעלבע טעג, און פאַר די זעלבע אייגנשאַפטן, און דורך די זעלבע כוחות ביי דער אַמעריקאַניש־יידישער אינטעליגענץ מיטן באַרימטן יוריסט לואיס ד. בראַנדעיס בראש.

דער בראַנדעיס־ציוניזם האָט זיך נישט פאַררופן אויפן יידישן נאַציאָנאַ־ליזם, ווי דער ציוניזם ביים אייראָפּעישן יידנטום, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אויסגעלייזט פון אַ ביטערן גלות — יידן־האַסנדיקע לענדער. דער טראָפּ ביים בראַנדעיס־ציוניזם איז געווען געשטעלט אויף דער פייערלעכער יידישער קולטור־געשיכטע מיט די גרויסע ליכט אירע: סאָציאַלע מאָראַל, פּראָפעטישער אידעאַליזם ביז „קידוש השם" און גייסטיקע פרייהייט. און דאָס איז געווען אויך דער צויבער, וואָס האָט דעם בראַנדעיס־קרייז צוגעבראַכט צו דער יידישער אַרבעטער־באַווע־גונג, זייט־ביי־זייט מיט דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ.

יידישער יוניאָניזם איז ביים קרייז געשאַצט געוואָרן נישט אַזוי ווי אַן אַנטוויקלונג פון קלאַס־סיטואַציעס, אלא ווי אַן אַרויסוווקס פון יידישן פאָלקס־צו־שטאַנד און פאָלקס־מאָראַל. און דורך דער סביבה, וואָס דער קרייז האָט פאַרגעשטעלט —אַן אָנזאַמלונג פון פּראָמינענטע משפחות מיט יוריסטן, עקאָנאָמישע פאָרשער, סאָציאָלאָגן, וואָרטפירער אין קאָלעדזשס און הויך־געבילדעטע געשעפטסלייט — איז געוואָרן אַ שטענדיקע בריק צווישן דעם יידישן גבירים־קלאַס און די יידישע אַרבעטס־עלעמענטן; און בעת דאָס האָט געפירט צו אַ סיסטעם פון אינדוסטריעלע

משפּטים, אַ נייעם מין „דין־תורה״, בייצוקומען פּראָבלעמען אויף די עקאָנאָמישע פעלדער אויף אַ פרידלעכן שטייגער, האָט עס געווירקט, אַז דער גבירים־קלאַס זאָל ווערן בכלל אַלץ מער פאָלקיש, נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, מיט כסדרדיקער זאָרג פאַר יידישן גורל אויף גאָר דער וועלט.

די מגילות פון יידישן גורל, צער און אויסקוק אויף מער ליכטיקע צייטן, האָבן זיך געוויקלט שנעל אין יענע טעג. און דערמיט איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער יידישער וויכוח וועגן ארץ־ישראל און וועגן פּאָליטישע רעכט און קולטור־אויטאָנאָמיע פאַרן יידישן פאָלק. און מיט דער גייסטיקער פרייהייט ביי איר, איז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג געשטאַנען אין דעם וויכוח צעטיילט.

*

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1917. דער ערשטער וועלט־קריג, מיט אַמע־ריקע שוין אינעם קריגס־פייער. די ערד האָט זיך געשאָקלט. עס איז געווען שרעק.



הלל ראָגאָף

אַלעקסאַנדער קאַהן

דער הימל האָט געפּלאַמט. עס איז געווען האָפענונג. גלות־פעלקער האָבן דער־וואַרט דערלייזונג. עס איז געקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע. עס האָבן זיך צעפלאַקערט נייע פייערן. די רוסישע רעוואָלוציע האָט געדונערט. דער צאַריזם איז צעשמעטערט געוואָרן. דאָס דייטשע קייזערטום איז געפאַלן. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַרויסגעשטעלט אַ סאָציאַליסטישן אַרבעטער צו זיין דער פּרעזידענט אין דעם נייעם מלוכה־אַפּאַראַט. עס האָבן געברענט אימפּעריעס, דער גאַנצער סדר־עולם. עס זענען אַרויסגעשפּרונגען נייע מלוכות, רעפּובליקן. יידישע וויכוחים האָבן נישט געפעלט, אויך נישט — יידישער מיטקאַמף. און יידישער חורבן און יאָמער, אוודאי — נישט. אויף אוקראַינער ערד האָט געפּליוצט יידיש בלוט. אונדזער דור פון יידישע אַרבעטס־מענטשן און סאָציאַליסטן אין אַמעריקע האָט ווי זיך געטראָגן אויף פייערדיקע פליגל אָפּצוטרייבן חורבן פון אונדזער פאָלק דורך ברענגען רעליף אין אַלע וועלט־ווינקלען.

ביים יאָר 1923 זענען אַלע פייערן שוין געווען אויסגעלאָשן. די רוסישע רעוואָלוציע איז שוין געלעגן דערשטיקט. דער קאָמוניזם האָט געהאָדעוועט אין דייטשלאַנד דעם נאַציזם. די אויסגעהאָדעוועטע „יעווסעקעס" ביים באָלשעוויזם האָבן מיט מעסערס אָפּגעשניטן דאָס רוסישע יידנטום פון יידישן פאָלקס־קערפּער און פאַרוואָרפן נעצן מיט אינטריגעס און אינטריגאַנטן אומצוברענגען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און די יידישע פּאַרטייען, מיטן „בונד" בראש אין מזרח־אייראָפּע. נייע רעפּובליקן, מיט פּ ו י ל ן בראש, האָבן צומאָל זיך פאַר־וואַנדלט אין פּאָגראָם־לענדער. אַמעריקע האָט זיך אַריינגעצויגן אין אייסאָלעי־שאָניזם. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אָפּגעשיינט בלאַס. אָן ליכטיקייטן ביי דער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט, איז ביי אונדזער מחנה — יידישע אַרבעטער־פירער־שאַפט, יידישער סאָציאַליזם — געווען טונקל און קאַלט. און אין דער קאַלטער טונקלקייט האָט דערגרייכט מאַקס פיינען, דעם סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, אַ בריוול פון יצחק בן־צבי — איצט דער פּרעזידענט פון מדינת־ישראל, דעמאָלט איינער פון די סעקרעטאַרן ביי דער אָקאָרשט געגרינדעטער הסתדרות.

דאָס בריוול האָט ווי מיטגעטראָגן אַ קול פון ירושלים, אַז די שאַפונגס־

כוחות פון יידיש־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־לעבן זענען בשום אופן נישט אויס־געגאַנגען אונטער די בראַנדיקע וועלט־פייערן. זיי קאָנען גאָר ערשט זיך אָנהייבן...

די נאָך־מלחמה־קאַטאַסטראָפעס האָבן פאַרגרעסערט די יידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל. עס איז אויסגעוואַקסן די חלוצים־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפע. אין ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן ארבעטער־מאַסע פאַר שטאָט און פעלד. די ארבעטער־הסתדרות, הגם דאָך אַזוי יונג, פאַרמעסט זיך אַנטקייגנצוגיין אַלע פאָלקס־נויטן מיט פראַקטישער אינטעליגענץ, סאָציאַליסטישן אידעאַליזם און אומגעוויינלעכן קוראַזש.

יצחק בן־צבי'ס בריוול האָט דורך מאַקס פיינען פאַרבעטן די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, זי זאָל ווי די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע צענטראַלע קערפּערשאַפט ביי דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, שיקן קיין ארץ־ישראל פאָרשטייער צו באַקענען זיך פון דער נאָענט מיט דעם כאַראַקטער

אב. קאַהאַן

אברהם ליעסין

און מיט די שטרעבונגען פון דער יונגינקער הסתדרות, דאָס יונגסטע קינד צווישן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונגען אויף דער וועלט.

אַ פּאָזיטיווע באַציונג צום ארץ־ישראל־געדאַנק האָבן די געווערקשאַפטן דעמאָלט שוין געהאַט דורך אַ באַשלוס פון פינף יאָר פריער (1918), ווען פּאַקטיש אַלע יוניאָנס מיט יידישע מיטגלידער האָבן פאַרעפנטלעכט דעקלאַראַציעס, אַז דער יידישער וועלט־צושטאַנד „מאָנט פרייע קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל פירן צו אַ פרייען שטאַט אין פּאַלעסטינע". אוודאי האָט עס געקאָנט מיינען, אַז קוים קומט אויף אַן אַרבעטער־פעדעראַציע אין ארץ־ישראל, זאָל די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע ווערן מיט איר משפּחהדיק. דאָך האָט מען די איינלאַדונג פון בן־צבי צו שיקן אַ דעלעגאַציע צוריקגעוויזן.

נישט צוליב אַ וועלכן שטרייט איבער „יאָ אָדער נישט ציוניזם", נאָר צוליב דער געבענטשטער עקשנות איינצוהיטן געטריישאַפט צו דער אייגענער באַוועגונג. און אין יענע טעג איז דאָס גאָר שטאַרק נייטיק געווען.

משולחים פון מאָסקווע האָבן דעמאָלט געפירט קאָמוניסטישע אַוואַנטורעס אַרום יעדער אינסטיטוציע אין יידישן אַרבעטער־לעבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון ברעכן די יוניאָנס און שפּאַלטן דעם אַרבעטער־רינג. דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט אָנגעפירט מיט דעם זעלבשוץ און געקעמפט מיט ציין און נעגל. עס האָט אויסגעוויזן, אַז אויב מען וועט אָנווענדן אויפמערקזאַמקייט צו אַנדערע, נישט היימישע סיטואַציעס, וועט עס זיין אַן אַקט פון אומגעטריישאַפט צו דער גאַנצער געשיכטע פון דער אייגענער באַוועגונג.

און אויסגעוויזן האָט זיך נאָך אַ זאַך: אַז דערנענטערונג צו אַרבעטער־פּראָיעקטן אין ארץ־ישראל אויף אַזאַ שטייגער, וועט „לאָגיש" שטעלן די יידישע יוניאָן־וועלט אין דינסט ביי די פּועלי־ציון, אויף וועמען מ'האָט געקוקט מיט אַ צערייצטן ברוגז, און עס זענען געווען נישט ווייניק מאָטיוון פאַר דעם.

מ'האָט אָבער זיך דערעדט, אַז צוריקגעוויזן האָט מען בלויז די אָפיציעלע ד ע ל ע ג אַ צ י ע ־ א י י נ ל אַ ד ו נ ג, אָבער נישט די משפּחהדיקייט, וואָס בן־צביס בריוול האָט פאַרגעשטעלט. און מיר זענען דאָך משפּחהדיק מיט יעדער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין יעדן לאַנד, פאַרוואָס „אַ חרם אויף פּאַלעסטינע"?... און עס איז געווען מאַקס פּיינס אידעע, אַז מ'זאָל דער פּאַלעסטינער משפּחהדיקייט

אַנטקייגנגיין מיט אַ געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער יונגער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען מ׳וועט קריגן די צושטימונג פון אַ חברישער, אינטימער באַראַטונג פון די אָנגעזעענסטע יידישע אַרבעטער־פירער.

ווי דער פאָרשטייער פון דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" דעמאָלט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, בין איך געשטאַנען זייט־ביי־זייט מיט מאַקס פּיינען צונויפצוברענגען די באַראַטונג, און איך קאָן פאַרצייכענען, אַז ערשט אַ כאַראַק־טער־פאָרטרעט פון אַ גרופּע באַטייליקטע שטרייכט אונטער דעם ערשטקלאַסיקן היסטאָרישן באַדייט פון דעם שריט, וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען.

מאַקס פּיין אַליין — שוין דעמאָלט איז ער געווען אַ היסטאָרישער נאָמען, מיט זיין וואַרעמער פּערזענלעכקייט, נאַטירלעכן פּאַטאָס און חוש פאַר הומאָר, איז ער דערשינען ווי איינער פון די סאַמע ערשטע אַרבעטער־פירער ביי דער יידישער אימיגראַציע מיט אַלע אירע דראַמעס פון שאַפּ און טענעמענט־הויז. און פון די ערשטע ביי דער גרינדונג פון „פאָרווערטס" איז ער געווען; און פון די ערשטע

אַסיף וואָלינסקי

אב. מילער

שטאַנדהאַפטיקע קעמפער פאַר די פּרינציפּן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג קעגן רעוואָלוציאָנעריש־ראַדיקאַלע טרוימערייען. און דערצו האָט ער פאַרגעשטעלט די גאַנץ באַזונדערע היסטאָרישע וויכטיקייט, וואָס ער איז געווען אויך פון די ערשטע אַריינצנבערענגען אין דער יוניאָן־וועלט יידישע פאָלקס־פראַגן. און דעמאָלט, ביים סאַמע אָנהייב פון יאָרהונדערט, זענען די פאָלקס־פראַגן געווען: העלפן אָרגאַניזירטע אויסוואַנדערונג פון פאַרהונגערטע, יידן־האַסערישע לענדער, ממילא אויך קעמפן פאַר פרייער אימיגראַציע אין אַמעריקע. דערצו זאָל מען צילן צו דעראָבערן ברייטערע אַרבעטס־פעלדער.

האָט איר דאָ דורך מאַקס פּיינען זעלטענע שטריכן פון אַמעריקאַניש־יידישן טרעיד־יוניאָניזם, וואָס זענען אַזוי ענלעך, אַזוי וואונדערלעך ענלעך צו די ערשטע שטרעבונגען ביי דער י ו נ ג ע ר הסתדרות.

אָרגאַניזירטע אויסוואַנדערונג — „אויסליידיקן די יידישע גלותן"... דעראָבערן יידישע אַרבעטער־פּאָזיציעס — „כיבוש עבודה"...

אַנדערע אומשטענדן און אַנדערע ווערטער, אָבער דער זעלבער אינהאַלט.

אויך מאָריס זיגמאַן, פון די וויכטיקסטע יוניאָן־פירער ביי דער באַראַטונג, איז דעמאָלט שוין געווען אַ היסטאָרישער נאָמען. אָקאָרשט געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, איז ער אָבער שוין געווען אָפּגעגאַנגען דעם לאַנגן לעבנס־וועג פון רעוואָלוציאָנערע יוניאָן־קאַמפּן ביי דער „אי־דאַבליו־דאָבליו" ביז איינשטעלן זיך טעאָרעטיש און פּראַקטיש פאַרן פרידלעכן בראַנדעיס־יוניאָניזם, דערצו מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל מאַרטירערטום אויף זיך, אַ מאָרד־בלבול און טורמעס, דורכן 1910 קלאָוקמאַכער־שטרייק, וואָס האָט געהאַלטן צערודערט יידיש לעבן אומעטום אין לאַנד. אַ שוויגנדיקער פּאַרטיפּטער עקשן אין זיינע אויפגאַבן, מיט אַ זעלטענעם גלויבן אין דער חשיבות פון אַרבעט און סאָציאַלער מאָראַל, וואָלט ער אין ארץ־ישראל, אָן צווייפל, געשטאַנען אין דער גרופּע גרינדער פון חלוצישע קבוצות, און אין דער אָנפירערשאַפט ביי די שוץ־אָרגאַנען פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע — „השומר" און „הגנה"...

מיט זיגמאַנען איז צו דער באַראַטונג געקומען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אינטערנעשאָנאַל, אַב. באַראָף, אַן אינטערעסאַנטער נאָמען מיט זעלטענע היסטאָרישע צופאַלן אַרום אים. דער נאָמען האַלט צונויפגעשלאָסן די געשיכטע

פון דער אינטערנעשאָנאַל מיט די סאַמע ערשטע טעג פון אַרבעטער־רינג, האָבנ־דיק געווען אויך דעם אַרבעטער־רינגס סעקרעטאַר, ציטווייליק, ביז דער סאָציאַ־ליסטישער פובליציסט ב. פייגענבוים איז געווילט געוואָרן. און דער נאָמען האַלט צונויפגעשלאָסן מאָדערנע יוניאָן־געשיכטע מיט די גאָר לעצטע טעג פון דער היסטאָרישער „עם־עולם״־באַוועגונג, האָבנדיק געווען דער סעקרעטאַר אויך ביי דער לעצטער טענעמענט־הויז־קאָמונע, וואָס איז געווען געבליבן פון דעם שוין פאַרשווונדענעם דראַמאַטישן „עם־עולם״. און דערנאָך, ווידער, איז ער געווען דער סעקרעטאַר ביי אַ גרופּע ערשט־געקומענע רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד, צומיינסטנס בונדיסטן, וועלכע זענען אַריין אַרבעטן אין „לעידיס וועיסט״־שעפּער, און זענען געווען אינסטרומענטאַל מ׳זאָל וואַגן צו אונטערנעמען דעם ערשטן גרויסן גענעראַל־שטרייק אין דער אימיגראַציע אין 1910. איצט איז ער געקומען צו אַ נייעם פאַרמעסט אויף די היסטאָרישע וועגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פאַלעסטינע...

פעדים פון געשיכטע וועבן זיך ווייטער. ביי דער באַראַטונג זיצן יוסף

מאָריס פיינסטאָן

מאַקס פיין

שלאָסבערג און אַב. מילער (אַמאַלגאַמעיטעד). שלאָסבערגן באַגלייט געשיכטע פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אידעאָלאָגיעס ביי דעם פריערדיקן דור אימיגראַציע; דורך מילערן מישן זיך אויף בלעטער פון שניידערישע באַלמעלאָכעס מיט גלייכע פּאַרפרומטע געפילן פאַר ארץ־ישראל און פאַר יוניאָנס ווי ביים זאָגן תהילים אין די אַלטע היימען.

יונגע געשיכטע אַנטפּלעקט זיך אויך ביי דער באַראַטונג: אַלעקסאַנדער קאַהן און א. ש. שיפּלאַקאָף זענען באַטייליקט. קאַהן, דער יוריסטישער און געזעלשאַפט־לעכער פאָרשטייער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ביים „דזשאָינט״, וואָס האָט גענומען אויסשטעלן נייע קאַפּיטלעך אין יידישן וועלט־לעבן; און שיפּלאַ־קאָף, סקול־לערער און יוניאָן־פירער און פּאָליטישער מענטש אין דער באַנייטער אַרבעטער־שטאָט בראָנזוויל.

געקומען גרינדן דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין זענען אויך מאַקס צוקער־מאַן, באַוווסט מיט זיין ישוב הדעת, און זיין תמיד אַרגומענטירנדיקער קאָלעגע מאַקס זאַריצקי (קירזשנערײ), און דער אָראַטאָרישער י. גאָלדשטיין (בעקערס) — דריי, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט אומגעהויערע רעוואָלוציעס ביי די עלטסטע יידישע מלאכות. און איך דאַרף אָנציילן אויך אָסיפּ וואָלינסקי און מאָריס קאַופּ־מאַן, ה. וואַנדער און ס. פּאָלאַקאָף, ראובן גוסקין און מאָריס פיינסטאָן, און אונדז צוויי פון „פאָרווערטס״, דער בעלעטריסט ב. באָטוויניק און דער שרייבער פון די שורות.

דעם אַפּיל צו די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע ביים פּראָקלאַמירן די גרינדונג פונעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָבן אונטערגעשריבן אויך דער דיכטער אברהם ליעסין און דער איצטיקער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, הלל ראָגאָף. שפּעטער איז געקומען אַב. קאַהאַנס רייזע קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט אַרויפגע־וואָרפן אויפן קאַמפּיין אַזאַ גליענדיק ליכט, אַז עס האָט פּאַקטיש אַריינגעשיינט אין יעדער יידישער אַרבעטער־היים. און טאַקע מיטן געדאַנק, וואָס האָט באַהערשט די באַראַטונג צי מ׳זאָל דעם קאַמפּיין שאַפן, וואָס פאַר אַ געדאַנק איז דאָס געווען?

דער געדאַנק, וואָס מ׳האָט שוין געהאַט אַרויסגעלערנט סיי פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, סיי פון די קאָנטורן, וואָס האָבן

אַרויסגעלויכטן פון דעם ערשט־אָנגעצייכנטן הסתדרות־פּראָגראַם, אַז יידישע נויט און יידישער אידעאַליזם און יידישע ליידנשאַפט צו פרייהייט האָבן זיך ממש געטלעכעס, און פונקט ווי אינאיינעם האָט עס געבויט גרויס יידיש לעבן אין אַמעריקע, אַזוי וועט עס אינאיינעם ערשט זיין שעפעריש אין בויען ארץ־ישראל.

פערציק יאָר הסתדרות האָבן עס אזוי וואונדערלעך, אַזוי צויבערלעך באַוויזן, און 36 יאָר געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָבן דערין מיטגעצויבערט...

א. העמלין

ערשטער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין
פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל — הסתדרות קאַמפּיין

דער בייטראַג פון היגע יוניאָנס צו מדינת ישראל

די הילף וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דער א. פ. ל. און דער סי. אַי. אָ. בעת דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. — די פינאַנציעלע מיטלען וועלכע האָבן געשטאַרקט די הסתדרות־פּאָזיציעס. — דער ברידער־לעכער צוזאַמענבונד צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע און פון מדינת ישראל.

די סימפּאַטיעס פון דער אַמעריקאַנער אַר־בעטער־באַוועגונג ציילן זיך נאָך פון דער ער־שטער וועלט־מלחמה, בעת די פירער פון דער אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געשטיצט די באַלפור־דעקלאַראַציע און די פאָדערונגען פאַר אַ יידיש נאַציאָנאַלן היימלאַנד. אָט די סימפּאַטיע און פריינדשאַפט איז געשטיגן פון יאָר צו יאָר און האָט געפונען איר אויסדרוק אין פייערלעכע דעקלאַראַציעס, אין פּאָליטישע אינטערווענצן ביי דער אַמערי־קאַנער רעגירונג און אין דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן דער הסתדרות דורך דעם קאַמפּיין, וועלכער איז אין פעברואַר 1924 עטאַבלירט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

פאַרן פייערן דעם 13־טן געבורטסטאָג פון מדינת ישראל טאָרן מיר נישט פאַרגעסן די ביטערע קאַמפן, וואָס זענען פאַרגעקומען זינט די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. דער קאַמף מיט דער בריטישער רעגירונג פאַר פרייער יידישער איינוואַנדערונג און פאַר שוץ פון די יידישע רעכט, דער ביטערער געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען דורך דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם היטלער־אומגליק, און שליסלעך די פאָדערונגען פון אַ יידישער מדינה. אין אָט דעם גאַנצן היסטאָרישן פּראָצעס איז די שטימע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג געהערט געוואָרן לטובת די גערעכטע יידישע פאָדערונגען. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט צו אַן אונטערדריקט פאָלק. אָט די שטימע האָט אַ סך בייגעטראָגן צו די גינסטיקע האַנדלונגען פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און איר ענדגילטיקער שטיצע אין דער אונ״אָ, בעת עס איז אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באַשלוס פאַר אַ יידישער מדינה.

אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען די הסתדרות — די פעדעראַציע פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וועלכע איז אין 1920 געגרינדעט געוואָרן אין חיפה. דאָס פּראָגראַם פון דער הסתדרות, איר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פאַרנעם, און איר שטרעבונג אויפצונעמען נייע אימיגראַנטן און פאַרוואַנדלען זיי אין אַ פּראָדוק־טיוון אַרבעטס־פאָלק — דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער פירערשאַפט פון דער אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר און אויף אַ ריי סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־טוער. דאָס האָט אויך געפירט צו דער גרינדונג פון „געווערקשאַפטן קאַמפּיין״, וועלכער איז געוואָרן אַ ווערטפולער שטיצפּונקט פאַר דער הסתדרות אין דער אַנטוויקלונג פון אירע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע אַנשטאַלטן, וועלכע שפּילן אַזאַ חשובע ראָל אין דעם בוי און אַנטוויקלונג פון לאַנד.

דורך דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין האָבן די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פון אַמעריקע בייגעשטייערט העכער 50 מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם קאָנ־סטרוקטיוון פּראָגראַם פון דער הסתדרות, און די רעזולטאַטן פון אָט דער אָנשטרענגונג קאָן מען זען דאָ אין ישראל אויף שריט און טריט. די אַמעריקאַנער

געלטער זענען אינוועסטירט געוואָרן אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, אַרבעטער־היימען, פאַך־שולן, קולטור־אינסטיטוציעס, שפּיטעלער און קליניקעס, יוגנט און ספּאָרט־צענטערס. די אַלע אַנשטאַלטן האָבן געהאָלפן דער פיזישער און גייסטיקער אויסבילדונג פון די ניי־געקומענע עולים און פאַרלייכטערט זייער אינטעגראַציע אין לעבן פון לאַנד. נעכטיקע אימיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען אָהער אָן מיטלען און אָן פאַכן, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזונטע מענטשן, פּראָדוקטיווע אַרבעטער, און שטאָלצע בירגער פון דער יידישער מדינה.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען די צאָלרייכע אַנשטאַלטן, וואָס זענען געבויט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט לאַנג צוריק איז געפייערט געוואָרן אין באר שבע די דערעפע־נונג פון דעם „אינטערנעשאָנאַל״־שפּיטאָל, וועלכער איז געוואָרן אַ ברכה פאַרן גאַנצן נגב. אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער מעדיצינישער אַנשטאַלט, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט אַמעריקאַנער מיטהילף. גייט אַריין אין ביילינסאָן־שפּיטאָל אין פּתח־תקוה, אין קאַפּלאַן־שפּיטאָל אין רחובות, און אין עפולהער שפּיטאָל אין עמק־יזרעאל און איר וועט זען פּאַווילאָנען, וואָס זענען עטאַבלירט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון יידישע אָרגאַניזאַציעס און יחידים. דערצו האָט קופּת־חולים, די קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות, אויפגעשטעלט אין לאַנד קרוב צו טויזנט מעדיצינישע קליניקס, צווישן זיי הונדערטער, וואָס זענען געבויט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון אַמעריקאַנער יוניאָנס, לאַנדסמאַנשאַפטן און ברענטשעס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פון אַרבעטער־רינג. אָט די אַלע אַנשטאַלטן היטן־אָפּ דאָס געזונט פון אַ מיליאָן מיט אַ פערטל מענער, פרויען און קינדער — כמעט צוויי דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אָבער דאָס איז נישט אַלץ! לאָמיר אייך ווייזן נאָך וויכטיקע שאַפונגען אין וועלכע איר אין אַמעריקע האָט אַ חלק. לאָמיר באַזוכן די מאַקס פיין פאַך־שול אין תל־אביב, די „אינטערנעשאָנעל״ פאַך־שול אין חיפה און די „אַמאַלגאַמעיטעד״ פאַך־שולן אין ירושלים און חדרה. לאָמיר אַריינגיין אין דעם אַרבעטער־„קאָלעדזש״ פון תל־אביב, ווו עס איז אין לעצטן יאָר פאַרגעקומען דער אַזיע־אַפריקע סעמינאַר און ווו עס לערנט איצט אַ גרופּע סטודענטן און אַרבעטער פון אינדיע. דאָס זעלבע אויך בית־בערל, דער גרויסער לער־אַנשטאַלט אין צופית, ווו ס׳געפינט זיך דער

בית־צוקערמאַן — געבויט פון דער קעפּ און מילינערי יוניאָן. לאָמיר באַזוכן אַ צאָל יוגנט און ספּאָרט צענטערס, הסתדרות הייזער, און דאַן די בתי־אבות — די עלטערן־היימען אין חולון און חיפה ווו הונדערטער אַלטע אַרבעטער און וועטעראַנען געניסן אַ רויק לעבן אין אַ חברישער און ברידערלעכער אַטמאָספער.

אָבער אויסער דער פּראַקטישער הילף, וואָס די פריער־דערמאָנטע אַנשטאַלטן גיבן דער אַרבעטנדער באַפעלקערונג, האָבן זיי נאָך אַ וויכטיקע באַדייטונג: זיי דינען ווי אַ סימבאָל פון סאָלידאַריטעט און ברודערשאַפט צווישן דער אַרבעטער שאַפט פון אַמעריקע און דער אַרבעטער־באַוועגונג פון ישראל. אין דעם ווייטן אילת ביים ים־אויסגוס פון אַקאַבה שטייט די פיליפּ מאַרי־געביידע, געבויט מיט דער מיטהילף פון דער סי. אַי. אָ. און אין דער האַפן־שטאָט חיפה איז אין לעצטן יאָר געעפנט געוואָרן אַ גרויסער קולטור־צענטער אויפן נאָמען פון וויליאַם גרין. אין אשקלון — די וואַקסנדע שטאָט ביים ברעג ים — געפינט זיך אַ קולטור־צענטער אויפן נאָמען פון וועטעראַן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג יוסף שלאָסבערג, און אין דעם קריסטלעך־פּאַרהייליקטן נצרת וועט אינגיכן אויפגעשטעלט ווערן אַ ספּאָרט־צענטער אויף דעם נאָמען פון דזשאָרדזש מיני מיט דער מיטהילף פון די פּאַקעטבוק אַרבעטער פון ניו־יאָרק. און פון נצרת צוריק אין תל־אביב צו דעם פּאַרבאַנד־הסתדרות הויז, וואָס איז געבויט געוואָרן לכבוד דעם 40־יאָריקן יובל פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פּאַרבאַנד בשכונת מיט דעם בית ליעסין — דער גרויסער קולטור־צענטער, וועלכער איז געבויט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

אַט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ בריק פון ממשותדיקער אחדות צווישן דער אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע און פון מדינת ישראל. אַ צוזאַמענבונד, וועלכער דערמוטיקט די דעמאָקראַטישע כוחות און וועקט דעם מוט און איניציאַטיוו צו נאָך גרעסערע שאַפונגען אין דער צוקונפט.

טאָ זאָלן זיין געשטאַרקט די הענט פון דער הסתדרות און פון אירע פאַרבינדעטע אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע! זאָל אָט די אייניקייט באַווירקן די אַרבעטער־באַוועגונג אויך אין אַנדערע לענדער און פירן צו אַ וועלט פון שלום און פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג.

רשימה פון בילדער:

	זייט
פאַראייניקטער אָנשטרענג	33
אום ג'וני — דגניה ביי איר אַנטשטייונג	34
טרומפּעלדאָרס קבר אין תל־חי	35
די געצעלטן פון „גדוד־העבודה א. נ. פון טרומפּעלדאָר" ביים קוואַל חרוד	36
די צווייטע הסתדרות־קאָנפערענץ (1923)	53
די דריטע „ „ (1927)	54
די זעקסטע „ „ (1944)	55
ד. בן־גוריון רעדט אויף אַ הסתדרות־קאָנפערענץ	56
אַקאַדעמיע פון לערער־פאַרבאַנד (מיטן אָנטייל פון מדינה־פּרעזידענט יצחק בן־צבי)	137
די זיבעטע אַרבעטער־פּרויען־קאָנפערענץ (גולדה מאיר — אויסערן־מיניסטער — רעפערירט)	138
פאַראיין פון אַרבעטנדיקע פרויען — לערנען נייע עולות פירן שטוב־ווירטשאַפט	139
לאַבאָראַטאָריע פון קופּת־חולים	140
גרובן־אַרבעטער אין נגב	157
יובל־גד — רערן־פאַבריק אין מגדל־אשקלון	158
לאַנדווירטשאַפט	159
„המשביר המרכזי" (צענטראַלער קאָנסום־פאַרבאַנד) — אַ פיליע אין אַן אַראַביש דאָרף	160
די קאָמבינאַטן „חמת", „וולקאַן", „פניציה"	177
„חרסה" — צעראַמיק־פאַבריק אין באר־שבע	179—178
פּאָרט־אַרבעטער ביי אויסלאָדונגס־אַרבעט	180
עולים־ויידלונג — שלאָגט וואָרצלען	229
אַ משפחה פון נייע עולים (אַלע זין אין צה"ל)	230
עולים־טיפּן	231
אַן אינדישע דעלעגאַציע אויף אַ באַזוך אינעם הסתדרות־הויז (הועד־הפועל)	232
עברית־קורסן	233
גימנאַסטיק („הפועל"־גרופּע)	234
פאַך־אויסבילדונג אין די „עמל"־שולן	235
אַרבעטער־פאַרזאַמלונג	236

רשימה פון בילדער:

	זייט
יצחק בן־צבי, פרעזידענט פון מדינת ישראל	253
יוסף שלאָסבערג	275
ה. לאַנג	292
אברהם שיפּלאַקאָוו	294
ר. גוסקין	294
מאָריס זיגמאַן	294
ב. באָטווינניק	294
מאַקס זאַריצקי	294
אַלעקסאַנדער קאַהן	296
הלל ראָגאָף	296
אברהם ליעסין	298
אב. קאַהאַן	298
אב. מילער	300
אַסיף וואָלינסקי	300
מאָריס פיינסטאָון	302
מאַקס פיין	302
א. העמלין	305

ביבליאָגראַפיע

די דאָזיקע ביבליאָגראַפישע רשימה איז כולל אויסגאַבעס, וואָס קאָנען דינען ווי הילפס־מקורות און וויכטיקע דערגענצונגען צום באַקענען זיך מיט די יסודות פון דער הסתדרות אין דער טעאָריע און פראַקטיק. אַחוץ די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן דאָ חייטער דערמאָנט, וועט דער לייענער געפינען ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל אין פאָלגנדיקע ביכער:

א. ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן די פּראָבלעמען פון דער הסתדרות. אַרויסגעגעבן פון ועד־הפועל אין תרצ״ט, 332 ז״ז.

ב. ג. קרעסל — הסתדרות־ליטעראַטור (ספרות ההסתדרות) — אַרויסגעגעבן פון ועד־הפועל אין 1945.

ג. ג. קרעסל — די ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות, ביבליאָגראַפישער מאַטעריאַל, אַרויסגעגעבן דורך „עם עובד״, תש״ו.

ד. מ. ברסלבסקי — די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, אַרויסגעגעבן פון הקיבוץ המאוחד, עין־חרוד, תש״ב.

טרשטער קאַפּיטל

הסתדרות, אירע קוואַלן און געשיכטע

ב. כצנלסון — כתבים, כרך י״א;

ספר העלייה השניה, בעריכת ב. חבס, הוצאת „עם עובד״, תש״ז;

ד. קלעי — העלייה השניה, הוצאת המרכז לתרבות 224 ע׳, תש״י;

ד. קלעי — איך נוסדה ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, 128 ע', תש"ו;
מ. ברסלבסקי — תולדות תנועת הפועלים הארץ־ישראלית, הוצאת הקבוץ המאוחד, תשט"ו;
צ. רוזנשטיין — תולדות תנועת הפועלים בארץ־ישראל, הוצאת „עם עובד", תשט"ו;
ילקוט אחדות העבודה, כרך א', תל־אביב, תרפ"ט;
דברי פועלות, מאסף, הוצאת מועצת הפועלות, ת"א, תר"ץ;
אלכס ביין — תולדות ההתישבות הציונית, הוצאת „מסדה", תש"ה;
„קונטרס", י"ט, תר"ף;
„קונטרס", ס"א, טבת תרפ"א;
„הפועל הצעיר", — 17.12.1920;
אלכסנדר מנור — חלקו של טרומפלדור בהקמת ההסתדרות. „הפועל הצעיר" — 5.12.1950

צווייטער קאַפּיטל

די קאָנפערענצן פון הסתדרות

„פנקס" — תרפ"ב־תרפ"ד — הוצאת הועד הפועל;
דין וחשבון (פרוטוקול) מהועידה הראשונה של הסתדרות העובדים, הוצאת הועד הפועל;
דין וחשבון (פרוטוקול) מהועידה השניה של הסתדרות העובדים, הוצאת הועד הפועל;
דין וחשבון (פרוטוקול) מהועידה השלישית של הסתדרות העובדים, הוצאת הועד הפועל;
דו"ח הועד הפועל של ההסתדרות לועידה השלישית, תמוז תרפ"ז.
החלטות הועידה השלישית של הסתדרות העובדים, הוצאת הועד הפועל, 1927;
דו"ח לקראת הועידה הרביעית של ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, 1933;
הועידה הרביעית של ההסתדרות, כנס ראשון, הוצאת הועד הפועל, תרצ"ג;
הועידה הרביעית של ההסתדרות, כנס שני, הוצאת הועד הפועל, תרצ"ד;
תשע שנות מערכה — 1933—1941 — פרקי דו"ח לועידה החמישית, הוצאת הועד הפועל, 1942;
הועידה החמישית של ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, תש"ב;
הועידה הששית של ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, כנס ראשון;
הועידה הששית של ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, 1945, כנס שני;
הועידה השביעית של ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, 1950;
דו"ח ממועצות ההסתדרות שבין ועידה לועידה, הוצאת הועד הפועל;

דריטער קאַפּיטל

פּרינציפּן און ווערטן

כתבי ב. כצנלסון;

כתבי ד. בן־גוריון;

ההסתדרות — מאסף בעריכת צ. רוזנשטיין, תל־אביב 1946;

חוקות ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, 1938;

ד. בצלאלי — זוהי ההסתדרות, הוצאת הועד הפועל, 45 ע', תש"י;

א. מ. קולר — הסתדרות העובדים — תולדותיה, מהותה ומבנה, הוצאת הועד הפועל, 21 ע', 1950;

ק. שבתאי — ההסתדרות מהי. הוצאת המרכז לתרבות, 55 ע', תשי"ב;

פערטער קאַפּיטל

די פּראָפעסיאָנעלע נעץ און קעגנזייטיקע הילף

ההסתדרות החקלאית ופעולותיה, תרפ"ז;

ד. שפריר — במערכה לעבודה עברית, הוצאת הועד הפועל, 1946;

א. רבינוביץ — במערכות האיגוד המקצועי, הוצאת הועד הפועל, 1945;

אבא חושי — האיגוד המקצועי למעשה, הוצאת הועד הפועל, 1947;

ד"ח של מועצת פועלי ירושלים;

דו"ח של מועצת פועלי תל־אביב־יפו ;

דו"ח של מועצת פועלי חיפה ;

פ. נפתלי — האיגוד המקצועי ותפקידו בתנועת הפועלים, הוצאת הועד הפועל, 1948;

ב. זילברשץ — האיגוד המקצועי, הוצאת הקבוץ הארצי, 1949;

ביולטינים של המחלקה לסטטיסטיקה שע"י הועד הפועל;

ו. פרויס — ההסתדרות במספרים, 35 ע', הוצאת הועד הפועל;

א. בקר — העובד והסתדרותו, הוצאת הועד הפועל, תשי"א, 56 ע';

א. בקר — סיכומים וסיכויים, תשי"ג, הוצאת המרכז לתרבות;

א. בקר — המציאות הכלכלית והפועל, 1954;

מ. ברטנטל — ההסתדרות במערכה המקצועית, 63 ע׳, הוצאת הועד הפועל, 1949;
בשנת השלושים — סקירות וסכומים, תרפ״א—תשי״א, בעריכת שלמה לוי;
פרקי דו״ח לשנת 1953, בעריכת י. שהמי, הוצאת הועד הפועל, 1955;
ב. לין — ביטוח סוציאלי, הוצאת המרכז לתרבות, 32 ע׳, 1951;
ו. פרויס — מדיניות סוציאלית בעולם ובארץ, הוצאת עם עובד, 1954;
ז. כרמי — האגוד המקצועי בישראל ובעמים, הוצאת „מסילות״, ת״א, תשי״ט;

פינפטער קאַפּיטל

דער צוזאַמענפלעכט פון ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער שליחות

נ. בנארי — לתולדות הקבוצה והקבוץ, הוצאת מרכז החלוץ, ורשה;
י. ברץ — דגניה, הוצאת חבר הקבוצות, תש״ח;
גדוד העבודה ע״ש י. טרומפלדור — הוצאת מצפה, תרצ״ב;
קובץ הקבוץ המאוחד, הוצאת „חברה״ תרצ״ב;
קהליתנו — הוצאת קבוץ השומר הצעיר א״י, כביש חיפה—ג׳דה, תרפ״ב;
ש. לביא — כתבים נבחרים;
ז. לאנדסהוט — הקבוצה;
ז. בלוך — במערכות הקיבוץ, ספרית פועלים, 1952;
עמי אסף — מושבי העובדים בישראל, הוצאת עיינות, תשי״ד;
מבפנים — רבעון אחוד הקבוץ המאוחד;
ניב הקבוצה — רבעון אחוד הקבוצות והקבוצים;
א. מנדל — הקבוצה, ערכיה ומפעלה, הוצאת חבר־הקבוצות, תשי״א;
ז. שפר — חברה בצמיחתה, הוצאת „עם עובד״, תש״ך;
אלכס ביין — תולדות ההתישבות הציונית;
י. רזניצ׳נקו (ארז) — העליה השלישית — הוצאת הועד הפועל, 1946;
קובץ הקואופרציה, תל־אביב, תרפ״ח;
א. זברסקי — הקואופרציה, הוצאת „חברה״ תרצ״ב;
הקואופרציה — סיכומים וסיכויים, 1938—1942, הוצאת מרכז הקואופרציה, תש״ב;
י. ריטוב — הקואופרציה היצרנית־שירותית — הוצאת הועד הפועל, 1947;
ד״ר ג. מינצנר — המבנה הכלכלי של הסתדרות העובדים העברים בא״י, הוצאת המכון לחקר הכלכלה של הסוכנות היהודית בא״י, ירושלים־תל־אביב, 1942;

פ. נפתלי — חברת העובדים, הוצאת המרכז לתרבות, 1946;
ה. פרומקין — חברת העובדים, הוצאת המרכז לתרבות, 1951;
הלל דן — סולל בונה, הוצאת המרכז לתרבות, 1951;
ד״ר ג. צדרוביץ — תעשיה ותעסוקה, 1951, הוצאת המרכז לתרבות, 48 ע׳;
ד״ר ג. צדרוביץ — חרושת הפועלים, יסודות ומגמות, הוצאת „עם עובד״, תשט״ו;

זעקסטער קאַפּיטל

די תורה פון מעשים

י. זנדבנק — קובץ מאמרים ומסות, הוצאת המרכז לתרבות, ת״ש;
נתיבי תרבות — סקירה על שלושים שנות פעולה תרבותית של ההסתדרות, 1951, הוצאת המרכז לתרבות;
אורות לשאלות תרבות, מוקדש לזכרו של זנדבנק, קובץ א׳, תש״י, הוצאת המרכז לתרבות;
אורות לשאלות תרבות, קובץ ג׳, תשט״ו, הוצאת המרכז לתרבות;
תרבות בשעת חירום, דברים בכינוס עובדי המרכז לתרבות, ת״ש, הוצאת המרכז לתרבות;
תרבות למעשה, הוצאת המרכז לתרבות, תש״ו;
יעקב הלפרין (ניב) — מפעלנו החנוכי, הוצאת הועד הפועל, 1945;
ח. שפרוני — זרם העובדים בחנוך, הוצאת „אורים״ תשי״ב;
נחום בנארי — שבת ומועד, הוצאת המרכז לתרבות, תש״ו;
אברהם לוינסון — תרבות יוצרת, הוצאת המרכז לתרבות, תשי״א;
אלכסנדר מנור — על פעולתנו התרבותית בבתי־החרושת, „הפועל הצעיר״ — 11.3.1943.
„ — עבודתנו התרבותית, „הפועל הצעיר״ — 26.6.1947;
„ — הנחלת הלשון להמוני העם (10 שנות פעולה) — „הדור״ — 21.5.1954;
„ — החינוך ההסתדרותי — „הפועל הצעיר״ — 25.12.1951;
„ — לדרכי פעולתנו התרבותית — „הפועל הצעיר״ — 27.9.1955;
„ — תרבות ישראל ותנועת העבודה — „הפועל הצעיר״ — 2.8.1960

ביז איצט דערשינענע ביכער פון

אלכסנדר מנור (מענטשינסקי)

אין העברעיש :

הפאשיזם — מהותו הכלכלית והמדינית — אַרויסגעבער: הקואופרטיב השומרי המרכזי, ווארשה 1934, 90 עמ׳;

הסוציאליזם ובעיית האדם — אַרויסגעבער: „עם עובד״, תל־אביב, 1948, 242 עמ׳;

אמרות (עיקרי משנתו של ברל כצנלסון) — אַרויסגעבער : מפלגת פועלי ארץ־ישראל, תל־אביב 1950, 150 עמ׳;

מהות ההסתדרות — אַרויסגעבער : אחוד הנוער החלוצי, תל־אביב, 1956, 302 עמ׳;

קורות עיירה אחת — תל־אביב, 1960, 128 עמ׳.

אין פראַנצויזיש און שפּאַניש

השאלה הלאומית והסוציאליזם — אַרויסגעבער : אחוד הנוער החלוצי, תל־אביב, 1956, 90 עמ׳.

הציונות־הסוציאליסטית ומעצבי דמותה — אַרויסגעבער : אחוד הנוער החלוצי, תל־אביב, 1956, 220 עמ׳.

האימפריאליזם ותנועת הפועלים — אַרויסגעבער : אחוד הנוער החלוצי, תל־אביב, תל־אביב, 1957. 224 עמ׳.

אין ענגליש

השאלה הלאומית והסוציאליזם — אַרויסגעבער : אחוד הבונים, תל־אביב, 1960, 90 עמ׳.

אינסטיטוציעס און
אונטערנעמונגען

ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל

(אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל)

ראַט פון אַרבעטער־פרויען [מועצת הפועלות]

רעפּרעזענטירט אַריבער דרייהונדערט טויזנט פרויען, הסתדרות־מיטגלידערינס;

דערציט די חברטע צו זעלבסטפאַרווירקלעכונג אויפן אַרבעטס־שטח און צו געזעל־שאַפטלעכער אַקטיווקייט;

קעמפט פאַר באַטייליקן די חברטע, אויפן יסוד פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויף אַלע אַרבעטס־געביטן;

גרייט צו די פרוי צו פאַך־בילדונג און עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט;

אינסטרואירט די נייע עולות און העלפט זיי איינוואָרצלען זיך אינעם פאָטערלאַנד;

פירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע סאָציאַל־דערציערישע טעטיקייט פאַר דער פרוי, קינד און יוגנט;

איז טעטיק צווישן ציוניסטישע פרויען אין די תפוצות אין 12 לענדער, מיט דער הילף פון די פרויען־אָרגאַניזאַציעס „פּיאָנער־ווימען".

דער ראַט פון אַרבעטערינס איז די באַוועגונג פון דער אַרבעטנדיקער מוטער — אין שטאָט און דאָרף, אין צענטראַלן טייל פון לאַנד און אין די ראַנד־געביטן, אינעם איינגעזעסענעם ישוב און אין דער נייער עליה.

די יערלעכע טעטיקייט פון ראַט פון די אַרבעטער־פרויען (מועצת הפועלות):

גיט פאַך־בילדונג און אַרבעט פאַר 2000 פרויען;

זאָרגט פאַר דער נייער עליה, וואָס נעמט אַרום ביי 20 טויזנט משפחות;

הכשרה פאַר יוגנט אין 5 שולן פאַר לאַנדווירטשאַפט; אַ שול פאַר מטפלות „אמנה"; 3 פאַך־שולן פאַר נייטאָרינס; 2 אָוונט־שולן; 44 קורסן פאַר מיידלעך; קלובן. די דאָזיקע טעטיקייט נעמט אַרום ביי 4000 יוגנטלעכע.

קינדער־אַנשטאַלטן: 275 קינדער־היימען און טאָג־היימען אין די שטעט, מושבות, מעברות און שיכונים; 5 אינטערנאַטן; די טעטיקייט נעמט אַרום ביי 20 טויזנט קינדער.

די קולטור טעטיקייט דערגייט צו צענדליקער טויזנטער חברטעס; די חודש־שריפט „דבר הפועלת" ווערט פאַרשפּרייט אין 12 טויזנט עקזעמפּלאַרן, אַ ביולעטין „ידיעות".

טעטיקייט צווישן אַראַבישע פרויען

עס פאַרפונדעווען זיך: קלובן און שניידערייען פאַר פרויען און מיידלעך, פאַך־קורסן, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, שפּאַצירן און אויספלוגן.

מועצת הפועלות, ת"א, בית הועד הפועל, רח' ארלוזורוב 93, טל. 21211, אא"ע או ועדות חברות — בכל נקודות הישוב ובמועצות הפועלים.

דער פאַרבאַנד פון לאַנדווירטש

הסתדרות הפועי

די חיזיע פון שיבת־ציון איז געווען פאַרבונדן מיט דער וויזיע חעגן אומקערן דאָס פאָלק ישראל צו ערד־אַרבעט, צו יענע טעג, ווען די יידן זענען געזעסן במנוחה „יעדער אונטער זיין חיינשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים“. דאָס פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אויסלייזן דעם באָדן און מיטן שאַפן איינגעחאָרצלטע דאָרף־פּונקטן. אָט די טעטיקייט איז פאָרגעזעצט געוואָרן אין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט און פאַר אויספאָרמירן דעם טיפּ פון אַ יידישן ערד־אַרבעטער. ערשט נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַנטחיקלונג פון דער שטאָט מיט אירע פאַבריקן, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, האַנטווערק, קאָמוניקאַציע א.א.וו.

די דאָזיקע דערשיינונג קלערט אונדז אויף פאַרוואָס דער פאַרבאַנד פון לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטער אין ארץ ישראל איז אַנטשטאַנען פריער פון יעדער אַנדערער אָרגאַניזאַציע. די יוגנט, חעלכע איז געקומען קיין ארץ ישראל אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה (1904—1914) מיט דער עליה, חאָס ווערט איצט אָנגערופן די „צווייטע עליה“ — איז בעיקר אַחעק צו לאַנדחירטשאַפטלעכער אַרבעט אין די דעמאָלטדיקע יידישע קאָלאָניעס (פּתח־תקוה, ראשון לציון, רחובות, חדרה, זכרון יעקב א. א.), אָדער זיי האָבן געאַרבעט אין נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן, געגרינדעטע דורכן ארץ־ישראל־אַמט (בן־שמן, מגדל, כנרת, פּוריה, חולדה א.א.), אָדער זיי האָבן אָרגאַניזירט די ערשטע פּונקטן פון דער אַרבעטנדיקער התישבות (דגניה א׳, די קאָאָפּעראַציע אין מרחביה, כפר מל״ל א.א.), אָדער זיי זענען אַחעק אַלס לאַנדחירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין גליל (סג׳רה, מסחה). דערפאַר איז עס געווען זייער נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער.

און דעריכער איז אונדז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער פאַרבאַנד פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער איז געשאַפן געחאָרן נאָך אין יאָר 1910 — צען יאָר איידער ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער אַלגעמיינער אַרבעטער־פאַרבאַנד (הסתדרות), צו וועלכן אויך דער פאַרבאַנד פון די לאַנד־חירטשאַפטלעכע אַרבעטער האָט זיך פאַראייניקט אין דעצעמבער 1920.

די ספּעציפישע באַדינגונגען פונעם ישוב אין ארץ ישראל, באַדינגונגען חאָס עקזיסטירן אויף אַ קענטיקן אופן אויך אין מדינת ישראל, זענען מחייב אַ ספּעציפישן כאַראַקטער און סטרוקטור פון פאַרבאַנד פון לאַנדחירטשאַפטלעכע אַרבעטער. די יונגע עולים, די חלוצים, וואָס זענען געקומען אין לאַנד נאָך יאָרן פון ציוניסטיש־חלוצישער דערציונג און פּראַקטישער צו־גרייטונג („הכשרה“) צו אַן ארבעטנדיק לעבן אין לאַנד — האָבן זיך אָרגאַניזירט ווי לוינאַרבע־טער אין דער קאָלאָניע און האָבן געשטרעבט צו באַזעצן זיך אויף ערד אין אַ צוגעפּאַסטער פאַר זיי פראָם, אין קיבוץ אָדער מושב.

דער פאַרבאַנד פון לאַנדחירטשאַפטלעכע אַרבעטער האָט נישט פונאַנדערגעטיילט די אַרבעטער אין זייער אָרגאַניזירן זיך און נישט אָפּגעשיידט די לוינאַרבעטער באַזונדער און די וואָס ארבעטן אין זייער אייגענער ווירטשאַפט באַזונדער, נאָר האָט זיי אָנגעשלאָסן אין איין קערפּערשאַפט. ער האָט בלויז צוגעפּאַסט זיינע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען צו די ספּעציפישע באַדער־פענישן פון יעדן טייל.

דער פאַרבאַנד פון לאַנדווירטשאפטלעכע אַרבעטער ציילט העכער 225 טויזנט מיטגלידער פון די קרוב 700 טויזנט אַרבעטער וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין אַלגעמיינעם אַרבעטער־פאַרבאַנד — הסתדרות. די העכסטע אינסטאַנץ פון לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַרבאַנד איז די קאָנפערענץ פון די לאַנדחירטשאַפטלעכע אַרבעטער, וועלכע קומט פאַר איין מאָל אין פיר יאָר אויפן יסוד פון חאָלן מיט דער באַטייליקונג פון אַלע מיטגלידער. די לעצטע קאָנפערענץ (די ניינטע) איז פאָר־געקומען דעם 17—22 יאַנואַר 1960 אין פּתח־תקוה — די ערשטע און די גרעסטע צווישן די מושבות אין ישראל.

די קאָנפערענץ ווײלט אויס די אינסטאַנצן פון פאַרבאַנד אויף דער צייט צחישן איין קאָנפערענץ און דער צחייטער. דאָס איז דער לאַנדחירטשאַפטלעכער צענטער, וועלכער איז פונאַנדערגעטיילט אין צווייען: איין אָפּטיילונג פאַר מושבות און אַ צווייטע — פאַר התישבות.

אָפּטיילונג פאַר מושבות

אונטער דער אויפזיכט פון דער אָפּטיילונג פאַר מושבות געפינען זיך די ענינים פון די אַרבעטער, הסתדרות־מיטגלידער, וועלכע אַרבעטן אין די 40 מושבות וואָס זענען צע־

טלעכע ארבעטער צו זיין יובל

חקלאים ליובלה

שפרייט איבער גאַנץ מדינת ישראל, אָנהייבנדיק פון מטולה און חצור אין צפון און ענדיקנדיק מיט קרית־מלאכי אין נגב. די דאָזיקע אָפּטיילונג פאַרנעמט זיך מיט די אינטערעסן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע לוינאַרבעטער — אַן אָרגאַניזאַציע וואָס נעמט אַרום בערך 70 טויזנט אַרבעטער, וועלכע לעבן פון לוינאַרבעט. די אָפּטיילונג פאַרנעמט זיך אויך מיט די וווינונגס־ענינים פון די ארבעטער, מיט הילף־ווירטשאַפטן. זי זאָרגט פאַר צוטיילן ערד די לאַנדווירט־שאַפטלעכע אַרבעטער (פּרדס אויף אָפּשפּאָרונג) א.א.וו. די אָרגאַניזאַציאָנעלע, אויפקלערערישע און קולטור־טעטיקייט פאַרנעמט זיך מיט די אינטערעסן פון צענדליקער טויזנטער לאַנדווירט־שאַפטלעכע אַרבעטער, מיט פלעגן זייער מצב, מיט דער אַבסאָרבציע פון עולים, מיט דער זאָרג פאַר פאַכמענישער דערגענצונג א.א.וו.

אין דער **אָפּטיילונג פאַר התישבות** איז איינגעשלאָסן די גאַנצע אַרבעטנדיקע התישבות — דאָס פּרעכטיקע ווערק פונעם יידישן אַרבעטער אין ישראל; דאָס דאָזיקע ווערק וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָרגאַניזירן די ערשטע גרופּע: דגניה א׳ אין יאָר 1910 און איז פאָרגעזעצט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה מיטן אויפשטעלן די אַרבעטער־זידלונגען (נהלל און כפר יחזקאל), די גרויסע קיבוצים (עין־חרוד, תל־יוסף), די קיבוצים פון השומר הצעיר (בית אלפא, משמר העמק) א.א. — איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן ביים באַזעצן די פאַרשידענע לאַנד־געביטן, ביים פאַרוואַנדלען אָט די געביטן אין אַן אינטעגראַלער טעריטאָריע, ביים אויפשטעלן די מדינה און פאָרמירן אַן אַרבעטנדיק פאָלק, וואָס שאַפט הויכע געזעלשאַפטלעכע ווערטן.

ביים היינטיקן טאָג געפינען זיך אין די 700 דאָרפישע ישובים, וועלכע זענען איינגע־שלאָסן אין פאַרבאַנד פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, איבער צוויי הונדערט טויזנט נפשות. די מערהייט פון די ישובים, דער רוב פון דער באַפעלקערונג באַשטייט פון נייע עולים, מחמת זינט דעם אַנטשטיין פון דער מדינה זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קרוב צו 500 לאַנדווירטשאַפט־לעכע ישובים פון פאַרשידענע פאָרמען: קיבוץ, מושב־עובדים און קאָאָפּ. מושב.

די ענינים פון דער אַרבעטנדיקער התישבות געפינען זיך אונטער דער השגחה פון דער התישבות־אָפּטיילונג ביים לאַנדווירטשאַפטלעכן צענטער. אין איר זענען רעפּרעזענטירט אַלע התישבות שיכטן פון פאַרבאַנד. מיט איר ארבעטן אויך מיט רעגולער די רעליגיעזע אָרגאַניזאַ־ציעס: די קיבוצים און מושבים פון הפועל המזרחי און פון פועלי אגודת ישראל.

די טעטיקייט פון דער אָפּטיילונג איז אַ זייער פאַרשידנאַרטיקע: די זאָרג פאַרן התישבות־בודזשעט, דאָס פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון די נייע פּונקטן, דאָס באַהאַנדלען פראַגן פון פּלאַנירן די לאַנדווירטשאַפט, וואַסער־פּראָבלעמען, איבערפּראָדוקציע, דאָס פאַרפעסטיקן די ווירטשאַפטן, בויונג, אַבסאָרבציע פון עולים א. אַנד.

חוץ די סטאַבילע באַראַטונגען אויף די זיצונגען, פאַרנעמט זיך אויך די אָפּטיילונג אויף אַ פאַקטישן אופן מיט לויפנדיקע פראַגן דורך דעם ווירטשאַפט קאָמיטעט, זיכערקייט־קאָמיטעט און אנדערע קלענערע קאָמיטעטן, וועלכע זאָרגן וועגן ספּעציפישע ענינים.

די קאָמיסיע פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער דערציונג איז איינגעשלאָסן אין דער התישבות־אָפּטיילונג און איר אויפגאַבע איז צו פאַרנעמען זיך מיט די לאַנדווירט־שאַפטלעכע שולן, צו פאַרגרעסערן די צאָל תלמידים אין די דאָזיקע שולן דורך ספּעציעלער הילף (סטיפּענדיעס פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער דערציונג) און אויך צו זאָרגן פאַר די שולן אין די עולים־מושבות א.א.וו.

אַנדערע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפטלעכן צענטער זענען: „ניר־שיתופי" — דער פינאַנ־סיעלער מכשיר פון פאַרבאַנד; „השדה" — חודש־זשורנאַל פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע ענינים, וואָס דערשיינט סטאַביל שוין איבער פערציק יאָר; די צענטראַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע ביבליאָ־טעק, דער לאַנדווירטשאַפט־אינסטיטוט א. נ. פון רופּין א.א.

דער פאַרבאַנד פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער דערשיינט פאַר אונדז אַלס איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס ביים יידישן אַרבעטער אין ישראל, וואָס האָט געוויזן ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען אַ דערהויבענע וויזיע אין וויכטיקער קאָנסטרוקטיווער טאָט: אויפשטעלן דעם קלאַס פון יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין אייגענעם לאַנד.

קרן הקבוץ המאוחד בע״מ

1. פאַנד פון הקיבוץ המאוחד מב״פ

די אַקציעס־געזעלשאַפט „קרן הקבוץ המאוחד בע״מ״ האָט הײ־יאָר רעזומירט איר 25־יאָריקע טעטיקייט ווי אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע פון דער קיבוצישער התישבות.

אין דער דערמאָנטער תקופה האָט זיך אָנגעזאַמלט, בעיקר דורך רעגולערע ראַטן פון די ווירטשאַפטן, אָנגעשלאָסענע אינעם קיבוץ המאוחד, אַן אײגענער קאַפּיטאַל פון בערך 5 מיליאָן ל״י. חוץ דעם דערמאָנטן קאַפּיטאַל, װאָס איז כמעט אינגאַנצן דאָס אײגנטום פונעם סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד, באַקומט די געזעלשאַפט פאַרשידענע הלוואות פון דער רעגירונג, פאַרזיכערונג און פענסיע קאַסעס, באַנקען א. אַנד. די געזעלשאַפט איז טעטיק דורך געבן הלואות פאַר אומזאַץ־צוועקן און טײלווײז אויך פאַר אינוועסטיציעס אין די צווײגן פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, האַנטווערק און קאָמוניקאַציע, ווי אויך פאַר פאַרשידענע צענטראַלע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען (געז. פאַר אינוועסטיציעס, בוי־אונטערנעמונג, פאַרלאַג, װירטשאַפטן פון קיבוץ המאוחד, געזעל. פאַר צענטראַלן אײנקויף, שיפערײ א. אַנד.).

אין טויזנטער ל״י	31/3/57	31/3/58	31/3/59
אלג. סכום פון בילאַנס	11000	13577	15752
דערפון אײגענער קאַפּיטאַל	2945	3675	4443
סאַלדאָ פון געגעבענע הלוואות	7271	8869	9878
אינוועסטיציעס	322	418	460

2. געז. פאַר אינוועסטיציעס פון קרן הקיבוץ המאוחד בע״מ

די געז. פאַרנעמט זיך מיט אויפשטעלן שותפות־אונטערנעמונגען מיט קיבוצים און פריוואַטן קאַפּיטאַל. צווישן די שותפות־אונטערנעמונגען איז כדאי צו דערמאָנען:

א. די גיפּס־אונטערנעמונגען ביים קיבוץ גשר;
ב. די „גיר אבן גנטילי״ אונטערנעמונג אין קיבוץ רגבים;
ג. אָפּרו־הויז אין קיבוץ הגושרים;
ד. די שיף־געזעלשאַפטן: „עתיד קוים התיכון בע״מ״, „עתיד קו אירופה בע״מ״.

דער יערלעכער אומזאַץ אין די פיר אונטערנעמונגען האָט איבערגעשטיגן 5 און אַ האַלבן מיליאָן ל״י. די געז פאַרמאָגט אויך אַקציעס פון תובלה בע״מ, „נפטא״, חברה ישראלית לנפט און אנדערע.

3. בוי־אונטערנעמונג פון הקיבוץ המאוחד בע״מ

די געז. פירט אויס בוי־אַרבעטן (שיכונים, װירטשאַפטס־בנינים, שפּײכלערס, באַסיינען, א. אַנד.) דער רעג. קאַפּיטאַל — 650 טויזנט ל״י.

4. ווירטשאַפטן פון הקיבוץ המאוחד בע״מ

געזעל. פאַר צענטראַליזירן דעם אײנקויף און פאַרזיכערונג. עסקים פון די ווירטשאַפטן. דער יערלעכער אומזאַץ 7 מיליאָן ל״י.

5. פאַרלאַג פון הקיבוץ המאוחד בע״מ

געגרינדעט אין יולי 1939; אַרויסגעגעבן ביז היינט 410 ביכער.

6. „המוסד״ בע״מ

געז. פאַר דער פאַרזאָרגונג פון ביכער, פּרעסע, לערן־מאַטעריאַלן פאַר שולן און אויסשטאַטונג פאַר קינדער־גאָרטנס.

הקבוץ הארצי - השומר הצעיר

געגרינדעט אין יאָר 1927. אין זיין ראַם געפינען זיך 73 קיבוצים, וואָס ציילן 28,000 נפשות, פון זיי 14,500 מיטגלידער און קאַנדידאַטן. דער באַאַרבעטער שטח באָדן איז 550,000 דונאַם.

זיינע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס:

דער קרן השומר הצעיר איז די צענטראַלע פינאַנץ אינסטיטוציע.

קיבוצי השומר הצעיר — צענטראַלער שותפות־פאַרבאַנד פאַר איינקויף און אינסטרואירונג.

טעכנישע אָפּטיילונג — די אינסטיטוציע וואָס פּלאַנט די בוי־אַרבעטן אין אונדזערע קיבוצים. דער אַדרעס: תל־אביב, רח׳ בצלאל יפה 7, טל. 61068. **בוי־אָפּטיילונג** — דער אינסטרומענט פאַר בויאונג אין אונדזערע קיבוצים. ת״א, רח׳ קרלבך 10, טעל. 22057.

פּלאַנירונגס־אונטערנעמונגען — געזעלשאַפט פאַר אינדוסטריע און האַנטווערק, וואָס איז כולל ביי 40 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין די קיבוצים פון הקה״א.

גבעת חביבה — א. נ. פון דער פאַראַשוטיסטין חביבה רייך — סטאַבילער טעאָרע־טישער סעמינאַר פון הקבה״א.

ביים קיבוץ ארצי דערשיינען: „הדים״ — אַ טריבונע פאַר פּראָבלעמאַטיק פון דער קיבוצישער געזעלשאַפט; „אופקים״ — פאַר פּראָבלעמען פון דער שותפותדיקער דער־ציונג; „השבוע בקבוץ־הארצי״ — וואָכנבלאַט פאַר אינפאָרמאַציע און „בחטיבה״ — צייטונג פאַר דעם יוגנט־סעקטאָר. ביי דער קולטור אָפּטיילונג עקזיסטירן פאַרבאַנדן פון מאָלער און סקולפּטאָרן, רעזשיסאָרן און מוזיקער, שרייבער, פאָטאָגראַפיסטן און פילמער.

„ספרית הפועלים״ — דער פאַרלאַג פון הקיבוץ־הארצי. די פאַרזאָרגונג־אָפּטיילונג באַדינט די ישובים פון דער קיבוצישער באַוועגונג מיט ביכער און פּרעסע; פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן רעסאָרט פאַר שרייב מאַטעריאַלן און שפּילצייג. דער אַדרעס: ת״א, רח׳ אלנבי 73, טעל. 64865, 66175.

אויפן געביט פון דערציונג: האַלט אויס דער הקבה״א 24 אַוואַנסירטע דער־ציונגס־אַנשטאַלטן; עלעמענטאַרע קלאַסן, קינדער־גאָרטנס, הייזער פאַר פּיצלעך קינדער און זויגלינגס־הייזער; פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער דער אַנשטאַלט „ורדים״. פאַר צוגרייטן לערער און פּרעבליסטינס האַלט אויף דער הקבה״א בשותפות מיטן הקה״מ דעם סעמינאַר „אורנים״.

דער קוואַל פון כוח און וווקס פונעם הקבוץ־הארצי איז די דערציונג־באַוועגונג **„השומר הצעיר״** אין ישראל און אין די תפוצות.

דער אַדרעס פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון הקבוץ־הארצי איז: מרחביה, דאר עפולה, טל. עפולה 44, אין ת״א: רח׳ איתמר בן אבי 4, טל. 4־3־2־24141, 22497.

דער הסתדרות

צו די פערציק יאר

פון איר עקזיסטענץ

אונדזער באגריסונג

איחוד הקבוצות והקבוצים

(פאַרבאַנד פון קבוצות און קיבוצים)

פאנד פון פארזיכערונג און פענסיע פאר לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער און פאכלאזע

(קרן בטוח ופנסיה לפועלים חקלאים ובלתי מקצועיים)

די אויפגאַבע פון פאָנד איז דערהערבן סאָציאַלע רעכטן פאַר די לוינאַרבעטער אין דער לאַנדווירטשאַפט און פון אַנדערע נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטן.

אין יאָר 1959 האָבן אַרום 70.000 מיטגלידער גענאָסן פון דעם פאָנד אויף אַזאַ אופן :

1. דעם באַטרעף פאַר די יערלעכע אורלויבן : 2.500.000 (צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן) לירות האָט דער פאָנד אויסגעצאָלט זיינע מיטגלידער אין יאָר 1959 אַלס יערלעכן אורלויב־געהאַלט.

2. קראַנקייט־געלט : 1.100.000 (אַ מיליאָן און הונדערט טויזנט) לירות האָט דער פאָנד אויסגעצאָלט זיינע מיטגלידער אין יאָר 1959 אין קראַנקייט־פאַלן.

3. פּאַראַלעלער שטייער : 1.300.000 (אַ מיליאָן און דריי הונדערט טויזנט) לירות האָט דער פאָנד איבערגעהיזן פאַר פּאַראַלעלן שטייער (מס מקביל) אין יאָר 1959.

4. עלטער־פּענסיע און פאַרגעלטונג : דעם 1.9.1958 זענען די ערשטע צענדליקער מיטגלידער אַוועק אויף עמעריטור. אויף באַקומען עלטער־פּענסיע האָבן רעכט די אַלע, וואָס זענען געווען מינדעסטנס 10 יאָר מיטגלידער אין פאָנד און דערגרייכט דעם עלטער פון 65 יאָר, מיטגלידערינס — אין עלטער פון 60.

5. אָפּרו : דער פאָנד האָט באַשטעלט אָפּרו־פּלעצער פאַר די מיטגלידער אין הר־כנען, כפר החורש, טבעון און אשקלון.

6. דער פאָנד העלפט דער אלמנה און יתומים פון אַ מיטגליד וואָס איז געווען פאַרזיכערט אין פאָנד פאַר קעגנזייטיקער לעבנס־פאַרזיכערונג, דורכן באַשטימען אַ סומע פון 3.000 לירות. איבער 250.000 (אַ פערטל מיליאָן) לירות האָט דער פאָנד אויסגעצאָלט אין 1959 די יורשים פון פאַרשטאָרבענע מיטגלידער.

7. הילף פאַר מיליטער־רעזערוויסטן : דער פאָנד העלפט די מיטגלידער ביים באַקומען קאָמפּענסאַציע־לוין בעתן זיין אין רעזערוו־דינסט. בערך 200.000 ל״י האָט דער פאָנד אויסגעצאָלט אין יאָר 1959 אין אַזעלכע פאַלן.

8. קאָנסטרוקטיווע הלוואות : דער מיטגליד האָט רעכט צו באַקומען פונעם פאָנד הלוואות אויף וווינונג, הילף־ווירטשאַפט און אַנדערע קאָנסטרוקטיווע באַדערפענישן אויף אַ נידעריקן פּראָצענט. אַרום 2.000 מיטגלידער האָבן אויסגענוצט דאָס דאָזיקע רעכט אין יאָר 1959.

9. אַנטשעדיקונג אין פאַל פון אַרבעט־אָפּזאָג : אין סוף 1959 איז אין אונדזער פאָנד געשאַפן געוואָרן אַ יסוד פאַר אַן אַנטשעדיקונג־קאַסע לטובת אָפּגעזאָגטע אַרבעטער. דער אַרבעטסגעבער האָט אויסגעטיילט פאַר דעם צוועק $4\frac{1}{2}\%$ פונעם לוין פון אַ באַשטענדיקן טאָג־אַרבעטער און $8\frac{1}{3}\%$ פונעם לוין פון אַ חודשלעכן אַרבעטער. דער מיטגליד וואָס פאַרלאָזט די אַרבעט באַקומט אַנטשעדיקונג פון דער קאַסע לויטן געהאַלט וואָס ער האָט באַקומען בעת ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן.

קופה לביטוח חקלאי הדדי, אגודה שיתופית בע״מ

קאַסע פאַר קעגנזייטיקער לאַנדווירטשאפטלעכער פארזיכערונג

תל־אביב, רח׳ אלנבי 115, קומה ג׳, טעל. 64035, 65933, ת. ד. 462

פאַרזיכערונג פון תבואות, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאשינען
און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פארמעגנס

צום סוף פון בילאַנס־יאָר ווערט דער עודף אומגעקערט צו די פאַרזיכערטע.

„תנובה"

פאַרבינדט,	אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, 500 לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און הונדערטער איינצל־ווירטשאַפטן אין אַלע געגנטן פון לאַנד, צום אָפּזאַץ פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע און שפּייז־אינדוסטריע.
פאַרקויפט	אַלע מינים לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.
מעלקערייען,	שטאָטישע און געגנטלעכע מילך־סטאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד.
הורט־סקלאַדעס	און אָפּטיילונגען פאַרן פאַרקויף פון פאַרשידענע לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן אין אַלע שטעט און ישובים.
אָפּטיילונגען	פאַרן קאָנצענטרירן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און פאַקונגס־סקלאַדעס אין אַלע געגנטן פון לאַנד.
שפּייז־באַאַרבעטונג	פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

הויפּט־ביוראָ

„תנובה", קאָאָפּעראַטיווער צענטער פאַרן האַנדל מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אין ישראל מ.ב.פ. תל־אביב, בית „תנובה", רח' יהודה הלוי 17, ת.ד. 265, טעל. 5—61501

„תנובה" פאַרקויפט איבער 70 פּראָצענט פון דער גאַנצער פאַרשידנאַרטיקער יידישער לאַנדווירטשאַפט־פּראָדוקציע



יכין-חקל

עיבוד פרדסים
שיווק פרי הדר
נטיעה חדשה
גני-ירק
התישבות עממית
תעשיה חקלאית
שיכון משקי עזר

באַארבעטונג פון פרדסים

פאַרקויף פון ציטרוס־פרוכטן

נייע פאַרפלאַנצונגען

גרינצייג־גערטנער

פאָלקס־זידלונגען

לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטרי

שיכון, הילפס־ווירטשאַפטן

תעשית אבן וסיד בע"מ

שטיין און קאַלך אינדוסטרי מב"פ

חיפה: ככר סולל בונה 1, ת. ד. 4854, טעלעפאָן : 66501
פאַבריק פון מאַרמאָר („אבן") דרך סימון, טעלעפאָן 71171

ירושלים: רחוב שמאי, בנין גזית, טעלעפאָן 5283

תל־אביב: רחוב אלנבי 111, טעלעפאָן 66898, 61031
מאַרמאָר־אָפּטיילונג : רחוב אלנבי 111, טעלעפאָן 67109

באר־שבע: בית סולל בונה, טעלעפאָן 2017

אילת: טעלעפאָן נומער 314

האָקערייען פון שטיין, מאַרמאָר און גראַניט, קאַלך־ברענערייען, גיפּס־ברענערייען, שטיין־מילן, פאַבריקן צום באַארבעטן מאַרמאָר און גראַניט.

געזעלשאַפט פאַר בוי און עפנטלעכע אַרבעטן געגרינדעט פון „סולל בונה" מב"ה

די גרעסטע אונטערנעמונג אין לאַנד פאַר הייזער־בוי, שאָסייען, בריקן, פלי־פלעצער, קאַנאַליזאַציע און געביידעס אויף ספּעציעלע וויסנשאַפט־צוועקן.

פירט אַדורך בוי־און אַנטוויקלונגס־אַרבעטן פון צפונדיקן גליל ביז די ווייטסטע ווינקלען פון נגב, ביז אילת.

הויפּט־ביוראָ: תל־אביב, אלענבי 111 — ת. ד. 1267 — טעל. 7—61031
ביוראָ פון צפון־געביט: חיפה, יבנה־גאַס, הויז פון סולל בונה — ת. ד. 4994 טעלעפאָן 66501
ירושלימער ביוראָ: ירושלים, המלך ג'ורג' 47 — ת. ד. 1344 — טעלעפאָן 4315/7

אָפּטיילונג פאַרן דרום

אילת — טעלעפאָן 210
באר־שבע — רח' העצמאות, טעל. 2301
קרית גת (ביוראָ) טעלעפאָן 31
מגדל אשקלון — הויז נומ. 24/1248, טעל. 36, 21
רחובות — רח' הרצל 20, טעל. 951217
ראשון לציון — רח' זשאַבאָטינסקי, טעלעפאָן 941501 (ת"א)
רמת־גן — רח' יהלום 12, טעל. 72121
פתח תקוה — רח' חאַלפסאָן, הסתדרות־הויז — טעל. 911659 (ת"א)
כפר סבא (ביוראָ) — טעל. 933142
הרצליה — רח' בני בנימין, טעל. 931267
נתניה — רח' סמאָלענסקין 17, ת. ד. 31, טעלעפאָן 3958

אָפּטיילונגען פאַרן צפון

חדרה — רח' הנשיא ויצמן, טעל. 2549
עפולה — רח' יהושע, ת. ד. 26, טעלעפאָן 138, 64
נצרת — שכון עממי, טעל. 141
טבריה — קרית שמואל, ת. ד. 2, טעלעפאָן 153, 379
קרית שמונה — טעל. 0170—4
עכו — רח' יהושפט 42, טעל. 86
צפת (ביוראָ) טעלעפאָן 149
חיפה — אינערלעכע אָפּטיילונגען:
מערב־חיפה — טעל. 6513
קרית טכניון — טעל. 68384
רמות רמז (רוממה) טעל. 68567
עמק זבולון: קרית חיים, הויפּט־שאָסיי, טעלעפאָן 71314
אָפּטיילונג הכרמל — טעלעפאָן 67299

בוי־אָפּטיילונג פאַר התישבות־בנינים, בשותפות מיטן „איחוד הקבוצות והקיבוצים" — אין די ביוראָען פון דער געזעלשאַפט פון תל־אביב און חיפה.

אָפּטיילונג פאַר בויען הייזער צום דירות־פאַרקויף — רח' קרל נטר 1, ת"א טעלעפאָן 63362

פיליאַלע געזעלשאַפטן:

חרות מב"ה

סאַניטאַרע אינסטאַלאַציע, צענטראַל־באַהייצונג, קאַנאַליזאַציע א. א. וו. תל־אביב (הויפּט־ביוראָ):

דרך יפו 7, ת. ד. 1969 טעל. 82370, 9—82376
חיפה: רח' הנמל 46 ת. ד. 648, טעל. 6—67904
ירושלים: רח' יפו 57, ת.ד. 342, טעל. 3096, 3211, 62500.

אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד.

שטיין און קאַלך־אינדוסטריע מב"ה

האַקערייען פון שטיין און מערמל, קאַלך־ברענערייען, שלייפערייען און שניט פון מערמלשטיין

חיפה: (הויפּט־ביוראָ) רח' יבנה, הויז פון סולל בונה, ת.ד. 4994 טעל. 66501
תל־אביב: רח' אלנבי 111 טעל. 63077, 66898, 67109, ת. ד. 2822
ירושלים: רח' שמאי, בית גזית, טעל. 5283.

אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד.

חרושת חימר מב"ה

פאַבריקן פאַר צעמענט און אַספאַלט־פּראָדוקציע

תל־אביב (הויפּט־ביוראָ)

רח' אלנבי 111, טעל. 67921 און 7—61031 ת. ד. 1267

אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד.

חרות מ.ב.פ.

חרות איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919 אין ירושלים ווי אַ קאָאָפּעראַטיוו פון אַ גרופּע באַפרייטע זעלנער, קעמפער פון יידישן לעגיאָן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין יאָר 1937 איז חרות רעגיסטרירט געוואָרן אַלס געזעלשאַפט, וועמענס גרינדונגס־אַקציעס געפינען זיך אין די הענט פון חברת העובדים און די געוויינלעכע אַקציעס זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו סולל־בונה.

חרות איז די גרעסטע און פאַרלעסלעכסטע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג אויפן געביט פון סאַניטאַרער אינסטאַלאַציע. חרות באַזיצט ספּעציעלע אָפּטיילונגען פאַר:

א. צוגרייטן און אויספירן פאַרשידענע אינסטאַלאַציע־אַרבעטן אין אַלע טיילן לאַנד.

ב. מסחר, מיט פאַרקויף־געשעפטן ביי יעדער אָפּטיילונג.

ג. עלעקטרישע אַרבעטן פון אַלע סאָרטן.

ד. וואַסער־פילטרירונג „אלסיד“.

ה. ווענטילאַציע.

חוץ די אויבנדערמאָנטע אָפּטיילונגען עקזיסטירט ביי חרות מ.ב.פ. אַן אינדוסטריע, וואָס שטעלט צו אַ ריי פּראָדוקטן און אַרבעטן פאַר אירע אַנדערע אָפּטיילונגען.

די פאַבריקס־אונטערנעמונגען זענען פאָלגנדיקע:

1. פאַבריק פון עלעקטרישע קעסלען;
2. פאַבריק פון גלאָז־זייד: רערן און טאָוולען פון גלאָז־זייד;
3. פאַבריק פאַר בליי־אויסאַרבעטונגען.
4. פאַבריק פון הייץ־ און דאַמף־אויוונס, טערמאָסטאַטן, קעסלען פאַר הייס וואַסער, ברענשטאָף א.א.וו; אויטאָמאַטישע אייל־צינדער, טיילן פאַר טעמפּעראַטור־רעגולאַציע, אינסטאַלאַציעס פאַר וואַסער־פילטרירונג, וואַסער־פאַרווייכער — וואַסער־פילטערס — קויל־פילטערס — כלאָרענטאָרן.
5. פאַבריק „יום“ פון צענטריפוגאַלע רערן (בשותפות מיט „חימר“).

חרות באַשעפטיקט ביי 3000 אַרבעטער און זי איז די איינציקע געזעלשאַפט וואָס פאַראייניקט אין זיך אַלע אינסטאַלאַציע־פאַכן. די גרויסע צאָל אַרבעטן, וועלכע חרות האָט אַדורכגעפירט אין אַלע טיילן לאַנד האָבן דאָס באַוויזן, ווי למשל: די אינסטיטוטן פאַר וויסנשאַפט און פאָרשונג, לאַבאָראַטאָריעס, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, שפּיטאָלן, האָטעלן, דער הייל־צענטער א. א.

הויפּט־ביוראָ: תל־אביב, דרך יפו 7, טעלעפאָן 9—82376
אָפּטיילונגען אין גאַנצן לאַנד

הסתדרות פועלי הבנין

פאַרבאַנד פון בוי-אַרבעטער

פאַרזיכערונגס-פאָנד פון בוי-אַרבעטער און

פון אַרבעטער ביי עפנטלעכע אַרבעטן

דער פאָנד צאָלט אויס פאַר די מיטגלידער:

אַנטשעדיקונג אין אַ קראַנקייט־פאַל • אַנטשעדיקונג
בעת אַן אומגליק־פאַרפאַל (צוגאָבלעך צו דער אַנטשעדיקונג
פון דער פאָלקס־פאַרזיכערונג (בטוח לאומי), ביזן אויסגלייכן צו דער
נאָרמע פון דער קראַנקייט־אַנטשעדיקונג) • יערלעכער
אורלויב • אָפּרו־הויז • פענסיע פאַר די יום-טוב-
טעג • פאַמיליע־צוגאָב • דעם אונטערשיד פון דער
רעדוקציע־אַנטשעדיקונג • וווינונג־הלוואות •
קליינע הלוואות • לעבנס־פאַרזיכערונג • רעקאָנ־
וואַלעסצענץ • פאַך־אינוואַלידשאַפט און עלטער־פענסיע.

דער פאָנד עקזיסטירט שוין 15 יאָר

(1960 — 1945)

שכון עובדים בע"מ

(דירות פאר ארבעטער מ. ב. פ.)

תל־אביב, רח׳ לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי 21, טעל. 28145
חיפהער אָפּטיילונג, רח׳ החלוץ 43, טעל. 4381
ירושלימער אָפּטיילונג, רח׳ מענדעלע, ראָג זשאַבאָטינסקי
טעל. 3097

במשך די 28 יאָר וואָס די געזעלשאַפט עקזיסטירט

זענען אויפגעשטעלט געוואָרן
איבער 270 קוואַרטאַלן און געגנטן
אין שטעט און מושבות

זענען אויפגעבויט געוואָרן
57.000 דירות, און אין זיי

זענען איינגעאָרדנט געוואָרן
235.000 פערזאָן

*

- ארבעטער-קווארטאלן
- ארבעטער-וווינונגען און הייזער
- וווינונגען פאר יונגע פארן
- וווינונגען פאר אלטגעזעסענע
- פאלקס-וווינונגען
- וווינונגען דורך אפשפארונגען
- וווינונגנען פאר עולים
- וווינונגען פאר סטאביליזירטע אין מיליטער

„אגד"

אויספלוגן און
שפאצירן
דער רעקארד
פון אמוזירן

דער רעקארד פון גוט פארברענגען
איז אן אויספלוג מיט „אגד"

סטאַבילע פאָלקס־אויספלוגן אין דער
באַגלייטונג פון געניטע אינסטרוקטאָרן
פון תל־אביב, חיפה און ירושלים קיין
אילת יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק;
קיין סדום — יעדן דאָנערשטיק.

פרטים און באַשטעלונגען אין דער
אָפּטיילונג פאַר אויספלוגן און טוריסטיק

„אגד־טיור"

1) ירושלים — טעל. 4000

2) תל־אביב — טעל. 52004

3) חיפה — טעל. 68151

און ביי אַלע
אייערע
רייזע־אַגענטן

ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בא״י
הועד הפועל

לשכת המס המרכזית

צענטראל־ביורא פאר מס אחיד
(מיטגלידס־שטייער)

תל־אביב, רחוב ארלוזורוב 93
טלפון: 3 - 21191

הסנה
חברה ישראלית לביטוח בע״מ

חברת הביטוח
הגדולה בישראל

די גרעסטע פארזיכערונגס־
געזעלשאפט אין ישראל
אַלע מינים פון פאַרזיכערונג

•

די איינציקע געזעלשאַפט וואָס צאָלט
פרעמיעס די ביי איר לעבנס־פאַרזיכערטע

•

פאַרזיכערונג מיט ווערט - גאַראַנטיע

•

פאַרגיטיקונגס־פאַרזיכערונג מיט אַבסאָ־
לוטער ווערט־גאַראַנטיע

הויפּט־ביוראָ: תל־אביב, רחוב מונטפיורי 27
פיליעס און אַגענטורן אין גאַנצן לאַנד

ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל

ארכיון העבודה, רח׳ ויצמן 34 ת״א טל. 24709

געגרינדעט 1932

הויפט־אויפגאַבע:

זאַמלען און קאָנצענטרירן ידיעות און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, צו אירע מקורות, אויפטועץ און אַנשטאַלטן. דער אַרכיון פירט אַ טעטי־קייט אויך אין חוץ לארץ. עס איז כמעט נישטאָ קיין איין גרויסער יידישער ישוב, וואָס דער אַרכיון זאָל נישט זיין פאַרבונדן מיט אַנטשפּרעכנדיקע אינסטיטוציעס אין אים.

דער אַרכיון באַדינט אויך דעם ברייטערן עולם באַזוכער, בפרט פאָרשער, ווען ער שטעלט צו די געזוכטע מאַטעריאַלן. ער אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען וועגן באַשטימטע געשעענישן און דאַטעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד און אין די תפוצות.

ביי דעם אַרכיון דערשיינען אומפּעריאָדישע זאַמלונגען — „אסופות״, געווידמעט דער פאָרשונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. בראש פונעם אַרכיון שטייען די חברים: י. זרבבל און ב. י. מיכלי.

אַלערליי באַנק־אָפּעראַציעס

אָפּטיילונגען

אין אַלע טיילן

פון לאַנד

בנק הפועלים בע״מ

נוסד 1921

יקול את שחם

על המשמר
עתון יומי

אַן אַנאָנס אין „על המשמר״ איז דאָס בעסטע מיטל צו דערגרייכן טאָגטעגלעך צי צענדליקער טויזנטער לייענער און קאָנסומענטן פון אַלע פאָלקס־שיכטן. די צייטונג געהער צו די גרעסטע מיט איר צאָל שטענדיקע און איבערגעגעבענע לייענער און זי איז די דריטע לויטן טיראַזש צווישן די פרימאָרגן־צייטונגען. אַ האַנדלס־אַנאָנס, אַ פאַמיליע־מעלדונג א. אַ. וו. — דערגייט צו צענדליקער טויזנטער לייענער דורך רעקלאַמע אין „על המשמר״.

צענדליקער טויזנטער קינדער לייענען און אַבאָנירן דעם „משמר לילדים״, דאָס וואָכנבלאַט פאַרן קינד, וואָס ברענגט וואָך־וועכנטלעך אינטערעסאַנטע דערציילונגען, לידער און צייכענונגען פאַר קינדער, און אויך וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַר עלטערן, לערער און דערציער. היי־יאָר זענען געמאַכט געוואָרן באַדייטנדיקע אויסבעסערונגען אין דער פאָרם, דרוק און אינהאַלט.

שטענדיקע אָפּטיילונגען פאַר אַרבעטער־ענינים, וועגן אונדזערע שכנים, מעדיצין, טעכניק, שפּראַך, מוזיק, ספּאָרט, שאַכמאַט, דערציונג א. אַ.

שטענדיקע וועכנטלעכע ביילאַגע פאַר ליטעראַטור, מיט דער באַטייליקונג פון די בעסטע שרייבער פון דער פּראָגרעסיווער חלוצישער מחנה, וועכנט־לעכע זייט פאַר עקאָנאָמיע און אַן איבערבליק פון דער וועלט־פּרעסע. ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן אין אַלע טיילן פון לאַנד און אין די פּאָליטישע צענטערס פון דער וועלט.

אַבאָנאַמענט־פּרייז :

„על המשמר״ — 4.75 אַ חודש

„משמר לילדים״ — 1.40 אַ חודש

אַדרעס פון רעדאַקציע און לייטונג : תל־אביב, רח׳ המסגר. אַדרעס פאַר בריוו : שירות שק דאר נעול. טעלעפאָנען 4־3־2־32271. אָפּטיילונגען אין אַלע שטעט און ישובים.

ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל

(אַלגעמיינער פאַרבאַנד פון יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל)

אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף

„מציב״ — הילפספאָנד פאַר דער משפחה פון מיטגליד נאָך זיין טויט

איינמאָליקער אויסצאָל : 250 ל״י פאַר דער אלמנה מיט אַ צוגאָב פון 40 ל״י פאַר יעדן קינד. אין יאָר 1959 : געמאַכט אויסצאָ־לונגען פאַר 1144 משפחות.

„דור לדור״ — הילפספאָנד פאַר עלטערע מענטשן

סטאַבילע חודשלעכע סובווענץ פון 28 ל״י פאַר אַ פּאָרפאָלק, אָדער 20 ל״י פאַר אַ יחיד — פאַר אַ מיטגליד פון 65 יאָר און העכער, וועלכער האָט געצאָלט סטאַביל מיטגליד־אָפּצאָל (מס אחיד) אין משך פון די לעצטע 12 יאָר, אויב זיין הכנסה, פון יעדן מקור, שטייגט נישט איבער 150 ל״י פאַר אַ פּאָרפאָלק אָדער 120 ל״י פאַר אַ יחיד.

ענדע יאָר 1959 איז אויסגעצאָלט געוואָרן די חודשלעכע סובווענץ פאַר 2023 מיטגלידער.

הוצאת הקיבוץ המאוחד

קיבוץ המאוחד פארלאג

אין זיין צוואַנציק־יאָריקער עק־זיסטענץ האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן 420 ביכער, אויף די פאַרשידנסטע געביטן: יידישע געשיכטע און ארץ־ישראל־חיסנ־שאַפט; „אומקום און אויפ־שטאַנד"; סאָציאָלאָגיע און נאַ־טור־וויסנשאַפט; דערציונג, לי־טעראַטור — אין ליד, פּראָזע און קריטיק, אין מקור און אי־בערזעצונגען; קינדער־ליטעראַטור און קונסט־אַלבאָמען.

אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמען די דאָקומענטאַציע־ביכער פון געטאָ אויפשטאַנד און פון מלחמת־השיחרור. צווישן זיי די קאַפּי־טאַלע חערק „ספר הפלמ"ח" און „ספר מלחמות הגיטאות".

אַדרעס פאַר באַשטעלונגען:

תל־אביב, רח' סוטין 27 טעל. 51271, רח' אלנבי 91, טעל. 64905

ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל

(אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל)

ספרי — אָפּטיילונג פאַר פאַרשפּרייטן דאָס גוטע בוך
תל־אביב, אלנבי 115, ת. ד. 1216, טעל. 66276, 62318

אָפּטיילונגען:

לערנביכער, אַטלאַסן און גלאָבוסן, ענציקלאָפּעדיעס און תנ"ך־ספרים.

שפּילצייג און דערציערישע שפּילן

ספּעציעלע הנחות פאַר די אַרבעטער־קאָמיטעטן און פאַר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

טעאַטער „אוהל“

דאָס טעאַטער „אוהל“ איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1926. אין משך פון די 34 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דאָס טעאַטער אויפגעפירט 120 פיעסן אויף ביבלישע און היסטאָרישע טעמעס, קלאַסישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און פון לעבן אין גלות. צווישן זיי — 12 אָריגינעלע פיעסן וועגן ישראלדיקן לעבן.

איבער אַ מיליאָן צושויער האָבן באַזוכט די דאָזיקע פאָרשטעלונגען.

„אוהל“ איז ממשיך זיין טראַדיציאָנעלע ליניע ביים אויפפירן די בעסטע פיעסן פון אָריגינעלן און אוניווערסאַלן רעפּערטואַר, ווי ער האָט דאָס געטאָן זינט 1926 ביזן היינטיקן טאָג.

„מלון פרדיסו“ פון זש. פיידי

די שוישפילער : א. מרגלית, י. גבאי, ד. קסטלניץ

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ-לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל-דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. ליוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאַרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר-ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן

ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פּ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן (נאָוועלע)
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער (עסייען)
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף־יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירג. יוצאי בורשצ׳יב	ספר באָרשטשיוו
מנור א.	40 יאָר הסתדרות
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס